STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08981

# EYBIK AYNZAM

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלעווערק:

# ז. סעגאלאוויטש

צענטער באַנד

דריטע אויפלאַגע

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

ז. סעגאלאוויטש

# אייביק איינזאם

I. פון דער טרילאָגיע זעליקס יאָרן

ווארשע 1929

געזעצט: פ. קרימער, פולאוו
געדרוקט אין „רעקאָרד“ דזשיקע 18

---

WIECZNIE SAMOTNY

---

Wydawnictwo Ch. BRZOZA
Warszawa, Leszno № 27.

---

Druk. ‚Rekord‘ Warszawa Dzika 18

I.

# באם זיידן...

דאָס לעצטע הויז פון דער גאַס... און נאָך דעם הויז איז געלעגן אַ שוואַרץ טייכל מיט אַ הילצערנער בריק, און נאָכן טייכל האָבן זיך געצויגן נישט-באַאַרבעטע פעלדער, פאַרוואָרפן מיט שטיינער און ציגל, דאָרטן פלעגט מען אָפּלייגן דאָס גאַנצע אָפּ-פאַלעכץ פון דער שטאָט, שוואַרצן ברודיקן שניי, מיסט פון די גאַסן, געפגרטע פערד. און נאָך אַ ביסעלע ווייטער האָט זיך גע-זען אַ טורעם פון דער וואַסער-לייטונג און עטלעכע הויכע קוימענס פון אונטערשטאָטישע פאַבריקן, וועלכע האָבן געטייטלט צום הימל מיט לאַנגע שטראָמען רויך...

אַ סך מאָל איז דער הימל ריין געווען איבערן גאַנצן שטח און אַ סך מאָל פלעגן וואָלקנס קומען, גרויסע, שוואַרצע, אומגע-לומפערטע שטיקער וואָלקנס, וועלכע פלעגן זוכן יעדעס ברעקעלע בלאָקייט, אויפנאַשן, אויפצופרעסן די פלאַכטעס בלויען רוים...

און גרוי פלעגט ווערן די גאַנצע וועלט, דאָס ווייטע ליידי-קע פעלד מיט דעם ברעג גאַס, ווו די עטלעכע לעצטע הייזלעך האָבן אַזוי ווי זיך געשראָקן פאַר דער גרויסער פוסטקייט, וואָס הייבט זיך אָן נאָך זיי.

פויערישע פירלעך פלעגן דאָרט פאַרבייפאָרן מיט גרינע

קאָניטשינע אָנגעפּאַקט, און אַ סך מאָל פלעגט נאָכלויפן אַזאַ פור אַ יונג לאַשאַקל, עס פלעגט פריילעך וואַרפן מיטן קאָפּ און מיט דעם וויידל...

ערגעץ־ווו איז דאָ אַ פרייע וועלט: דאָרף, גרינס און וואַלד...

דער יונגער זעליק פלעגט שטיין בײַ זײַן זיידנס הויז און קוקן מיט נײַגעריקייט אויף אַלץ, וואָס דאָ פלעגט זיך באַווייזן און פאַרשווינדן ווערן...

דאָס הויז איז געווען אַלט און זעליקס זיידע איז אויך גע־ווען אַלט.

אין אונטערשטן גאָרן האָבן געלעבט: דער זיידע, די באָבע און רבקה, דעם זיידנס יונגסטע טאָכטער, וועלכע איז שוין אָבער געווען אַן אַלט מיידל.

אין אויבערשטן גאָרן האָבן זיך געטרוקנט פעלעכלעך, און צו זעקס יאָר איז שוין זעליק געקראָכן מיטן זיידן אין דער הייך, און אים געהאָלפן צו דער אַרבעט.

זײַן טאַטע־מאַמע זײַנען אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטע שטאָט. זעליקל האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַ טאַטן און ער האָט אַ מאַמען, ער האָט אויך געוווּסט, אַז ער האָט שוין נאָך אַ ברודערל און נאָך אַ שוועסטערל, נאָר קיינמאָל האָט ער זיי נישט געזען, ווײַל נאָך זײַן געבוירן ווערן האָט מען אים אַוועקגעגעבן צו אַן אַם און פון דער אַם האָט מען אים געבראַנגט צום זיידן, און דאָ האָט ער זיך געהאָדעוועט.

לעבן דער אַלטער באָבען און לעבן דעם אַלטן זיידן האָט זיך געפילט דער ריח פון אָפּגעלעבטקייט, די גאַנצע שטוב האָט געאָטעמט מיט אַלטקייט, דער טיש, די שטולן, די לייכטער פון שבת, דעם זיידנס פאַרשימלטער טלית, דער באָבעס קרבן־מנחה מיט דער אָפּגעקראָכענער לעדער, אויסער דעם פלעגט דאָ נאָך

צוקומען דער ריח פון אויבערשטן גאָרן — פון די פעלעכלעך, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געטרוקנט.

דאָס אַלץ האָט זיך שווער געלייגט אויף דער יונגער נשמה פון קליינעם זעליקל...

ער איז געווען אַליין מיט זיך, אַליין מיט די גרויסע טונקע-לע אויגן, וועלכע האָבן אַצינד גענומען קוקן אויף גאָטס מאָדנער וועלט.

דער זיידע האָט אים ליב געהאַט, פלעגט אים אָפט אַוועק-זעצן אויף די קניען און זיך שפּילן מיט אים, נאָר פון זיידן האָט זיך שטענדיק געפילט דער ריח פון פעל, און דערצו פלעגט ער אים באַרשטן כסדר איבער זיין יונג פנימל מיט דער גרויסער באָרד, און דאָס האָט זעליק נישט ליב געהאַט, ווייל די באָרד האָט געשטאָכן.

די באָבע האָט שטענדיק געקרעכצט און שטענדיק זיך גע-בייזערט אויף אַלעמען. זי האָט זיך זייער ליב געהאַט, די באָבע, אירע קאָמפּאָטלעך האָבן שטענדיק געמוזט שטיין לעבן איר. זי האָט ליב געהאַט זיסע זאַכן, און דער זיידע פלעגט אַלץ ברענגען.

אויף זעליקן האָט זי געקוקט קרום, ווייל עס איז צוגעקו-מען אַן עסער אין שטוב, און דערצו האָט זי צו זעליקס טאַטן גע-האַט אייביקע פּרעטענציעס...

וואָס יענער איז נישט פרום, וואָס ער האָט געטון אַ שידוך נישט ווי געהעריק.

אָט די נישט-ליבע האָט זי אַריבערגעטראָגן אויף זעליקן. זי פלעגט קיין סך נישט רעדן, די באָבע, עס איז געווען גענוג, אַז זי זאָל אויפהייבן אירע טיפע, שוואַרצע אויגן, און אַלע האָבן גענומען אין שטוב מורא האָבן. זי איז געווען אַ קלוגע און אַ גרוי-סע יחסנטע. פון „רבנים", און חתונה האָט זי געהאַט נישט מיט איר גלייכן — דעריבער איז זי דאָס גאַנצע לעבן געווען אומצופרידן.

אויסגעדוכט האָט זיך, אַז זי דאַרף גאָר זיצן אויף אַ טראָן און דאָ טראָגט זיך גאָר דער ריח פון די פּעלעכלעך — זי האָט געהאַט מיט וואָס צו זיין אומצופרידן.

אין דער אמתן איז טאַקע אַזוי געווען: זי איז געווען מיט איר גאַנצן אויסזען גאַרנישט צוגעפּאַסט צו די נידעריקע צימערן פון דעם הויז. דער יחוס איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. אפילו אין די וואָכעדיקע טעג פלעגט זי טראָגן נישט קיין וואָכעדיקע בגדים און ווער רעדט אין שבת צו אין אַ יום טוב, יענע פלעגט זיך אויספּוצן אין אַ שווארץ זיידן קלייד מיט פּאַטשערקעס, אַ וועלט מיט פּאַטשערקעס האָט זי געהאַט, די באָבע, אויף אירע קליידער.

איך די דאָזיקע פּאַטשערקעס האָט זיך זעליק געלערנט צו אונטערשיידן קאָלירן...

גרין, בלאָ, שווארץ, און מיט אַמאָל שפּרינגט אַריין אַזאַ אומשולדיק ווייס שרעטעלע און באַלד אַ שטיפעריש רויט שרעטעלע.

ווי אַזוי קען מען דאָס מאַכן, אַז שטענדיק זאָל זיין יום טוב?

דאַמאָלס וואָלט די באָבע געטראָגן יעדן טאָג איר זיידן קלייד, און דאַמאָלס וואָלט זעליק כסדר געקוקט און כסדר געחלומט פון אירע קאָלירטע פּאַטשערקעס.

אַז די באָבע פלעגט זען, ווי זעליק לאָזט נישט אַראָפּ פון איר די אויגן, פלעגט זי בייז ווערן און פרעגן:

— וואָס גלאָצסטו אויף מיר די אויגן דיינע?

— אויף די פּאַטשערקעס קוק איך... און אַליין זיך באַלד פאַרוקט אין אַ ווינקל.

און איבער זיין קאָפּ האָט געקלאַפּט אַן אַלטער זייגער און געוואָרפן מיט אַ גרויסן מעשענעם פּאַמפּעטיטל...

זעליק פלעגט זיך פאַרטראַכטן. מאָדנע פאַנטאַזיעס פלעגט ער זיך אויסמאָלן אין זיינע נישט רייפע קינדערישע געדאַנקען...

דער זייגער קלאַפט און דער קליינער זעליקל טראַ קיינער שטערט אים נישט.

אויבן אויפן בוידעם טרוקענען זיך פעלעכלעך, קעלבערנע און שעפסענע פעלעכלעך...

דאַכט זיך אים אויס, אַז די פעלעכלעך נעמען זיך רירן; איינציקווייז, איינציקווייז, ביז עס ווערט פון זיי אַ גרויסע סטאַדע...

לויפן זיי, די שעפסן...

קריכן קוים די קעלבלעך, קוליען זיך אויף די נישט זיכערע פיסלעך אַלץ ווייטער...

וווהין?

צום גרינעם גרויסן פעלד...

און ער, זעליק, האַלט אַ לייכטע בייטש און טרייבט זיי גוט־מוטיק אונטער, די קעלבלעך מיט די שעפסן...

— זעליק! וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט די אויגן דיינע אין דער וואַנט אַריין? זעליק!

דאָס האָט אים דער זיידע אַ רוף געטון און צעיאָגט זיינע שעפסן.

ווידער דער נידעריקער סופית.

פון צווייטן חדר קומט אַריין די באָבע.

שוין אָוונט־צייט, שוין אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, און שטענדיק אין דער צייט איז זי נאָך בייזער, ווי שטענדיק, פונקט ווי עס וואָלט זי פאַרדראָסן וואָס אַ טאָג איז אַוועק. און ווען זעליק דערזעט, אַז די באָבע איז אין כעס, דערפילט ער זיך שולדיק און ער סטאַרעט זיך נאָך מער צו באַהאַלטן.

אָבער וואָס איז שולדיק געווען דאָס קליינע זעליקל מיט זיין בלייך פנים?

ער האָט שטענדיק נאָך עפּעס געבענקט... דאָס, וואָס ער האָט ביז זעקס יאָר נישט געזען די מאַמע זיינע און קיין גוט וואָרט, קיין וויג-לידל נישט געהערט, דאָס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן — זעליק האָט שוין אין זיינע יונגסטע יאָרן גענומען קוקן אין דער ליידיקער ווייטקייט אַריין, וואָס איז געלעגן איבערן בריק... ער האָט געקוקט אויף די פעלדער, אויפן שטיק הימל מער ווי אויף מענטשן און אפילו אויפן בוידעם, ווו דער זיידע פלעגט אים מיטנעמען סאָרטירן די פעלעכלעך, אויך דאָרט איז געווען אַ שטיקל פענסטערל און פון פענסטערל איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף דער גרויסער וועלט, אויף דעם טורעם פון דער וואַסער-לייטונג און אויף די פעלדער, איבער וועלכע עס האָבן זיך געדרייט מחנות הונגעריקע קראָען.

דאָס טייכל אַרום זייער הויז איז געווען אַ שוואַרצס, פאַר-ברודיקט פון די פאַבריקן, אמת, באַנאַכט האָט עס גערוישט און געשריגן לויפנדיק איבער די שטיינער, נאָר בייטאָג פלעגט זיך דער הימל אין אַזאַ ברודיק וואַסער נישט אָפּשפיגלען און נישט איין פאַרבייגייער פלעגט די נאָז פאַרשטאָפּן פון דעם טייכס ריח.

פאַר זעליקן האָט עס דאָך געהאַט אַ סך גייגעריקייט און אַ סך סודות... אַמאָל פלעגט צושווימען פון ערגעץ אַ טויטער הונט, אַ קאַץ, אָדער אַ האָן, פון וועלכן די פעדערן זיינען שוין געווען אַראָפּגעקראָכן, נאָר דער רויטער קאַם האָט געלויכטן און דערציילט, אַז דער האָן האָט אַמאָל געלעבט, געפּאַטשט מיט די פליגל און געשריגן: „קוקעריקו!“

אַ רחמנות איז אים געווען אויף יעדער טויט באַשעפעניש, וואָס ער האָט געזען...

פון אַלץ, פון יעדער קליינינקייט פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן; אַ מייזל האָט מען געכאַפּט אין אַ פּאַסטקע, מען האָט עס באַגאָסן מיט נאַפט און אונטערגעצונדן, אַלע קינדער שטייען און ווייַלן זיך...

בײַ אים דריקט דאָס הערצל, אים װילט זיך װײנען,
ער פֿלעגט זיך אָפּרוקן פֿון אַלעמען מיט זײַן װײטיק.

ער האָט ליב געהאַט צו זיצן בײַ דעם טײַכל, עס האָט אים געפֿרײט, װאָס דאָס קומט פֿון ערגעץ און ערגעץ גײט עס אױך. עס האָט אים געפֿרײט דאָס רױשן בײַנאַכט און װער רעדט נאָך אַ רעגן, װען פֿון דער גאַנצער שטאָט פֿלעגן זיך אַלע שטראָמען טראָגן אין טײַכל אַרײַן, און דאָס טײַכל פֿלעגט זיך פֿון פֿריש רעגן-װאַסער אױפֿהײבן העכער און װערן ברײטער. אין אַזעלכע שעהן האָט מען אים געקענט געפֿינען גאָר בײַם װאַסער... איבעריקנס, ער האָט געהאַט ביז אַ צײַט אַ פֿרײַ לעבן, די באָבע איז געװען פֿאַרנומען מיט איר קאָמפּאָטלעך, רבקה, די מומע זײַנע פֿלעגט ערגעץ פֿאַרשװינדן װערן אױף גאַנצע טעג און דער זײדע מיט זײַנע פֿעלעכלעך.

ער פֿלעגט זײ טרוקענען און סאָרטירן די פֿעלעכלעך, אַנדערע פֿון זײ זײַנען געװען מיט רײַצענדן בלוט, זעליק פֿלעגט אױפֿציטערן, װען ער פֿלעגט דערזען בלוט.

דער זײדע פֿלעגט די פֿעלעכלעך פֿון ערגעץ ברענגען און ערגעץ פֿלעגט ער זײ אַװעקפֿירן.

זעליק האָט געװוּסט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גרױסע װעלט מיט אַ סך „ערגעצן", נאָר ער האָט דערװײַל אַ קלײן װינקעלע בײַם שװאַרצן טײַך און נישט מער.

אין דער צײַט פֿון רעגן האָט ער זײער ליב געהאַט צו קוקן אױף די שטראָמען, װאָס פֿלעגן לױפֿן צום טײַכל, און נאָך אַ פֿאַרגעניגן האָט ער געהאַט: אַרײַנשטעקן די הענט אין אַזאַ רינשטאָק-שטראָם און פּלוּכטשען דאָס װאַסער און זוכן אױפֿן דעק טשװעקעס, פּאָדקאָװעס און אַנדערע שטיקלעך אײַזן, אַמאָל פֿלעגט אױך טרעפֿן, ער פֿלעגט געפֿינען אַ קופּערנע מטבע און דאַמאָלס פֿלעגט אים אױס

דוכטן, אַז דאָרטן אונטערן וואַסער ליגט אַן אוצר באַהאַלטן און ער פלעגט נעמען חלומען...

איינמאָל האָט אים אַ שלעכטער מענטש דעם חלום איבער־געריסן.

זעליק איז געזעסן מיט די הענט אין וואַסער און געזוכט. דאָס וואַסער האָט האַסטיק געשטראָמט און געקילט זיינע דאַרע הענטלעך... אַ מחיה.

מיטאַמאָל האָט אים דער פרעמדער מענטש אַ שטויס גע־טון און אַריינגעוואָרפן אין ברייט־פונאַנדערגעגאָסענעם רינשטאָק. ער איז קוים פון דאָרטן אַרויסגעקראָכן, איינגאַנצן אויסגענעצט און צעשלאָגן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע פון שלעכטס, וואָס ער האָט פאַרזוכט, די ערשטע באַליידיקונג פון אַ מענטש. ווי אַ ביטער קערנדל איז דאָס אַרויפגעפאַלן אויף זיין נשמה און זיין גאַנץ לעבן האָט ער דאָס געדענקט...

פאַרוואָס האָט אים דער פרעמדער מענטש באַליידיקט? ער, אַזאַ קליין באַשעפעניש. קיינער זעט אים נישט... פאַרוואָס האָט אים דער פרעמדער אַ שטויס געטאָן אין רינשטאָק?

הייסט עס, אַז אויסער דעם טייכל מיט יענער זייט וועלט, ווו עס ליגן פעלדער און וועלדער, אויסער דעם הימל, אויסער אַלץ, וואָס זיין אויג האָט שוין פאַרנומען איז פאַרהאַן נאָך עפּעס...

דער „עפּעס" איז דאָס שלעכטס, וואָס דער מענטש טראָגט אין זיך, זעליק האָט נאָך דערווייל צו דעם קיין נאָמען נישט גע־האַט... מורא אָבער האָט ער שוין געהאַט...

צו יענער צייט האָט דער זיידע איינמאָל אַהיימגעבראַכט אַ ייִד מיט אַ שוואַרצער באָרד:

— דאָס וועט זיין דיין רבי, זעליק!

און מאָרגן איז געקומען אַ בחור, אַ באַהעלפער און ער האָט

דעם קלײנעם זעליקל געפירט איבער די גרויסע גאַסן פון דער שטאָט.

ער האָט אים געבערענגט אין חדר צווישן פרעמדע יונגלעך, וועלכע האָבן אַזוי פרײלעך געשטיפט און געלאַכט.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך צוגעוווינט צו די קינדער און צום נײעם טומל.

דערנאָך האָט מען געביטן דאָס חדר אויף אַ צווייטס, עס איז אַוועק אַ צייט מיט בייזע מלמדים, מיט שווערער לופט און שווערן קנעלן. און אין יעדן חדר איז דאָך געווען אַ פענסטער און צום פענסטער האָט זיך זעליקס בליק געריסן מער ווי צום חומש, ווייל אויף דער גאַס איז געליגען זון און איבער די גאַסן אַ הימל.

פאַרהאַן זאַכן, וואָס זעליק האָט זיין גאַנץ לעבן נישט גע-קענט פאַרגעסן: בײַ איין מלמד איז דאָס ווייב געווען אַ קראַנקע, און געלעגן איז זי אין אַ גרויס צימער און אין זעלבן צימער האָבן צוויי צענדליק קינדער געלערנט.

זי איז געלעגן אויפן בעט אַ בלייכע, אַ דאַרע און געשפּיגן מיט בלוט... אָט אַזוי פלעגט זיך איבערן טאָג אָנקלויבן אַ טיי-כעלע בלוט לעבן בעט. יעדער יונגל באַזונדער פלעגט צוגיין, אַ קוק געבן און אַ זיפץ טון, נאָר בײַ זעליקן פלעגט די גאַנצע נשמה אויפציטערן, בעת ער פלעגט עס זען. בײַ יענעם בעט פון דער קראַנקער האָט זיך דער ערשטער געדאַנק פון טויט בײַ אים גע-שאַפן...

זי וועט אינגיכן שטאַרבן, דעם רבינס ווייב, זי וועט אַוועק אויף יענער וועלט, און וואָס איז דאָס אַזוינס יענע וועלט?

יענע וועלט מוז זיין זייער גרויס, און אָנהייבן מוז עס זיך דאָרט, דאָרט, ווו די פעלדער ענדיקן זיך, איבער די עטלעכע ווײַ-טע קוימענס.

און איז דאָרט שטענדיק, ליכטיגקייט באַדט זיך אין ליכטי-
קייט, גרין שפיגלט זיך אין גרינס און די וואַסערן זיינען דאָרט
קלאָר, ווי גאָטס אויג...

אַלע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק פון דער וועלט, שפּרייזן
דאָרט לאַנגזאַם און שמועסן, אַלע באַלויכטן פון דער זון, אַלע
רויִקע...

דער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו אַלע תּלמידים, אַז אין יע-
דער באַשעפעניש, אַז אין יעדן פליגעלע איז פאַרהאַן גאָטס פונק,
קומען דאָרט אוודאי אויף יענער וועלט אַלע באַשעפענישן און אַלע
לעבן בשלום, מענטש מיט חיה, אַלע פאַרשטיין זיך, אַלע האָבן
זיך ליב...

און וואָס וועט זיין מיט די בהמות, פון וועלכע מען האָט
אַראָפּגעצויגן די פעלעכלעך? אָט די זעלבע פעלעכלעך, וועלכע
טרוקענען זיך בײַ זיי אויפן בוידעם... הע! שפּילט עס בײַ גאָט
אַ ראָל, ער קען דאָך מאַכן פון טויט לעבעדיק, וועט ער זיי שוין,
די בהמות, מיט פעלעכלעך אויך באַזאָרגן, דער רבונו של עולם.

צו אַלע קינדערישע טראַכטענישן פלעגט ער זיך אויסזוכן
זיין ווינקעלע, אַ ביסעלע ווייטער פון אַלעמען.

אים האָבן אינטערעסירט זאַכן, פאַרביי וועלכע די אַנדערע
פלעגן גלייכגילטיק פאַרבייגיין.

בישט ווייט פון זיידנס הויז איז געשטאַנען אַ גרויסע געביי-
דע, ווייס געקאַלכט, אַ רויִקער אָפּגעזונדערטער בנין.

דאָס איז געווען דאָס הקדש פון שטאָט, פערציק אַלטע לייט
האָבן דאָרט דערצויגן זייערע טעג.

אין די וואַרעמע טעג פלעגן די אַלטע אַרויסקריכן פון זיי-
ערע חדרים אויפן הויף, אויף דער גאַס, זיי פלעגן זיצן און זיך
וואַרעמען אויף דער זון, שווייגנדיקע, אָפּגעלעבטע, אין זיך שמייכ-

לענדיקע, און שטראַלן פון דער זון פלעגן זיך אויסלייגן אין זייע־רע קנייטשן, אין זייערע מאַטע אויגן.

זעליק פלעגט זיי נאָכפאָרשן מיט זיינע יונגע אייגעלעך, ער האָט געקוקט אויף זיי און דערביי געטראַכט, אַז די אַלע מענטשן וועלנאַין גיכן זיין אויף יענער וועלט... אָט, אַמאָל פלעגט זיך אים וועלן צוגיין צו זיי און בעמען רעדן וועגן יענער וועלט און פרעגן באַ זיי וואָס טראַכטן זיי, די אַלטע, וועגן נייעם לעבן אין די הימלען...

אָט די אַלטע האָבן אים מער אינטערעסירט, ווי די יונגע קינדער, וועלכע פלעגן זיך שפּילן באָרוועס אויף דער גאַס.

ער פלעגט אַרומגיין אַרום זיי און נישט איינמאָל פאַרפירט אַ ישמועס וועגן קלייניקייטן, און באַמערקט האָט ער, זעליק, אַז זיי, די זקנים, ווילן נישט רעדן וועגן יענער וועלט, פאַר קיין פאַל נישט, זיי האָבן מורא אַרויסצורעדן דאָס וואָרט „טויט"...

און ער האָט נישט פאַרשטאַנען: וואָס איז דאָ פאַרהאַן מורא צו האָבן? ווען דאָרטן אויבן איז פאַרהאַן אַזאַ ליכטיקער גן-עדן...

— דיר איז גוט, יונגעלע — האָט איינמאָל איינער פון די אַלטע צו אים געזאָגט.

— פאַרוואָס איז מיר גוט? — האָט זעליק נייגעריק געפרעגט.

— דו ביסט נאָך יונג, וועסט נאָך לאַנג לעבן.

— און איר וועט אינגיכן קומען אין גן-עדן — האָט זעליק באַוו געענטפערט, — אייך וועט דאָרט זיין בעסער...

דער אַלטער איז בייז געוואָרן און אַוועקגעטריבן זעליקן.

פאַרוואָס איז דער אַלטער אַזוי אין כעס געוואָרן — זעליק האָט נישט פאַרשטאַנען.

די באָבע זיינע האָט אויך קיינמאָל נישט געוואָלט רעדן וועגן יענער וועלט, כאָטש זי פלעגט אים שרעקן פאַר יעדער קלייניקייט מיטן גיהנום...

פון גן-עדן אָבער פלעגט די באָבע נישט רעדן, און זי האָט זיך ווידער געגעסן אירע קאָמפּאָטלעך...

זעליק איז געגאַנגען אין חדר, קיין חברים האָט ער זיך נישט צוגעקליבן, זיי זיינען אַלע אַזעלכע שטיפערס און שרייערס און ער איז שטיל געווען, שטענדיק פאַרטראַכט וועגן עפּעס...

ווייזט אויס, אַז נישט אַלע קינדער האָבן געהאַט אַזעלכע זיידעס מיט פעלעכלעך אויפן בוידעם און נישט אַלע האָבן זיי געלעבט לעבן שוואַרצן טייך און פון הקדש האָבן זיי אויך נישט געוווּסט...

דער רבי, וואָס איז אַמאָל געקומען צום זיידן, האָט דערציילט וועגן זעליקן:

— אַ מאָדנע יונגל, אַ שווייגער, קלויבט זיך נישט צו קיין חבר און קוקט שטענדיק אין פענסטער, פּונקט ווי אַ פויגל, וואָס קוקט אַרויס פון שטייגל... אַ מאָדנע יונגל...

און ווי אַזוי לערנט ער? — האָט דער זיידע געפרעגט.

— לערנען לערנט ער זייער גוט, נאָר ער פאַרטראַכט זיך צופיל...

— אַבי ער לערנט גוט מאַכט שוין דאָס איבעריקע נישט אויס.

זעליק האָט געהערט דעם שמועס צווישן זיידן און רבין און ער האָט זיך געשראָקן... טאָמער וועט מען אים נישט לאָזן טראַכטן — דאָס וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן.

ווייל אין טראַכטן, אין זיין קינדערישן פאַרקלערן זיך, פלעגט ער זיך אויסמאָלן מאָדנע פאַנטאַזיעס, און מיט די פאַנטאַזיעס האָט ער געלעבט...

פון דער בייזער באָבען און פון רבין, פון די שטיפערישע אייביק-שרייענדיקע חברים און פון זיידן, וועלכער האָט שטענדיק מיטגעטראָגן מיט זיך דעם שווערן פעל-ריח... פון זיי אַלעמען פלעגט ער דאָך לויפן צום טייכל, און נישט אַזוי צום טייכל, ווי

צו דער ברייטער וועלט, וואָס איז געלעגן אויף יענער זייט... העט ווייט! דאַכט זיך, אַז דאָרט זעט זיך אַ וואַלד...

זעליק איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אַ וואַלד, און אין אַ וואַלד מוז דאָך זיין חיות... אין זיין פאַנטאַזיע פלעגט ער זיך שרעקן פאַר די בערן און די וועלף, און אין דער זעלבער צייט האָט אים אַהין צום וואַלד מער געצויגן, ווי צו די מענטשן...

זאָל ער נאָר ווערן גרעסער, גרויס און הויך, ווייסט ער נעמען אַ שטעקן און גיין אין וואַלד אַריין...

נאָר איידער ער איז געוואָרן גרעסער איז די מאַמע מיטן טאַטן געקומען...

פון אַ פרעמדער שטאָט...

פרעמדע טאַטע-מאַמע...

מענטשן, וועלכע ער האָט פריער נישט געזען, זיינען פלוצלינג געקומען און אים צוגענומען פון זיידן, פון טייכל און פון דער ברייטער וועלט, וואָס איז געלעגן פאַר זיינע אויגן ביז אַצינד...

מען האָט אים געבראַכט אין אַן אַנדערער שטוב מיט פיר צימערן, אַ ביסל צוגעפוצט מיט רויט מעבל, מיט עטלעכע בילדער אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעמאָלן מאָדנע חיות — מיט הערנער און אָן הערנער...

האָ... וואָס ווילן זיי פון אים די פרעמדע מענטשן?

טאַטע-מאַמע! פאַרוואָס האָט ער מורא פאַר אייגענע טאַטע-מאַמע?

אין שטוב זיינען געווען נאָך צוויי לעבעדיקע נפשות: אַ ברודערל מיט אַ שוועסטערל. ער האָט מיט זיי נישט געקענט רעדן, ווייל זיי האָבן גערעדט רוסיש, און לעבן זיי איז שטענדיק געווען אַ קריסטלעך מיידל, דאָס מיידל האָט אים, זעליקן, נישט ליב באַקומען, ווייל ער האָט גערעדט יידיש און איבערהויפט איז ער געווען עפעס אַן אַנדערער.

דאָס מיידעלע מיטן יונגעלע זיינען געווען זעליקס ברודערל און שוועסטערל... נאָר אַזעלכע פּרעמדע, אַזעלכע פרעמדע...

די מאַמע איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע און צו זעליקן האָט זי געהאַט שטענדיק פּראַטענציעס:

— ווי שטייסטו?

— ווי זיצסטו?

— וואָס האַלטסטו דעם פינגער אין דער נאָז...

און דערביי פלעגט ער באַקומען אַ שנעל איבער די פינגער — ער האָט געוואָלט פאָלגן, נאָר מען האָט אים באַליידיקט אויף שריט און טריט...

דער טאַטע איז געווען אַ פּאַרנומענער מענטש און אויף זעליקן האָט ער זייער ווייניק אַכט געלייגט.

— דעם נפש באַדאַרף מען מאַכן פאַר אַ שוסטער, — האָט ער איינמאָל אַ זאָג געטון אין אַ וויץ, ער האָט עס נישט געמיינט ערנסט, דער טאַטע, ווייל ער איז געווען אַ באַלעבאַטישער ייִד און אַ זון פאַר אַ שוסטער מאַכן וואָלט אים נישט געפּאַסט...

נאָר זעליק האָט זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל און אַ האַלבן טאָג אָפּגעוויינט.

אים האָט שוין אויסגעדוכט, ווי ער זיצט באַ אַ שוסטער און קלאַפּט טשוועקלעך...

דער שוסטער איז אַ בייזער, ווערט ער אין כּעס, שלאָגט ער זעליקן.

סוף־כּל־סוף האָט ער זיך באַרויִקט אויף דעם געדאַנק:

— נו, גוט! זאָלן זיי אים מאַכן פאַר אַ שוסטער, אַבי נישט זיין דאָ צווישן די פרעמדע, וואָס לאַכן פון אים.

גליקלעך האָט ער זיך געשעצט, בעת מען האָט אים געלאָזט גיין צום זיידן. ווי ער פלעגט קומען אַהין — גלייך צום טייכל, און שטענדיק פלעגט אים זיך אויסדאַכטן, אַז דאָ איז עפּעס אַנ־

דערש געוואָרן, די עטלעכע ביימעלעך, וואָס שטייען באַם טייך זיי־נען עפּעס קלענער געוואָרן, דאָס ברודיקע וואַסער איז נאָך ברו־דיקער געוואָרן, און דאָך... ער וואָלט גליקלעך געווען נישט צו גיין מער אַהיים. אפילו די באָבע האָט אים אַצינד אויסגעזען אַ גוטע...

די באָבע פּלעגט זיין טאַטן רופן: „דער אפיקורס", און באַזעליקן פּלעגט זי נאָכפרעגן, צי דער טאַטע דאַוונט אַמאָל. זעליק פּלעגט זאָגן, אז „יאָ", און דאָס איז געווען אַ ליגן, דער טאַטע האָט נישט געדאַוונט. נאָר רעדן שלעכטס אויף אָן אייגענעם טאַטן האָט זעליק נישט געוואָלט.

אין דער היים האָט מען די באָבען נישט ליב געהאַט, און אפשר איז דאָס געווען אַ מורא... די באָבע פּלעגט מיט עפּעס שרעקן, מיט וואָס? אפשר מיט איר שטאָלצן בליק? אפשר מיט איר יחוס? נאָר זעליק האָט באַמערקט, אַז אפילו דער טאַטע האָט פאַר איר מורא...

דער זיידע איז געווען אַ גוטער, אַ פּשוטער מענטש, נאָר אויך ער פּלעגט אַמאָל בייז ווערן...

און אויף וועמען? אויף זעליקס מאַמען:

— וואָס מאַכט די מאַמע, די אַריסטאָקראַטקע? וואָס דאָס איז אַזוינס „אַריסטאָקראַטקע" האָט זעליק נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, נאָר אַז זיין מאַמע ווערט מיט דעם וואָרט באַליידיקט — דאָס האָט ער יאָ געפילט, און כאָטש ער האָט געהאַט זיין קינדערישן ווייטיק אויף דער מאַמען, וואָלט ער נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל זי באַליידיקן.

פּלעגט ער זיך שוין פון זיידן אָפּרוקן.

ער האָט אַצינד ליב געהאַט דאָס חדר, צוגעוויינט זיך אַ ביסל צו די קינדער.

די יונגלעך האָבן צוערשט פון אים געלאַכט, ווייל ער איז געווען אַ שעמעוודיקער, דערנאָך האָבן עטלעכע יונגלעך אים ליב

באַקומען, און זעליק איז געוואָרן דרייסטער, ער האָט אפילו גענו-מען שפּילן אין קנעפּלעך...

נאָר אים איז אין דער הינזיכט שלעכט געווען: פאַרשפּילט ער, איז אים אַ שאָד די קנעפּלעך, זיין פאַרמעגן... געווינט ער — טוט ווי דאָס האַרץ פאַר יענעם: חיים מוז האָבן פון זיין פאַרלוסט עגמת-נפש, און יענעמס עגמת-נפש האָט אים קיין רו נישט געגעבן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי יענער ליידט, און אַליין מער געליטן, אַ סך מאָל האָט ער טאַקע נישט אויסגעהאַלטן און ער פלעגט די געוווּנענע קנעפּלעך צוריק אָפּגעבן...

יונגלעך, חדר-יונגלעך זיינען שטיפערס, און עס פלעגט טרעפן זעליק פלעגט באַליידיקט ווערן פון איינעם אומזיסט, גאָר אָן שולד באַליידיקט ווערן, דאַמאָלס פלעגט ער זיך די ליפּן איינ-בייסן און שווייגן...

שטענדיק פאַרשווייגן און שטענדיק דערביי מאָדנע ליידן.

איין מאָמענט, און דער כעס זיינער וואָלט אַרויסגעשפּרונגען, ער וואָלט זיך מיט זיינע קליינע פויסטן געוואָרפן און צעבויקערט דעם שולדיקן...

מיט די ציין וואָלט ער אים צעביסן... אַ בייז חיהלע האָט אין אים געביסן דאָס האַרץ — דעם קליינעם זעליק איז געגאַנגען אין איין זאַך: אין דער גערעכטיקייט...

א

## II.

# זעליק און קובא.

אין דער היים האָט מען זיך מיט אים ווייניק גערעכנט, בעת די מאַמע זיינע פלעגט אַרויסרעדן: „די קינדער" — האָט זי אים נישט געמיינט.

— מען באַדאַרף די קינדער באַקליידן צום ווינטער...

— מען וועט גיין מיט די קינדער שפּאַצירן...

— מיטנעמען די קינדער...

— עסן פאַר די קינדער...

דאָס האָט מען מיט דעם זעליקן נישט געמיינט. ער איז געווען אויסער דער משפּחה, אָדער אַזוי ווי אַ צוגוב, כמעט ווי אַ פרעמדער.

זיין ברודערל און זיין שוועסטערל באַקומען שאָקאָלאַד אָדער פרוכטן און אים, זעליקן, באַמערקט מען צום סוף.

— נאַדיר אויך, פלעגט מען אים זאָגן מיט אַזאַ טאָן, אַז אים פלעגט זיך דאָס שטיקל עפּל שטעלן אין האַלדז.

ער האָט געשוויגן און געטראַכט, אַז באַם זיידן איז געווען בעסער. דאָרטן פלעגט נאָר די באָבע קוקן מיט בייזע אויגן, אָבער דאָ — דער טאַטע, די מאַמע, די דינסט... אַלע גייען אים פאַרביי.

די קליינע באַליידיקונגען האָבן זיך געזאַמלט, ווי שטעכלקעס

זיינען זיי צוגעשטאַנען צו זעליקס נשמה. ער האָט עס אַלץ באַהאַלטן, געשפּילט מער, ווי אַ קינד קען שפּילן, פאַרביטערט איז ער נישט געוואָרן, נאָר די פרייד, די זאָרגלאָזיקייט פון דער קינדהייט, דאָס איז אַלץ פון אים אוועק.

פלעגט ער שווייגן, נאָר שווייגן האָט מען אים אויך נישט געלאָזט:

— מרוק! — פלעגט שרייען די מאַמע, — וואָס שווייגסטו טאָג און נאַכט?

און דערנאָך פלעגט זי צוגעבן

דאָס האָט מען אים באַם געשמאַקן זיידן אַזוי אויסגעלערנט.

זעליק האָט געזען פאַר זיך אַן אוממעגלעכקייט צו לעבן: באַם זיידן, אַז ער קומט, באַליידיקט מען די מאַמען, די מאַמע באַליידיקט דעם זיידן. אייגער דעם צווייטן האָט נישט ליב, און ער וואָלט אַזוי שטאַרק וועלן, אַז אַלע זאָלן לעבן בשלום.

ער וועט זיין אַ גוטער, ער וועט אַלץ פאָלגן, אַבי מען זאָל מאַכן שלום, מען זאָל נישט זיין אין כעס אייגער אויף דעם צווייטן.

געלעבט האָבן זיי אויף דער גאַס, וואָס האָט געהייסן „נייע וועלט" און זעליק האָט שטענדיק געטראַכט: פאַרוואָס הייסט די גאַס „נייע וועלט"? פאַרוואָס? דערפאַר ווייל ער היינט דאָ נייע צרות... און אפשר דערפאַר, ווייל אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן מענטשן אויסגעבויט עטלעכע דריי־שטאָקיקע הייזער? און אפשר דערפאַר, ווייל אויף דער גאַס האָבן אַלע גערעדט רוסיש? נאָר אויך די גאַס האָט געהאַט פאַר אים אַ געוויסן רייץ, צוליב עטלעכע זאַכן. ערשטנס איז נאָך די הייזער געווען גראַנאָווסקיס סאָד...

גראַנאָווסקי — דאָס איז געווען אַ דאָקטאָר, אַ קריסט, אַ ביי־זער מענטש מיט אַ הויקער... און ווו קומט צו אַזאַ שלעכטן מענטש

אזא שיינער סאָד, מיט אַזוי פיל ביימער? דאָס האָט זעליק נישט געקענט פאַרשטיין...

און בעת פאַר אַלעמען איז גראַנאָווסקי געווען גאָר אַ שלעכ־טער מענטש, איז ער פאַר זעליקן געווען עפּעס אַ מין געהיים באַ־שעפעניש... אַ כּישוף־מאַכער, וואָס לעבט אין אַ געדיכטן גאָרטן...

דאָס צווייטע, וואָס זעליקן האָט געפרייט אויף דער דאַזי־קער גאַס — דאָס איז געווען די מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון עטלעכע הייזער...

זעליק האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס „קלאַוויר"... אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גאַס שפּילט, די פאַרמאַכטע היי־זער אַליין זיינען דאָס גרויסע שפּיל־קאַסטנס און טמעצער... ניין, נישט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ געהיימער, אַ געטלעכער צעשפּרייט די קלאַנגען אין די טאָלן פון די צוויי רייען הייזער...

פאַר אים, פאַר זעליקן... ווייל די איבעריקע מענטשן, דאַכט זיך, הערן גאָר גאָרנישט און זען גאָרנישט, זיי לויפן שטענדיק...

ער פלעגט אָפּציען אומישנע די צייט און לענגער שטיין אונטער די פרעמדע פענסטער. גייט וועמ אריין, צי אַרויס פון יענע הייזער, קוקט אויף אים זעליק מיט דער גרעסטער ביי־גערקייט. מענטשן...

פאַראַן אַזוי פיל מענטשן אויף דער וועלט, אָרעמע און ריי־כע, גוטע און שלעכטע.

פאַראַן מענטשן, וואָס רעדן און פאַרברענגען איינער מיט דעם צווייטן.

און פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען שטום איינער צום צווייטן און פרעמד, ווי צוויי ביימער.

אין שטוב האָט זיך אים נישט געוואָלט אַריינגיין, קיין הייםלעכקייט וואַרט אים דאָרט נישט.

באַלד וועט מען מיט אים אָנהייבן קאָמאַנדעווען.

— ווי שטייסטו?

— ווי זיצסו? די אמתע צרות האָט ער געהאַט פון זיין ברודערל.

וויפיל ער האָט זיך נישט געסטאַרעט צו געווינען זיין ברו־דערל, וואָס איז יינגער געווען פאַר אים מיט צוויי יאָר...

יענער האָט זיך נישט געלאָזט.

ווי אַ רייך פרינצל אויף אַ גאַסן־יונגל, אַזוי האָט יענער גע־קוקט אויף זעליקן — און גאָרנישט...

געהייסן האָט זיין ברודערל יעקב, נאָר גערופן האָט מען אים: „קובאַ", און קובאַ איז געווען דער באַלעבאָס פון שטוב, דער אמתער טראָנפאָלגער...

קובאַ האָט געזאָגט...

קובאַ האָט געהייסן...

קובאַ און קובאַ...

ער האָט אַלעמען טעראָריזירט, ער פלעגט טופּען מיט די קליינע פיסלעך און דער טאַטע מיט דער מאַמען פלעגן אים דער־ביי גלעטן, ווי מען גלעט אַ נישט־דרעסירטע חיה...

און אויסגעדוכט האָט זיך זעליקן, אַז ער אַליין איז גלאַט באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, גלאַט אַזוי, אַז קובאַ זאָל האָבן אויף וועמען אויסצולאָזן דעם כּעס...

וויפיל מאָל פלעגט פּאַסירן: אָן אַ שום סיבה פלעגט ער צו־לויפן צו זעליקן און אים נעמען בייסן און שלאָגן... דערביי פלעגט ער זאָגן ליגנס, אַז זעליק האָט אים געטשעפּעט, נישט איינ־מאָל פלעגט נאָך זעליק באַקומען דערפאַר אַ גאָב...

קובאַ פלעגט אַמאָל אויפנאַשן עפּעס... קאָנפיטורן אָדער אַנדערע זיסע זאַכן — שולדיק איז געווען זעליק.

איינמאָל איז קובאַ שטאַרק קראַנק געוואָרן. צוערשט האָט זיך זעליק געפרייט, ער האָט געטראַכט, אַז גאָט נעמט זיך אָן פאַר

אים, נאָר קובאַ איז נאָך קראַנקער געוואָרן, געפּערלעך, אין שטוב זיינען אַלץ מער דאָקטוירים געקומען, די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע האָט געזיפצט...

זעליק האָט פון ווייטן אַ קוק געגעבן אויפן קראַנקן קובאַ, די רונדע בעקלעך זיינען אויסגעדאַרט געוואָרן, ער האָט געקרעכצט, דער גרעסטער שונא זיינער... אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען איף דעם קראַנקן ברודערל, און ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין, האָט ער געמורמלט איין פראַזע:

— גאָט! האָב רחמנות אויף מיין ברודערל, גאָט! האָב רחמנות אויף מיין ברודערל.

גאָט האָט רחמנות געקרוגן: קובאַ איז געזונט געוואָרן, און זעליק האָט ווידער געהאַט פון אים צרות.

דאָס שווערסטע, וואָס האָט זיך געלייגט דעמאָלט אויף זע־ליקס נשמה, איז געווען די מעשה מיט די דריידלעך... דעמאָלט איז זעליק געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „גנב” און דאָס איז אים שוין פאַרבליבן ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער.

די זאַך איז באַשטאַנען אין דעם: זעליק מיט קובען האָבן געמאַכט ... חנוכה־דריידלעך, די גאַנצע אַרבעט פון דער פאָרם, צעלאָזן דאָס בליי — אַלץ האָט אויסגעפירט זעליק, נאָר געהייסן האָט עס, אַז קובאַ איז אַ שותף, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דערביי...

עס זיינען אַרויסגעקומען פינף נייע, פינף גלאַנציקע זיל־בערנע דריידלעך, וועלכע מען האָט באַהאַלטן אונטער דער שאַנק. ווי אַן אוצר...

זעליק האָט מיט זיין אַרבעט שטאָלצירט, קובאַ — נאָך מער...

אויסער דעם איז קובאַ געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אויף

די דריידלעך און זעליקן האָט ער אַלץ אָפּגערוקט פון שאַנק, נישט געלאָזט אים זיך שפּילן...

זעליקן האָט זיך אָבער זייער געוואָלט ווייזן אין חדר, וואָס פאַר אַ מעכאַניק ער איז, און ער האָט אַן קובאַס וויסן מיטגענומען איין דריידל...

דאָ־טן האָט אַ חבר בײַ אים די מציאה אוועקגעגנבעט און אינדערהיים איז געוואָרן אַ גוואַלט. קובאַ האָט געליאַרמט און געוויינט.

עס פעלט אַ דריידל...

טאַטע־מאַמע האָבן זיך גענומען צו דער אויספאָרשונג. ביי זעליק האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט אוועקגעגנבעט זיין אַר־בעט, זיין דריידל, אויף וועלכן קובאַ איז אַן רעכט געוואָרן באַ־לעבאָס...

— גנב! — האָט קובאַ געשריגן... גנב און גנב — אַזוי איז אים שוין זיין גאַנצע קינדהייט אוועקגעגאַנגען מיט דעם דאָ־זיקן טיטול...

דער טאַטע נישט, דער טאַטע פלעגט אים אַזוי נישט רופן, ער האָט גע־ייט פאַר אים אַן אַנדערן נאָמען: „דער נפש”.

באַ די מאַמע פלעגט גאַנץ אָפט אים זידלען מיט דעם דאָזיקן וואָרט... אַז זעליק איז אַ גנב האָבן אפילו געוווסט די שכנישע קינדער. דער סקאַנדאַל מיטן דריידל איז אַרויס אויף דער גאַס, און זעליק האָט געהאַט אַ פאַרביטערט לעבן.

כאָטש אין אמתן האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר־וואָס ער איז אַ גנב...

ער האָט געבראַכט בליי.

ער האָט געמאַכט די פאָרם.

און אַליין האָט זיך אָפּגעבריט זיינע פינגער — הייסט דאָך,

אז די דריידלעך געהערן צו אים, נאָר אַלע זאָגן „גנב", מן הסתם זיינען זיי געראַפּט...

און אַ גאַנץ יאָר, אַ סך יאָרן האָט ער זיך געבעטן בּאַ גאָט ער זאָל אים מוחל זיין אַזאַ נישט געזינדיקטע זינד...

דאָס וואָרט „גנב" האָט זיך געטראָגן איבער זיין קאָפּ אַ לאַנגע צייט, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער בחור, ביז עס האָט זיך אויסגעוועבט פון זיך אַליין, ווייל קיין גנב איז ער דאָך נישט געווען.

נאָר אין יענע שווערע קינדער־יאָרן פלעגט אים דאָס וואָרט שטעכן און באַליידיקן.

— זעליק גנב!

אַפילו די יונגלעך אויפן הויף און אויף דער גאַס, אין חדר איז דאָס אויך דערגאַנגען.

קיינער האָט קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס און ווען ער האָט געגנבעט, קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז אַ גנב איז ער געוואָרן, ווייל ער האָט בּאַ זיך אַליין אַ דריידל געגנבעט, נאָר די קינדער זיינען, ווי די גרויסע און די גרויסע זיינען, ווי די קינדער. אויך באַליידיקן איז יעדער אַ בעלן...

ער פלעגט מאָדנע שווייגן אין אַזעלכע מאָמענטן פון באַליי־דיקונג, די קינדעריש מאַכטלאָזיקייט האָט אים געפּייניקט. ער האָט געשוויגן און דאָך אָפּט געהאַט זיין טרייסט: „גאָט ווייסט דאָך" האָט ער געטראַכט, און דער געדאַנק אַליין, אַז עס איז פאַר־האַן אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, וואָס ווייסט אַלץ, אַ גאָט אַן אַל־מעכטיקער, וואָס שטראָפט פאַר אמתע זינד, אָט דער געדאַנק פלעגט אים בארויקן.

ווען ער איז אַ ביסל עלטער געוואָרן, און דעמאָלט איז ער שוין געגאַנגען אין דריטן חדר — דעמאָלט האָט ער זיך צונויפ־געפרעגט מיט דער... באָבען.

אָט מיט דער זעלבער באָבען, וועלכע איז שטענדיק אַזוי־בייז צו אים און צו אַלעמען געווען.

זי פלעגט אָפט קומען צו די קינדער. זי פלעגט קומען נישט ווי אַן איינגעבעטענע, נאָר עפּעס, ווי אַ קאָנטראָלער, ווי אַ באַלע־באָסטע, זי פלעגט אין כעס זיין, וואָס איר זון — זעליקס טאַטע, דאַווענט נישט, זי פלעגט וואַרפן בייזע אויגן אויף זעליקס מאַמען, ווייל אין קיך איז נישט אַלץ כשר געווען, און דערפאַר האָט מען זי נישט שטאַרק ליב געהאַט באַ זיי אין דער היים.

האָט זי אויפגעהערט צו קומען, דאָך האָט זי געוואָלט וויסן וואָס „באַם זון טוט זיך" און דערצו פלעגט זי אויסנוצן זעליקן, וועלכער פלעגט באַם זיידן זיך אָפּרוען פון אַלע צרות...

די באָבע האָט געוווסט, אַז זעליקן לעבט זיך נישט גוט באַ דער „פּריצעטע" — אַזוי האָט זי גערופן איר שנור.

און זעליקן האָט מען באַדאַפט רעדן אַ גוט וואָרט, האָט ער שוין אַלץ געגלויבט און זיך פאַרטרויט.

די באָבע פלעגט אים אָפט טראַקטירן מיט אַ שיסעלע קאָמפּאָט, וועלכער איז געווען לאַקריץ־זיס. פלעגט עס זעליק עסן אָן ווילן און אָן געשמאַק, נאָר באַליידיקן דער באָבעס קאָמפּאָטל האָט ער נישט געוואָלט...

ער האָט זיך לעבן איר געהאַלטן, און אַ סך מאָל אָנפאַר־טרויט זיינע סודות, קינדערישע ווייטיקן און אומרויִקייטן.

אויב ער פלעגט נישט גיין צו דער באָבען, האָט ער געהאַט צוויייט ווינקעלע, ווו ער פלעגט אַ סך שעהן פאַרברענגען.

אַך... סאַראַ פאַרגעניגן עס איז אַ זעץ טון מיט אַ שטיין אין בוים אַריין, און דאַמאָלס נעמען פליען גרינע שטעכעדיקע קוילן, אין וועלכע עס ליגן פרישענקע, מיט אָטעם פרישענקע קאַשטאַנעס...

אַ מחיה צו פילן, אַז דו האָסט שוין אין קעשענע עטלעכע טוץ אַזעלכע ניס.

פאַר אים איז דאָס געווען עפּעס אַנדערש, ווי פאַר אַלע אַנ־דערע יונגלעך, וועלכע פלעגן אַראָפּקלאַפּן קאַשטאַנעס און אַנטלויפן...

ער פלעגט פון דאָרטן נישט אַוועק ביז אין דער פינסטער אַריין. פאַר אים איז דאָ אַלץ געווען אַן ענין, די פרישע האַרבסט־לופט, וואָס טראָגט זיך פון סאָד, די עטלעכע פרישע צאַפּלדיקע בלעטער, וואָס זיין שטיין האָט אַראָפּגעקלאַפּט צוזאַמען מיט די קאַש־טאַנעס, דער הונט, וואָס פלעגט בילן אונטערן פּאַרקאַן, אַלץ האָט אים גענייגערט.

און געחלומט האָט ער, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער... דאַ־מאָלס, דאַמאָלס, וועט ער שוין געפינען אַ מיטל, ווי אַריינצוקומען אינעווייניק אין גאָרטן...

ניין... נישט דאָס, ער וועט אַרבעטן, האַנדלען, ער וועט אַליין קויפן אַזאַ גרויסן סאָד, בלויז אַ סאָד, ער באַדאַרף נישט קיין הייזער, קיין מויערן, און אין סאָד וועט ער מאַכן אַ סאַזשעלקע מיט פיש...

באַ איינעם פון אַזעלכע חלומות האָט אים עמעצער אָנגעכאַפּט פאַרן אויער. דאָס איז געווען דער וועכטער פון גראַבאָווסקיס גאָרטן...

— גנב! — האָט ער צו אים אַ געשריי געגעבן — דו צע־ברעכסט מיר די ביימער, גנב!

און דערביי האָט ער דערפילט עטלעכע גוטע קלעפּ, באַר דער „גנב" האָט אים מער ווייי געטון.

שוין ווידער „גנב".

דער וועכטער האָט אים דאָס אויער נישט אָפּגעלאָזט.

— וועמענס ביסטו?

זעליק האָט אָנגערופן זיין טאַטן.

— ווו וווינסטו?

זעליק האָט אָנגערופן דאָס הויז.

און דער וועכטער האָט אים אָט אַזוי באַם אויער אָוועקגע. פירט צו דער מאַמען און יענע איז ווידער אויף אים אַרויפגעפאַלן מיטן געשריי:

— גנב! מען וועט דיך נאָך אין תפיסה צו מיין חרפה אריינ־ וואַרפן.

זעליק האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַרום אים טוט זיך.

דער וועכטער האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיין מאַמען און אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אַ גאַנצן אָוונט האָט ער נאָר געהערט אַרום זיך:

גנב, גנב און גנב!

וועגן זעליקס מאַמען האָט מען געזאָגט, אַז זי איז אַן „איי־ דעלע", אַז זי איז אַ געבילדעטע און אַ גוטע, נאָר צו אים, צו זעליקן, איז זי געוועזן אַזוי שלעכט.

און דער טאַטע ווידער פלעגט אים שטענדיק רופן „נפש". עפעס אַ מאָדנע צונעמעניש, וואָס פלעגט זעליקן באַליידיקן נאָך מער ווי „גנב".

נאָר דאַמאָלס, ווען דער רבי פלעגט קומען און דערציילן, אַז ער, זעליק, איז דער בעסטער תלמיד אין חדר, פלעגט עס דעם טאַטן הנאה טון, און ער פלעגט אויף זעליקן אַ גוטן קוק געבן.

אין אַזעלכע טעג פלעגט זעליק זיך גאָר אַנדערש פילן.

די מאַמען וועט ער שוין נישט איבערמאַכן, אָבער דעם טאַטן האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט האָבן אויף זיין צד...

דער טאַטע... מיט אַ גרויסן ווייסן שטערן, מיט טיפע שוואַר־ צע אויגן, דער רבי, זעליקס, האָט נישט לאַנג געזאָגט צו אים:

— דו האָסט אַ קלוגן טאַטן, זעליק! אַ ייִד אַ חכם, וואָלסט זיך געמעגט עפעס אָפּלערנען פון אים.

און זעליק האָט געדיכטער גענומען קוקן אויף זיין טאַטן — ווי אזוי, ווי אַזוי לערנט מען זיך אָפּ אַ ביסל חכמה?

זיין ברודערל קובאַ איז שוין אויך געגאַנגען אין אַ חדר, נאָר מיט וואָס פאַר אַ פאַראַד האָט מען אים באַגלייט נעדן טאָג. מען פלעגט אים אהין אוועקפירן און מיטגעבן קליינגעלט און קוים פלעגט ער אַ שוואַך קרעכצל טון — איז ער שוין קראַנק און מען טאָר אים שוין אין חדר נישט לאָזן...

און געלערנט האָט קובאַ זייער שלעכט. דער רבי זיינער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מען טאָר דעם יונגל נישט געבן אַזוי פיל שאָקאָלאַד:

— די זיסע זאַכן פאַרשטאָפּן דעם מוח...

איז די מאַמע אין כעס געוואָרן אויף דעם מלמד און קובאַ האָט געזאָגט, אַז ער וועט מער אין אַזאַ חדר אַריין נישט גיין.

האָט מען גענומען זוכן אַ צווייטן מלמד, און קובאַ איז געזעסן אינדערהיים און געוואַרט.

זעליק אָבער האָט געלערנט און דער טאַטע זיינער האָט אָנגעהויבן קלויבן נחת פון אים:

— פון „נפש" וועט ווערן אַ מענטש...

זעליקן האָט זיך זייער געוואָלט ווייזן פאַרן טאַטן...

ער האָט געלערנט און זיך געפלייסט. און דער רבי פלעגט קומען און דערציילן נסים פון זעליקן...

איינמאָל... אָט דעם טאָג האָט זעליק נישט פאַרגעסן.

דער טאַטע זיינער, דער פאַרנומענער סוחר, איז אַליין אַראָפּגעקומען אין חדר אַריין אַ קוק טון ווי דער „נפש" לערנט.

אויף אַזאַ כבוד האָט זיך דאָס איינזאַמע יונגל נישט געריכט...

טרערן האָבן אים זיך געשטעלט אין די אויגן. דער טאַטע איז געזעסן פון ווייטן און זיך צוגעהערט. ער איז געווען זייער

צופרידן פון „נפש". אויף צוריקוועגס אַהיים איז ער נישט געגאַנ־
גען אַליין — נאָר טאַקע מיטן טאַטן...

ער איז אַזאַ קליין דאַר יונגל מיט אַ צעריבן אַנצוגל און
דער טאַטע אַזאַ רייכער אויסגעפּוצטער ייִד...

זעליקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער הימל פֿאַלט אויף אים
אַראָפּ...

און דער טאַטע רעדט צו אים, דער טאַטע רעדט צו אים, ווי
צו אַ זון, ווי צו אַ מענטש...

זעליק איז געוואַקסן פון פרייד, ער איז עפּעס אין יענער
רגע העכער געוואָרן פון די הייזער, פון שטאָט־זייגער.

און פּלוצלינג נעמט אים דער טאַטע אָן בײַ דער האַנט און
פירט אים אַריין אין אַ געשעפט פון קליידער...

— גיט מיר עפּעס אָן אַנצוג פאַר דעם נפש, — נאָר דעם
„נפש" רעדט ער אַרויס מיט אַ מאָדנער גוטמוטיקייט — זעליקן באַ־
ליידיקט עס אַצינד נישט.

— טאַקע אַ נפש, — רופט זיך אָן דער קרעמער, בשעת ער
פּאַסט אויף זעליקן דעם אַנצוג — אַזוי דאַר, וואָס? איר גיט אים
נישט קיין עסן?

דער אַנצוג שמעקט מיט נייקייט. זעליקן דאַכט זיך, אַז ער
ווערט איינגאַנצן באַנייט. ער הערט שוין נישט, וואָס דער טאַטע
רעדט מיטן קרעמער, ווי ער דינגט זיך מיט אים.

אים דערמאָנט זיך אַצינד יענע צייט, בשעת ער איז פאַר־
וואַגלט געווען באַם זיידן, אים דערמאַנט זיך זיין עלנט באַ דער
מאַמען אינדערהיים, דער בייזער קובאַ, זיין שרעקלעך פאַרברעכן
מיט די דריידעלעך, דער „גנב", וואָס קלינגט אים שטענדיק אין די
אויערן... נאָר אַצינד איז דאָס אַלץ בלייך געוואָרן, נאַרישקייט
איז דאָס אַלץ.

דער טאַטע איז מיט אים, דער טאַטע האָט דער ערשטער

פאַרשטאַנען, אַז זעליק איז אַן אָרנטלעך יונגל און דער פּאַר באַלוינט ער אים אַצינד...

פון קרעמער זיינען זיי ווידער געגאַנגען צוזאַמען, זעליק האָט געטראָגן אין אַ פּעקל זיין ניי בגד און דער טאַטע האָט עפּעס געטראַכט — אוודאי פון זיינע געשעפטן.

אין דער היים האָט קובאַ דערזען דעם אַנצוג, איז געוואָרן אַ סקאַנדאַל, ער וויל אויך אַ נייעם אַנצוג.

ער האָט פאַרגעסן, אַז ער, קובאַ, האָט אַ סך אַנצוגלעך...

ער האָט גענומען ברוקען מיט די פיסלעך און האַקן מיט די הענט, געכאַפּט האָט ער אַ טעלער פון טיש און צעבראָכן.

זעליק האָט דערזען אַזאַ סקאַנדאַל האָט ער זיך דערשראָקן, ער איז שוין מוחל געווען דעם גאַנצן אַנצוג מיט אַלע זיינע גליקן אַבי עס זאָל שטיל זיין אין שטוב.

דער טאַטע האָט זיך אַ בייזער געטון אויף קובען, נאָר די מאַמע האָט זיך פאַר אים אָנגענומען.

און עס האָט נישט געהאָלפן: נאָכמיטאָג איז די מאַמע אַוועק מיט אים איבער די קראָמען...

זעליק האָט אָבער אויך געהאַט אַ נייעם אַנצוג און דער עיקר: דער טאַטע אַליין האָט זיך אינטערעסירט מיט אים, דער טאַטע אַליין האָט אים געקויפט דאָס נייע בגד.

ער איז נאָך אַלץ געווען אַזאַ שטיל צוריקגעהאַלטן יונגל, נאָר ער האָט זיך געפילט אַ ביסעלע רייכער און דרייסטער בא זיך: די פּאָר גוטע ווערטער פון טאַטן האָבן איבערגעלאָזט אַן איינדרוק.

צו יענער צייט איז געשטאָרבן דער זיידע, אינדערפרי איז מען געקומען אָנזאָגן... די מאַמע האָט גענומען וויינען און זעליקס טאַטע איז בלייך געוואָרן, דערביי האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ פּחד־קול:

— איך האָב שוין נישט קיין טאַטן... אוי, איך האָב שוין נישט קיין טאַטן.

צו דער לוויה האָט מען זעליקן מיטגענומען. קובען מיט טאַניען — זיין שוועסטערל האָט מען געלאָזט זיצן אינדערהיים:

— זיי קענען זיך נאָך פאַרקילן.

אַז אויך ער, זעליק, קען זיך פאַרקילן, דאָס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, נאָר ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס מען האָט אים מיטגענומען.

ער איז געגאַנגען מיט גרויסע מענטשן צום בית-עולם, אויף אַ שוואַרצע מטה האָט מען געטראָגן דעם מת...

ווייבער האָבן געוויינט און די מאַנסבילן זיינען געווען אַזוי ערנסט און שווייגנדיק.

אויפן בית-עולם גופא האָט אים אַ מאָדנע בענקשאַפט אָנגע-כאַפּט.

אַזוי פיל ביימער, ביימער און מצבות, גאַנצע, האַלבע און שטיקלעך מצבות...

און דער זיידע, וואָס האָט אים אַזוי פיל מאָל אויף דער שויס געהאַלטן, וועט דאָ אייביק פאַרבלייבן...

און וואָס וועט זיין מיט די פעלעכלעך אויפן בוידעם?

דער טאַטע וועט זיך מיט דעם נישט פאַרנעמען, דער טאַטע האָט אַנדערע מסחרים, זעליק האָט געטראַכט פון די פעלעכלעך...

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ געשריי: מען האָט דעם מת אין קבר אַראָפּגעלאָזט און די ווייבער האָבן געשריגן.

צו וועמען? צום מת? צום רבונו-של-עולם? אַ יללה איז גע-וואָרן און זעליק האָט אַ ציטער געטון.

נאָר די ווייבער זיינען באַלד שטיל געוואָרן און דער גרוב איז גיך פאַרשיט געוואָרן... אויף צוריקוועגס האָט מען זעליקן

דערלאַנגט אַ גרויס קישן, דאָס קישן איז פריער געלעגן אונטער דעם זיידנס קאָפּ אויף דער מטה...

אַצינד איז ער געגאַנגען צו דער באָבען אַהיים, דאָס קישן איז געווען גרעסער פאַר אים און האָט אים כסדר פאַרשטעלט דעם וועג...

אויסער דעם האָט זיך געטראָגן פון קישן אַ מאָדנער ריח פון רפואות און פון אַלטקייט...

דער ריח האָט אים געשטיקט און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ יתום און איצט וואַרפן אַלע אויף אים אַרויף אַלע צרות...

דאָס קישן איז אויך אַזאַ צרה.

נאָכן זיידנס טויט איז די מומע אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. די באָבע איז געבליבן אַליין אין דער גרויסער שטוב, מיט אַ יי־דענע — אַ דינסט, וועלכע האָט כסדר געקאָכט קאָמפּאָטלעך, און די באָבע האָט געדאַוונט... זי איז געוואָרן נאָך שווייגנדיקער און בייזער. געזאָגט האָט מען אויף איר, אַז זי האָט געלט אויף פּראָ־צענט...

מיט זעליקן האָט זי געלעבט בעסער ווי מיט אַלע און צו־ליב איר האָט טאַקע זעליק אַ סך מאָל געדאַוונט, אַזוי, אַז קובאַ, וועלכער האָט זיך שטענדיק געריצט מיט אים, האָט געזאָגט אַמאָל:

— ער דאַוונט, כדי די באָבע זאָל אים לאָזן ירושה, עמעצער האָט אים דאָס אויסגעלערנט, קובען... זעליק האָט געטראַכט, אַז דאָס זיינען זיין מאַמעס ווערטער.

זעליק איז אַוועק פון איין חדר אין צווייטן ביז ער איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע, אין ערשטן קלאַס, און אין צוגרייטונגס־קלאַס האָט געלערנט קובאַ.

אויף זעליקן האָט די שולע געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק.

די גרויסע ליכטיקע חדרים מיט די מאָדנע בילדער... די לערער מיט די קנעפּ...

ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו גיין אין דער שולע...

ביסלעכווייז איז ער צוגעוווינט געוואָרן און ער האָט זייער פלייסיק געלערנט...

ער האָט זייער פלייסיק געלערנט, די לערער האָבן זיך געוווּנדערט. מען האָט אים שוין אינמיטן יאָר געוואָלט איבערזעצן אין אַ צווייטן קלאַס.

פּלוצלינג האָט מען אים פון דער שולע צוגענומען.

דער טאַטע זיינער האָט באַנקראָטירט און אין דער היים איז געוואָרן אַ חורבן.

מען איז געקומען אָפּשרייבן דאָס מעבל, די מאַמע האָט גע-חלשט, מען האָט זיך געריכט, אַז דעם טאַטן זיינעם וועט מען אין תפיסה אַריינוואַרפן...

נאָר די ערשטע כפרה איז געפאַלן דער דאַרער זעליקל. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער קען נישט צאָלן, ער קען נישט. זיין טאַטע האָט אים אויך נישט געבילדעט און מען האָט זעליקן געהייסן אויסטון דאָס היטעלע מיטן אָדלערל...

קובאַ איז געבליבן לערנען — פאַר אים איז געווען געלט צו צאָלן...

פאַר קובען האָט זיך די מאַמע איינגעשטעלט און זי האָט אויסגעפירט.

אַצינד האָט מען גענומען זוכן פאַר זעליקן אַ תכלית. ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר. און אַזאַ בחור מעג שוין עפּעס טון...

פאַר אַ בעל-מלאכה איז דעם טאַטן נישט אָנגעשטאַנען, האָט מען אים אָוועקגעגעבן אין אַ קאַנטאָר...

ער האָט געדינט באַ צוויי באַלעבאַטים, איינער האָט גע-
הייסן הענדלער און דער צווייטער ברוידע.

געהאַנדלט האָבן זיי מיט וואַגאָנען מעל, וועלכע מען האָט
געבראַנגט פון אָרענבורג, פון אופאַ און קאַסטראָמאַ...

די באַלעבאַטים האָבן איינער באַם צווייטן געגנבעט און איי-
נער אויף דעם צווייטן האָט אויסגערעדט אַלדאָס בייז.

זעליק איז געווען ווי צווישן צוויי פייערן. ער האָט געמוזט
ביידע פאָלגן און ביידע אויסהערן...

ער... ער האָט פאַרדינט געלט באַ זיי: אַ רובל אַ וואָך האָט
ער פאַרדינט און דעם דאָזיקן רובל פלעגט ער אָוועקגעבן אינדער-
היים, און די מאַמע פלעגט אָפט אַ שטאָך טון:

— מיין פאַרדינער...

און קובאַ פלעגט פון אים אָפלאַכן:

— פריקאַזשטשיק, משרת, זעליק מיטן בעזעם!

ווייל זעליקן פלעגט טאַקע אויסקומען צו פאַרקערן די קאַנ-
טאָר, און אַז זעליק פלעגט עפּעס ענטפערן, איז באַלד געפאַלן דאָס
שרעקלעכסטע וואָרט, דער טויט-אורטייל:

— גנב, זעליק גנב!

יאָ, קובאַ איז געווען אַ יונג פרינצל, זעליק האָט נישט איינ-
מאָל געזען באַ אים געלט: קופּערנע צענערס און זילבערנע צוואַנ-
ציקערס...

דאָס פלעגט אים די מאַמע אונטעררוקן, כאָטש אינדערהיים
איז געווען ביטער און הונגעריק, מען האָט אַ סך מאָל קיין מיטאָג
נישט געקאָכט. זעליק פלעגט קומען פון קאַנטאָר אַ הונגעריקער
און אַ הונגעריקער פלעגט ער צוריק אָוועקגיין...

באַ זעליקן רינט אַריין אין די שיך און קובען האָט מען גע-
קויפט שיך מיט קאַלאָשן, אַזעלכע נייעַנקע קאַלאָשן מיט אַ רויטן
אונטערשלאַק, און זיי גלאַנצן, ווי אַ שוואַרצער שפּיגל...

אזא גלאַנץ חלומט זיך זעליקן אַ גאַנצע נאַכט, נאָר ער בלייבט באַם חלום...

און אינדערפרי גייט ער ווידער אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג אין קאַנטאָר אַריין.

די באַלעבאַטים זייַנען געווען זייער צופרידן. ער האָט אַלץ געפאָלגט און מיט אים האָט מען דערפילט אַלע שליחות. ער האָט געעפנט און נערוימט די קאַנטאָר, ער פלעגט צען מאָל אין טאָג לויפן מיט דעפעשן, פלעגט אויך באַדינען די באַלעבאָסטעס זיינע: קויפן אַ גלאָז צום לאָמפּ, אַ קאַיעט פאַר זייערע קינדער און טאָקע אַמאָל אַ האַלב פונט פוטער אין געוועלבל...

ערב יום-טוב פלעגן אים די באַלעבאָסטעס מיטנעמען אויף מאַרק, ער זאָל טראָגן די איינגעקויפטע פעקלעך...

זעליק האָט עס אינדערהיים נישט דערציילט. ער האָט געפילט, אַז מען באַליידיקט אים מיט אַזעלכע שליחות און די באַליידיקונג פאַלט אויף זיין טאַטן און מאַמען.

נאָר זעליק האָט וועגן דעם פאַרשוויגן, ווייל דער טאַטע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פון אים וועט ווערן „אַ לייט".

האָט זעליק געוואַרט אויף זיין לייטישקייט און געפאָלט.

אין די פרייע שעהן, ווען אין קאַנטאָר איז קיינער נישטאָ און צו קאָפּירן מיטן פרעס איז אויך נישטאָ וואָס. עס ווערט אַזוי [illegible] צו קוקן אויף די עטלעכע גרויסע ביכער מיט די אויפשריפטן „דעבעט" און „קרעדיט".

וואָס האָט זעליק דאַמאָלס געטון?

די ערשטע צייט פלעגט ער נעמען די פעדער אין האַנט און מאָלען...

נאָר קיין גרויסער מאָלער איז ער נישט...

אַ פּישעלע — דאָס איינגאַנצן, מער און ווייטער איז ער נישט געגאַנגען.

ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ פישעלע. פאַרוואָס? אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין חודש אדר אין חודש אדר האָט מזל דגים...

ווו ער איז געשטאַנען און ווען ער האָט באַר געהאַלטן אין האַנט אַ פעדער צי אַ בלייפעדער, דאָרט איז שטענדיק געבליבן אָנגעצייכנט אַ פישעלע און אין דער הינזיכט האָט ער פיל דער־גרייכט: דאָס פישעלע פלעגט אַרויסקומען געצאַצקעוועט...

נאָר די באַלעבאַטים האָבן געמאַכט אַ גוואַלט: ער „פאַרפּי־שעלט" זיי די גאַנצע וועלט, אַלע ביכער און חשבונות, אַלע טישן און יעדעס שטיקל נויטיקע און אומנויטיקע פּאַפּיר... אַזאַ נפש! ווו ער שטייט און גייט זעט ער פיש...

האָט ער דאָס אויפגעהערט. און זעליק, וועלכער איז זיך צו ביסלעכווייז געוואַקסן, האָט גענומען לייענען ביכלעך — יידישע און רוסישע, עס איז אַוועק באַ אים אַ מיש-מאַש: „נאַט פּינקערטאָן" און דאָסטאָיעווסקי, אַ מעשה מיט „אַ סוכּה אין וואַלד" אָדער „דאָס קינד אין קאָרן" און ליבער פאַר אַלץ האָט ער געהאַט אַזעלכע בי־כער, ווו עס רעדט זיך וועגן די פאַרגאַנגענע צייטן — היסטאָריע...

מיט די ביכלעך זיינען די באַלעבאַטים אויך נישט געווען צופרידן, און זעליק האָט זיך געמוזט גוט אויסהיטן, אָבער אַז ער פלעגט בלייבן אַליין און איז זיכער געווען, אַז אין קאַנטאָר וועט קיינער אַזוי גיך נישט קומען — דאַמאָלס, אַ דאַמאָלס פלעגט ער אַוועקגיין אין אַזעלכע ווייטע וועלטן, און ער פלעגט לעבן צווישן אַנדערע מענטשן...

אַ יאָר איז אַוועק — ער האָט שוין פאַרדינט צוויי רובל אַ וואָך, און יעדן פרייטיק פלעגט ער דאָס געלט אַראָפּברענגען צו דער מאַמען.

די צוויי זילבערנע רובל פלעגן קלינגען אין קעשענע, ער פלעגט זיי אַרויסנעמען און קוקן אויף זייער גלאַנץ.

„איך האָב עס פאַרדינט, „איך אַליין". אַ יונגלערישער שטאָלץ פלעגט אים באַפאַלן, און ער איז שוין גרייט געווען זיך צו פאַר־גלייכן מיט זיין גרעסטן שונא, מיט קובען.

נאָר...

קובאַ האָט אים נאָך אַלץ גערופן: „משרת" און ער האָט זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז פאַר זעליקס צוויי רובל האָט מען נישט איינמאָל געמאַכט שבת... די גע־שעפטן זיינען אַוועק זייער שלעכט, דער טאַטע איז אַרומגעפאָרן און געזוכט פּרנסה. די מאַמע איז אויך עטלעכע מאָל אַוועקפאָרן צו אירע רייכע קרובים און האָט געבראַכט פון זיי עטלעכע קערבּ־לעך, נאָר צום אַמאָליקן גלאַנץ איז שוין נישט געקומען. עס איז אַוועק אַ לאַנגע שווערע צייט פון שטומען ליידן, פון באַלעבאַטישן דלות, וועלכן מען סטאַרעט זיך מיט אַלע מיטלען צו באַהאַלטן. דער טאַטע פלעגט קומען צו פאָרן אַ מידער און די מאַמע פלעגט זיך מיט אים קריגן...

געלט, קיין געלט איז נישט געווען.

און וויפיל מאָל האָט זעליק געחלומט פון אַן אוצר... אָך, ווען ער געפינט אַן אוצר, אַ גרויסן אוצר... מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער וואָלט עס געקומען צו לויפן צו זיינע, צו טאַטע־מאַ־מע... און אין שטוב וואָלט געוואָרן שלום און פריילעך...

אין שטוב איז אָבער געבליבן דער דלות, די פאַמיליע איז גרעסער געוואָרן, עס איז צוגעקומען נאָך אַ ברודערל...

אין שטוב איז געוואָרן ענג, און זעליקן איז געווען ליבער צו זיצן אין קאַנטאָר.

זאָלן נאָר די באַלעבאַטים זיך אָדויסרוקן און ער געפינט שוין זיין בוך און ריזט אַוועק ערגעץ אויף יאַמאַיקאַ אָדער פאַר־טאָריקאָ... טייערע לענדער פאַרהאַן אויף דער וועלט. אייביק איז דאָרט זון און וואַרעמקייט.

און ער איז מקנא געווען די באָבען זיינע. יענע האָט זיך שוין לאַנג געגרייט צו פאָרן איבערן ים.

די באָבע איז אַוועקגעפאָרן אויף דער עלטער קיין אַמעריקע צו איר טאָכטער, אַוועקגעפאָרן איז זי אַ בייזע און אַ צעקריגטע מיט אַלע. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט מיטגענומען קיין אַמעריקע אַ פיין קניפּל מיט כסף, און דער טאַטע איז געווען אין כעס: אין אַמעריקע איז פאַרהאַן גענוג געלד, צו וואָס באַדאַרף די אַלטע געלט, בשעת ער מיט זיין משפחה ליידן דאָ הונגער...

נאָר איינער איז געווען, וועמען אַלע צרות זיינען גאָרנישט אָנגעגאַנגען, דאָס איז קובאַ. די בעקלעך האָבן באַ אים געלויכטן און וואָס ער האָט געדאַרפט — אַלץ האָט ער געהאַט, פאַר אים איז אַלץ געווען, ער פלעגט אַלע רייצן און באַליידיקן, אַפילו דעם טאַטן נישט שאַנעווען.

מיט זעליקן פלעגט ער זיך שטענדיק רייסן, אַצינד נאָך מער ווי פריער. ווייל זעליק האָט אַצינד וויניקער פאַרשוויגן. זעליק האָט געפילט, אַז ער ווערט „אַ מענטש": די באַלעבאַטים זיינען פון אים צופרידן, מען געטרויט אים שוין גרויסע סומען געלט, וועלכע ער טראָגט אַוועק אין באַנק און ברענגט פון באַנק...

דער דרייצעניעריקער זעליק האָט אַ סך געאַרבעט פאַר די באַלעבאַטים און אַ סך געלערנט און געלייענט אין די פרייע שעהן...

און קובאַ האָט זיך געפוילט און דערצו האָט ער ליב געהאַט אַ נאַש צו טון...

יאָ, וועגן נאַשוואַרג...

זעליק איז אַמאָל זייער מיאוס אַריינגעפאַלן צוליב דעם, ווייל אים האָט זיך אויך פאַרוואָלט פאַרזוכן אַ זיסע זאַך. ער פלעגט גיין אויף די גאַסן און גלאָצן מיט די אויגן אין די שוי־פענסטער, וו עס האָבן געשמייכלט די זיסע עפּעלעך, מיט די שאָקאָלאַדקעס, מיט די מאַרמאַלאַדקעס...

ער האָט קיינמאָל קיין קאָפּעקע נישט געהאַט, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט פאַרדינט, פלעגט ער ברענגען אַהיים. מאַכט זיך איינמאָל, שפּעט אין אָוונט האָט מען אים געשיקט אויפן טעלעגראַף, אוועקטראָגן עטלעכע דעפּעשן, און זעליקן האָט זיך צום אומגליק אויסגעדוכט, אַז דער באַאַמטער, וואָס האָט אים געגעבן רעשט פון אַ דרייַרובלדיק פּאַפּירל, האָט אים איבערגעגעבן צען קאָפּעקעס. ער האָט עס עטלעכע מאָל איבערגערעכנט, דער יונגער פּריקאַזשטשיק...

יאָ...

צען קאָפּעקעס האָט ער איבעריקע. עס האָט אים גענומען אַפּן פון פרייד דאָס האַרץ...

און אין די פענסטער שמייכלען אַזוי די עפּעלעך, די שיפּטאַלן מיט די טייטלען...

און ער האָט פאַרזויפט די צען קאָפּעקעס.

אָבער שוין צוקומענדיק צום קאַנטאָר, האָט ער נאָכאַמאָל געמאַכט אַ חשבון און עס איז אים קאַלט געוואָרן: דער פּאָסט-באַאַמטער האָט קיין טעות נישט געהאַט און ער, זעליק, האָט אויסגעגעבן אויף נאַשוואַרג צען קאָפּעקעס, וואָס געהערן צום באַלעבאָס... מיט וואָס וועט ער זיך פאַרענטפערן, זאָגן, אַז ער האָט פאַרלוירן? קיינמאָל האָט עס אָבער מיט אים פריער נישט פּאַסירט.

און זעליק וויל בלייבן אַן אָרנטלעכער מענטש באַ זיינע באַלעבאַטים...

איז ער געלאָפן שפּעט אין אָוונט אַהיים. ער האָט געוואָלט דערציילן דער מאַמען, אַז ער האָט פאַרלוירן צען קאָפּעקעס און נעמען באַ איר די סומע, כּדי צו דעקן דעם פאַרלוסט...

נאָר בשעת ער איז געקומען אַהיים, איז אים געוואָלטיק שווער געוואָרן צו לייקענען און ער האָט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת...

יאָ, ער זעליק האָט פאַרנאַשט גאַנצע צען קאָפּעקעס...

די מאמע האָט אים אויסגעהערט און פּלוצלינג גענומען שרייען:

— גנב, פּרעסער, נאַשער. — קובאַ האָט עס אונטערגעכאַפּט:

— גנב, איך האָב געזאָגט, אַז ער איז אַ גנב...

זעליקן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. אַצינד האָט ער זיך טאַקע אַליין געפילט, ווי אַ גנב, און צום ערשטן מאָל אין לעבן איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז שטאַרבן איז בעסער ווי לעבן...

די מאַמע האָט אים אַ וואָרף געטון די צען קאָפּעקעס, און ער איז מיט אַ פינסטערער נשמה געלאָפן שפּעט אין אָוונט אין קאַנ־טאָר אַריין, אָפּצוגעבן די רעשט און די קוויטן פון די דעפּעשען.

אַ לאַנגע צייט איז ער דערנאָך אַרומגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווי דער זינדיקסטער מענטש אויף דער וועלט.

דער געדאַנק האָט אים שטאַרק געפּייניקט: „ער איז נישט קיין אָרענטלעכער מענטש".

און קובאַ איז גערעכט:

„גנב"! עס פלעגט אים קלינגען אין די אויערן באַטאָג און באַנאַכט. ער פלעגט רעדן פון שלאָף און געאַרבעט אָן ווילן...

שפּעטער האָט ער זיך געכאַפּט: אַ מענטש קען דאָך תשובה טון, האָבן חרטה אויף זיינע זינד.

און דער „מענטש" האָט שטאַרק חרטה געהאַט, ער האָט פעסט באַ זיך באַשלאָסן מער נישט צו גנבענען און מער נישט נאַשן פאַר פרעמד געלט. זאָל מען אין שטוב לאַכן פון אים, זאָל מען אים נישט ליב האָבן.

ער וועט בלייבן אַן אָרנטלעכער, און פון אַצינד אָן האָט ער געהיטן דעם באַלעבאָס גראָשן, ווי אַ הייליקייט.

די הענט פלעגן אים ברענען, בשעת ער האָט געטראָגן פרעמד געלט... און די פענסטער מיט די נאַשווארגן האָט ער נישט געוואָלט אָנקוקן...

III.

## טויבן...

עטלעכע יאָר האָט זעליק אָפּגעדינט באַ די שותּפים ברוידע און הענדלער. צום סוף האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן. איינער דעם צווייטן האָט געכאַפּט באַ צו גרויסע גנבות. עס איז אַרויסגעקומען אַ קריגעריי, מענטשן האָבן זיך אַריינגעמישט און די שותּפים זיינען זיך בשלום פונאַנדערגעגאַנגען.

צוויי ווענט האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און אינמיטן איז געבליבן אַ ליידיקער פּלאַץ... ער האָט זיך נישט געהאַט וווּ אַהינצוטון.

קיין נייער פּאָסטן האָט זיך נישט געמאַכט. עטלעכע מאָל האָט מען אים אָנגעוויזן, אַז דאָ און דאָרט באַדאַרף מען אַ „יונגל״, נאָר זעליק פלעגט שוין שטענדיק פאַרשפּעטיקן.

געלערנט האָט ער נישט.

געאַרבעט אויך נישט. דאָס לעבן איז אים לאַנגווייליק געוואָרן, דער טאָג ציט זיך אָן אַ סוף,

ער האָט זיך גענומען צופיל אַרומשלעפּן איבער די גאַסן, קוקן אויפן שטאָט-זייגער און קוקן אויף די וואָלקנס, וואָס ציען זיך... וווּהין? נישט איינמאָל האָט ער געטראַכט באַ זיך, אַז גוט וואָלט עס געווען, ווען ער אַליין איז אַזאַ וואָלקן און ער אַליין שווימט אַזוי אַוועק פון דער אָרימער היים, פון ברודערל קובאַ...

אינדערהיים איז געווען זייער שלעכט. דער „פאַרדינער" האָט אַצינד גאַרנישט פאַרדינט און קיין פרייד האָט ער אים נישט געבּרענגט.

אמת, ער האָט אַ סך מאָל זיך געכאַפּט לייענען, געוואָלט מיט עפּעס פול מאַכן די טעג. נאָר אין שטוב האָט ער באַקומען אַ גייעם נאָמען.

— ליידיקגייער! און ער האָט זייער נישט ליב געהאַט די צונעמענישן, וואָס מען האָט אים אָנגעוואָרפן.

דערצו האָבן זיך זיינע בגדים אויסגעריבן, די שיך האָבן זיך אויסגעדרייט. פריער בשעת ער פלעגט פאַרדינען, האָט דער טאַטע אים דאָך געקויפט אַ פּאָר שיך...

איצט איז געווען שלעכט, זייער שלעכט, געווען אַ סך טעג, בעת ער פלעגט אָפּוואַרטן די נאַכט, כדי ער זאָל קענען אַ ביסל לופט כאַפּן, ווייל באַטאָג איז געווען אַ חרפה אַרויסצוגיין אין די טראַנטעס.

אין אַזעלכע אָוונטן פלעגט דער יונגער זעליקל ווערן אַ גאַנצער פילאָזאָף. ער האָט געוווּסט, אַז עס זיינען פאַרהאַן אַזעלכע פייגל, וועלכע ווייזן זיך אויך בלויז באַנאַכט. זיי האָבן נישט ליב דעם טאָג...

פאַרוואָס איז ער, זעליק, נישט אַזאַ נאַכט-פויגל.

פלעגט ער אַוועקגיין אין שטאָט-גאָרטן און קוקן אויף די געדיכט-פאַרשאָטנטע צווייגן, אַריינדרינגען מיט די אויגן אין די שוואַרצע קושאַקעס און זוכן זיינע נאַכט-שותפים — די פייגעלעך. ער פלעגט גאַרנישט געפינען און ער האָט קיינעם נישט געהאַט.

אַרום אין גאָרטן האָבן שפּאַצירט פּאָרלעך, יונגע און גאָר יונגע, קליינע קינדער האָבן אויך געהאַט חברים.

ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, וואָס ער איז געבליבן איינער

אַליין? אָן קיינעם נישט. אין גאָרטן איז געווען אַ סטאַוו; זעליק פלעגט זיך אָנקוקן אַנטקעגן פון וואַסער. דער גאָרטן ווערט ליידי־קער און מען הערט איצט דייטלעכער, ווי די זשאַבעס קוואַקען...
צו וואָס שרייען זיי? וועמען רופן זיי?

שוואַרצעביימער, אַ שוואַרצער הימל מיט גאָלדענע פינטע־לעך... אַ גרויסער עלנט. דער גאָרטן איז שוין ליידיק ...ן דאָס איינזאַמע יונגל שלעפּט זיך אַהיים אַ הונגעריקער. אַמאָל פלעגט מען זיך אין שטוב כאַפּן, אַז ער איז נישט געווען באַם עסן און די מאַמע פלעגט איבערלאָזן אויפן טיש אַ שטיקל ברויט מיט פּוּ־טער און אַ קאַלט גלאָז טיי..

אַ ווייטיקלעכע דאַנקבאַרקייט צו דער מאַמען פלעגט זיך דאַ־מאָלס אַ ריר טון אין זיין נשמה, דערנאָך פלעגט ער זיך לייגן שלאָפן און אין די אויערן גרילצט דאָס געשריי פון די זשאַבעס... ערגעץ דאָרט אין די געדיכטע קושאַקעס פון גאָרטן האָט עמעץ אַ געהיימער געמוזט בלייבן, אויך אַזאַ עלנטער, ווי ער, נאָר אַ שטאַר־קער, יענער האָט זיך פאַר קיינעם קיין מורא נישט... אַזוי פלעגט ער טראַכטן ביז דער שוואַרצער שלייער פון נאַכט־גאָרטן פלעגט אים פאַרהילן די אויגן אין אַ יונגן שלאָף.

אינדערפרי זון, ליכטיק, נאָר ער קען זיך נישט ווייזן אין גאַס, דער אָפּגעריסענער.

נישט איין מאָל איז ער אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן און געלאַ־טעט די הויזן, די שיך פלעגט ער אויך אַליין פאַרבייען, און קובאַ פלעגט שמייכלען:

— שוסטער!

— שניידער!...

קובאַ האָט שוין געהאַט חברים, האָט מיט זיי איביינעם גע־זאַמלט מאַרקעס, האָט געלערנט אין גימנאַזיום און די מאַמע האָט פון אים געקוואָלן.

קיינער וואָלט נישט געגלייבט, אַז דאָס זיינען צוויי ברידער. איינער האָט געלויכטן אין זיין שילער־אוניפאָרם, דער צווייטער איז געגאַנגען אָפּגעריסן און האָט אויסגעזען, ווי דער גרעסטער קבצן...

צו יענער צייט, בשעת זעליק איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פופצען, איז אים באַפאַלן אַ ליידנשאַפט צו טויבן.

דאָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר... דאָ האָבן שוין נישט געהאָלפן קיין שטראָף־רייד, קיין קלעפ, קיין באַליידיקונג.

ער איז אַרומגעגאַנגען ליידיק און אין עפּעס אַריינגעבן די נשמה האָט ער געמוזט...

טויבן... פּילפּאַרביקע, פון אַלע מינים טויבן, ווי נאָר אַ שוסטער אַ שיכּור, ווי נאָר אַ לאָבוז, האָט זיך זעליק מיט אים גע־חברט און אים צוגעהאָלפן אין דער הייליקער אַרבעט: נאָכיאָגן זיך און כאַפן טויבן...

ער איז געווען באַליבט בײַ די אַלע טויבן־כאַפּער, ווייל ער איז געווען אַן אומזיסטער באַהעלפער, ער האָט דעם גאַנצן טאָג אַוועקגעגעבן, ער האָט אפילו אויף אַ צייט אַוועקגעוואָרפן אַלע ביכלעך און אָנגעהויבן פאַרגרעבט צו ווערן.

ער האָט זיך אויפגעהערט צו שעמען מיט זיינע צעריסענע בגדים, ער האָט אויפגעהערט צו קוקן אויף די מענטשן, ווייל ער האָט כּסדר געקוקט אין די וואָלקנס אַריין, אין דער הויך צו די דעכער, ער האָט כּסדר געזוכט די טויבן, אַ שאַרפן בליק האָט ער געהאַט, אַ טויב וועט זיך פון זיינע אויגן נישט אַרויסדרייען.

געכאַפּט בײַ וועמען פון זיינע חברים אַ שטיק שוואַרץ ברויט און זאַט געוואָרן, פאַרטרונקען מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער און מער באַדאַרף ער נישט.

אַ טייערע וועלט... אַזוי פיל פ. ייהייט, אַזאַ זאָרגלאָזיקייט,

און די קאַלירטע פליגל פון די טויבן פלעגן אים די שענסטע הלומות געבן...

און אַצינד גראָד, בשעת ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן פריי און גליקלעך, אַצינד האָבן זיך אַלע דערמאַנט, אַז ער איז וועמענס. די מאַמע, קובאַ מיט די יינגערע ברידער און שוועסטער, אַלע האָבן זיך גענומען צו אים, אפילו די פרעמדע שכנים האָבן זיך גענומען אַריינמישן אין זיין לעבן:

— פע, זעליק! עס פּאַסט נישט.

און אינדערהיים:

גאַסן־יונג, זשוליק, גנב! וואָס וועט פון דיר זיין?

דאָס זיינען געווען דער מאַמעס ווערטער.

דער טאַטע איז לאַנגע וואָכן געווען אין דער פרעמד.

און קובאַ מיט די איבריקע ברידער און שוועסטער האָבן אויפגעהערט צו קוקן אויף אים, ווי אויף אַ ברודער...

אַ פּאַרזעעניש, אַ פּלאָג איז דאָס — נישט קיין ברודער.

אָבער זעליק איז אַליין אויך געוואָרן עפּעס אַנדערש, עפּעס אַן עקשן געוואָרן, אַ יונגל אַ טראַכטער, אַ פאַרקלערטער אין זיך, מיט אַן אייגענעם אמת און מיט אייגענע צילן.

אמת, ער האָט זיך געפילט זינדיק, וואָס ער האָט זיך מיט די טויבן־יונגען פאַרבונדן, ער האָט זיך געפילט, ווי אַ פרעמדער צו זיינע...

„אָבער קיין גנב בין איך נישט".

„קיין זשוליק בין איך נישט".

און ער איז צוליב די באַליידיקונגען אַ צייט נישט געקומען אהיים.

וווּ איז ער געווען?

וווּ געגעסן?

וווּ גענעכטיקט?

בײַ די טויבן־יונגען, בײַ אבֿרהמל דעם סטאָליער, בײַ יאַנעק דעם שוסטער און עפּעס בײַ אײנעם אַ גנבֿ, וואָס האָט געהײסן „גוז". יענער האָט אויך געהאַט טויבן...

אָט די דאָזיקע חבֿרה האָט זעליקן געשטיצט מיט אַלע מעגלעכקייטן, ער איז בײַ זײ געווען אַ „קדוש". הערסט! אַ באַלעבאַטישער יאַט וויל זיך האַלטן מיט די פֿרײַע יונגען און אַרומלויפֿן מיט די טויבן... אַזעלכן באַדאַרף מען העלפֿן.

און זײ האָבן אים געהאָלפֿן מיט אַלץ: מיט ברויט, מיט געלעגער און „גוז", דער גנבֿ, האָט אַמאָל צו אים אַ זאָג געטון:

— עס וועט זיך מאַכן אַ גוט שטיקל אַרבעט, וועסטו באַקומען אַ פּאָר הויזן, זעליק!

זעליק האָט אַ ציטער געטון און אין האַרצן האָט ער באַלד באַשלאָסן, אַז ער וועט די געגנבֿעטע הויזן נישט טראָגן.

ער האָט געמעקלערט טויבן, געזוכט פּאָר אײנעם אַ „זי", פֿאַרן צווייטן אַ רויטן „ער", און אַזוי האָט ער זיך עטלעכע וואָכן דורכגעשלאָגן.

און ער איז אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ גאַנצער חבֿרה יונגלעך און שקצים, געקראָכן מיט זײ אויף דעכער, געיאָגט די טויבן און אָנגעקוואָלן, ווען עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו כאַפּן אַ „פֿרעמדן". ער האָט ליב צו קוקן, ווי די טויבן דרייען זיך אונטערן הימל אין לאַנגזאַמע און שנעלע קאַראַהאָדן.

פֿילפֿאַרביקע: געלע, רויטע, ווײַסע און שוואַרצע. די זון שײַנט דורך זײערע פֿליגל, די זון באַשטראַלט זײ.

און ווינטער אין דער קלאָרער לופֿט, איבער די ווײַסע דעכער, ווי הויך, ווי גוואַלטיק הויך זײ האָבן זיך אויפֿגעהויבן...

פּלוצלינג... אין דער מחנה טויבן רײַסט זיך אַרײַן אַ יאַסטשעמב, אַ ווילדער רויב־פֿויגל, וואָס פֿרעסט טויבן. די גאַנצע מחנה צעשיט זיך אויף אַלע זײַטן, אַנדערע פֿאַלן פֿון שרעק אַראָפּ אויף

די דעכער, אַנדערע ווערן איינגעצן פאַרשווונדן פון האָריזאָנט...
און דער יאַשטשעמב טראָגט זיך לאַנגזאַם און שווער אַוועק. אין זיינע בעגל האַלט ער שוין אַ קרבן, פון וועלכן עס שיטן זיך אין דער לופטן ווייסע פעדערלעך...

שפעטער, ווען די צעשפרייטע און צעשראָקענע טויבן קומען צוריק צום טויבן-שטייג, שטעלן זיך טויבן-שלעגערס אויס און מען בעמט זוכן אין די טויבן, וועלכע פון זיי איז געפאַלן אַלס אַ קרבן... יאָ, עס פעלט די ווייסע קאָסמאַטע „זי", אַ טייערע טויב געווען. חברה ווערט אומעטיק ביז גאָר, כאַטש נעם און זאָג „קדיש" נאָך דער טויב.

בא זעליקן איז דער צער נאָך גרעסער, ער שטייט פונדערווייטנס און טראַכט זיך זיינע געדאַנקען, זיין גאַנצע נשמה איז אַוועק צו דער אומגליקלעכער טויב... ער איז אַצינד מיט זיינע יונגלערישע געדאַנקען אין אַ וואַלד ערגעץ, ווו דער רויב-פויגל שטייט אַצינד אויף אַ הויכן בוים און פרעסט די ווייסע „זי". ער, זעליק, זעט און פילט אַצינד דעם גאַנצן וואַלד מיט דעם פראָסט אַרום, מיט די פוכיקע שנייען, ער הערט דעם פויגעלשן ווילדן קוויטש און דעם וויטן עכאָ...

אָט אַזוי פלעגט זיך זעליק צוליב אַ טויב פאַרטראַכטן.
אַ צייט אַזוי אַרומגעפלויגן איבער די גאַסן און געספּלעך מיט אַ טויב אין בוזעם, מיט טויבן אין די קעשענעס.
ביז עס איז געקומען אַן איבערברוך.

אין איינעם אַ שיינעם טאָג, האַרבסט-צייט, באַ אברהמל דעם סטאָליער אויפן פּלאַץ איז זיך זעליק געזעסן אויף אַ באַרג ברעטער און האָט געקוקט אויף די טויבן, וועלכע זייגען אַריין און אַרויס פון טויבן-שלאַק.

ער איז געזעסן אויף דער וואַך און אויסגעקוקט טאָמער באַווייזט זיך אַ „פרעמדער" אויפן האָריזאָנט און דאַמאָלס וועט ער

כאַפּן דעם שטעקן מיט דער האַנט און נעמען יאָגן די טויבן און אַ געשריי טון צו אברהמלען, וועלכער היבלט די ברעטער איבעוויי-ניק אין שטוב:

— אברהמל, אַ פרעמדער...

נאָר קיין „פרעמדער" האָט זיך נישט געוויזן און אָנשטאָט אַ טויב אונטערן בלויען הימל, האָט זיך פאַר זעליקן געשטעלט די מאַמע זיינע. זי האָט אים אויפגעזוכט. זי האָט אויסגעזוכט דעם פּלאַץ, וווּ ער פאַרברענגט זיינע טעג...

ווען דער פּופּצעניעריקער בחור האָט דערזען זיין מאַמען, האָט זיך בא אים דאָס האַרץ ערגעץ אַראָפּגעלאָזט און ער האָט געוואָלט נעמען לויפן...

— זעליק! זי האָט אים אַ מאָדנעם ריר געטון מיט איר האַר-ציקן „זעליק".

„אָט אַזוי רעדט אַ מאַמע", האָט זעליק אַ טראַכט געטון און ער האָט אויפגעהויבן אויף איר זיין בליק.

טרערן זיינען געשטאַנען בא איר אין די אויגן.

און דאָס איז געווען גענוג...

טויזנט מאָל הערן „גנב" וואָלט ער בעסער געוואָלט, טויזנט מאָל „זשוליק", „ליידיקגייער", קלעפּ באַקומען, געביסן און געריסן צו ווערן, איידער זען די טרערן פון דער מאַמען...

ער איז געוואָרן צעטומלט, גענומען זיך אַרומקוקן, ווי ער וואָלט אין אַ נעץ אַריינגעפאַלן. די טויבן האָבן זיך רויק און אי-דיליש געשפּאַצירט אויפן הויף און אויפן דאַך...

די האַרבסט-זון האָט געוואַרעמט. נעכטן איז אים געווען גוט, זעליקן, ער האָט גאָרנישט געוואָלט, היינט איז אים געווען גוט...

און דאָ איז זי געקומען... די מאַמע...

אַ סך יסורים האָט זי געמוזט צוליב אים דורכלעבן, אַ סך נעכט נישט שלאָפן — אויב זי וויינט צוליב אים.

און ער האָט געמיינט, אַז זי איז פאַר אים אַ פרעמדע, אַ שלעכטע...

וואָס וועט זיין פון דיר, זעליק? דו באַגראָבסט דאָך אונדז אַלע, איך קען פאַר מענטשן זיך נישט ווייזן...

— וואָס ווילסטו? — האָט זעליק גיך מיט זיין קול אַ געשריי געטון, ער האָט זיך נאָך געראַנגלט.

— קום אַהיים!

— אַ היים האָב איך? ווען האָב איך אַמאָל געהאַט אַ היים? קובאַ האָט אַהיים. איך האָב נאָר צרות פון ערשטן טאָג, צרות, צרות... נאַ גיב אַ קוק אויף מיינע קליידער, וועלכער בחור וועט זיך מיט מיר חברן אין אַזעלכע שמאַטעס...

ער האָט אָנגעהויבן רעדן און שרייען. אַ ים מיט פאַרביטערונג האָט ער אויסגעגאָסן:

— אַז איך האָב פאַרדינט, האָט מען באַ מיר ביז אַ גראָשן צוגענומען און אַצינד זאָל איך נאַקעט אַרומגיין...

די מאַמע, אַ בלייכע, האָט געקוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן. זי איז געוועזן מיד און האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף די ברעטער, ער האָט אויסגערעכנט אַלע זיינע טעג און יאָרן:

— פריער באַם זיידן מיט די פאַרשטונקענע פעלעכלעך און דערנאָך באַ פרעמדע טאַטע-מאַמע...

— דערנאָך מיין ברודערל קובאַ, איך האָב דאָך סימנים אויף מיינע הענט פון זיינע ציין.

— דערנאָך גנב...

דאָס, וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אַזוי פיל צייט, זיין גאַנצע פאַרביטערונג האָט אויפגעברויזט אַצינד אין זיין ברוסט און ער האָט גענומען וויינען, כליפּען, זיין גאַנצער דאַרער קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון ווייטיק און אויפרעגונג.

און אַזוי וויינענדיק האָט ער געכאַפּט אַ קוק צי קיינער זעט

נישט, ער האָט נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל זען זיינע טרערן. נאָר אויפן גרויסן פּלאַץ איז נאָר געווען די מאַמע און די... רויקע טויבן.

די מאַמע האָט געשוויגן, ווי אַ זינדיקע.

ער האָט געפילט, אַז ער האָט זי באַזיגט, זי איז בעסער געוואָרן. דאָס שווייגן פון דער מאַמען האָט אויף אים מער געווירקט, ווי אַלע ענטפערס, וועלכע זי וואָלט אים געגעבן.

ער האָט געפילט, אַז מען נעמט זיך מיט אים רעכענען.

שוין גענוג „גנב און ליידיקגייער".

שוין גענוג באַליידיקט געוואָרן...

ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ווייכע ווערטער, געוואָלט באַרויקן זיך און די מאַמע...

ווייט־נאָענט איבער די דעכער, אונטערן הימל האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע טויב, דאַכט זיך, מיט אַ געלן, אָדער מיט אַ רויטן עק, זעליק האָט איינגעגעבערט דעם בליק צו יענעם פּונקט, ווו די טויב איז געשוואומען...

און איידער וואָס־ווען, האָט ער שוין געהאַלטן דעם לאַנגן דראַנג מיט דער שמאַטע און גענומען יאָגן אברהמל סטאָליערס טויבן, און צו אברהמלען האָט ער אַ געשריי געטון:

— אברהמל, קומט אַרויס... אַ „פרעמדער", אברהמל!

די מאַמע האָט עס דערזען, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אַראָפּגעלאָפן פון פּלאַץ:

— באַגראָבן, באַגראָבן אַ זון...

און זעליק האָט גענומען לויפן ווי אַ פאַרסמטער איבערן פּלאַץ. די פיס שפּרינגען איבער די ברעטער און קלעצער, וואָס וואַלגערן זיך אויפן פּלאַץ, נאָר די אויגן זייבען אינדערהייך, אין הימל אַריין, איבער די דעכער. די טויב באַווייזט זיך און ווערט פאַרשוווּנדן...

דאָ מוז מען אַרבעטן פלינק. אַ טויב האָט פליגל און די פליגל טראָגן זי אַוועק העט ווייט. איין רגע און מען פאַרשפּילט דעם גאַנצן ענין.

אין אַזעלכע מאָמענטן טאָר מען נישט כליפּען, אין אַזעלכע מאָמענטן מעג מען אפילו אַ מאַמען פאַרגעסן.

— אברהמל, קומט אַרויס... אַ „פרעמדער", אברהמל!

אברהמל איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און האָט אײַנײַנעם מיט זעליקן גענומען יאָגן די טויבן.

זיי זײַנען בײדע אַרומגעלאָפן איבער דעם גרויסן פּלאַץ און בײדע האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, געפּייפט און געגלאָצט מיט די אויגן צום הימל, צו די דעכער, ביז די טויב האָט זיך אַוועקגעזעצט אײַנײַנעם מיט אברהמלס טויבן אויף אברהמלס דאַך...

דאַמאָלס איז אַוועק דאָס אײדלסטע שטיקל אַרבעט: פאַרנאַרן די טויב אין שטײג אַרײַן, און אין דעם מאָמענט האָט שוין זעליק אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז די מאַמע איז דאָ געווען...

די פרעמדע טויב איז געשטאַנען אָנגעשראָקן אויפן פרעמדן דאַך, האָט כסדר געדרייט אויף לינקס און רעכטס מיטן קעפּל און איז געווען זייער פאַרדעכטיק.

מיט שטילע טריט האָט אברהמל געשפּרייזט, לאַנגזאַם געפּייפט און גערופן די טויבן מיט אַרבעס, זעליק איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ תּלמיד, ווי אַן אַסיסטענט, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. ער איז שטענדיק געווען אַזעלכער, באַם פאַנגען אַ טויב האָט ער אינגאַנצן געציטערט און געפיבערט, ער האָט שטענדיק געהאַט דערבײַ צו טראַכטן: פון וואַנען איז די טויב געקומען, אפשר האָט זי ערגעץ געלאָזט יונגע טייבעלעך און זיי הונגערן אַצינד.

אפשר איז די טויב געקומען פון אַ דאָרף? אפשר גאָר פון אַן אַנדערע שטאָט?

אין אַזעלכע רגעס זאָל ער נאָך געדענקען א מאַגען? ניין, ער איז אײַנגאַנצן אַרײַנגעטאָן געווען אין דעם העלפן אברהמלען... פֿלוצלינג האָט זיך די טויב אָפּגעריסן פֿון דאַך און אַוועקגעפֿלויגן, האָט אברהמל ווידער געכאַפּט זיין דראָנג מיט דער שוואַרצער שמאַטע און אויפֿגעיאָגט די גאַנצע מחנה טויבן, וואָס האָט ביז איצט רויִק די אַרבעס געגעסן. זעליק האָט געשריגן, געפּאַטשט מיט די הענט. די טויב, די פֿרעמדע, איז מיט מזל צוריקגעקומען... איצט איז זי שוין רויִקער געווען, זי האָט זיך גענומען צוגעוויי־נען צום פֿרעמדן דאַך. די פּראָצעדור פֿון אַריין נאַרן איז איצט אַ סך לייכטער צוגעגאַנגען.

נאָך עטלעכע שעה שווערער און פּאָרזיכטיקער אַרבעט איז די טויב געפֿאַנגען געוואָרן. זעליק איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אויבן אין טויבן־שלאַק און צוגעקוקט זיך צו דער „נייער".

פֿאַרנאַכט, ווען די זון איז אַוועק, דעם טויבן־שלאַק האָט מען צוגעמאַכט און אברהמל מיט זיין הויז־געזינד האָבן גענומען עסן וועטשערע, האָט זעליק פֿלוצלינג און פֿיינלעך דערפֿילט זיין נע־ווגד, ער האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון פּלאַץ און איז אַוועק אַהיים...

געלעבט האָבן זיי שוין נישט אויף ביי־וועלט, דאַמאָלס איז דאָס פּאַר זיי געווען אַ צו טייערע וווינונג. זיי האָבן אַצינד געלעבט אויף דער סטאַראַ־באַזאַרע צווישן קרייז א ביסל ווייטלעך פֿון שטאָט...

די הייזער זיינען דאָ שיטערער [illegible], אַ סך גערטנער און מער הימל, ווי אין שטאָט. דאָ האָט זיך זעליק בעסער געפֿילט, נאָר דאָך פֿלעגט ער זייער אָפֿט בענקען נאָך דער ביי־וועלט־גאַס, וווּ זיינס אַ ביסל קינדער־יאָרן זיינען אַוועק. ער פֿלעגט אָפֿט מאַכן אַ שפּאַציר צו דער ביי־וועלט, צוגיין ביז צום הויז, וווּ זיי האָבן פֿריִער געלעבט און נישט נאָר דאָס הויז, נאָר אַלע הייזער זיינען אים עפּעס טייער געווען... פֿאַרוואָס? מיט וואָס? [illegible]

האָבן אים יענע יאָרן געבראַכט? גאָרנישט, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז שוין אָוועק, דערפאַר פלעגט אים קלעמען דאָס האַרץ.

אַצינד אויף באַיאַרע, ווו זיי זיינען צוליב דעם דלות אַריבערגעפאָרן, דאָ האָט ער פיל געטרוימט און געליטן פון איינזאַמקייט... עך, ווען די טאַטע-מאַמע זאָלן אים לאָזן, דאַמאָלס וואָלט ער זיך אויפגעבויט אויפן בוידעם פון דעם הויז, ווו זיי לעבן, אַ טויבנשלאַק און ער וואָלט זיך פאַרנומען מיט די טויבן...

מער באַדאַרף ער נישט, ער וואָלט שוין מיט דעם אַליין צופרידן געווען, אָבער וועגן דעם האָט מען אַפילו טראַכטן נישט געטאָרט... דאָ אויף סטאַרא-באַיאַרע האָט ער אַ סך הינט באַגעגנט און אַ סך מער שקצים, וועלכע פלעגן אים גאַנץ אָפט מיט שטיינער מכבד זיין... ער האָט אַ סך מאָל זיך געשראָקן פאַר זיי, נאָר די שקצים האָבן פאַר אים אויך מורא געהאַט, ווייל ער איז געווען הויך געוואַקסן און נאָנט צו אים פלעגן זיי נישט צוגיין...

דאָ האָט ער אויך געהאַט אַ גרויסן סאָד, ווי אויף ביילעלט. דער סאָד האָט אנגעהערט צו איינעם אַ דייטש, אָסוואַלד, וועלכער האָט געלעבט אין אויסלאַנד. זעליק האָט עס נישט געקאָנט פאַרשטיין: אַ מענטש האָט אַזאַ גרויסן, געדיכטן סאָד מיט פרוכט-ביימער, מיט בלומען און אליין זיצט ער אין אויסלאַנד — אַ משוגענער מענטש!

איצט איז זעליק געקומען אַהיים און געוואָלט האָט ער זיך פאַררוקן אין לעצטן צימער, ווו ער האָט געוואָלט זיין מיט זיך אַליין..

קובאַ האָט אים באַמערקט און זעליק האָט געהערט דורכן וואַנט, ווי יענער האָט זיך אָנגערופן:

— ער איז שוין דאָ דער „חברה-מאַן".

און דער „חברה-מאַן" איז געלעגן אויף אַ צעבראָכענער קאַ-

נאפע אין אַ נישט-באַלויכטענעם צימער און אַ מאָדנער טרויער האָט אים געשטיקט...

דאָס, וואָס די מאַמע איז הײַנט געקומען צו אים און האָט אים געזען לעבן די טויבן...

דאָס, וואָס די מאַמע האָט צו אים אַזוי גערעדט און געוויינט, האָט אים גערירט ביז גאָר... די שטוב, דער דלות מיט אַלדינג איז אים אין דער רגע טייער געוואָרן.

אויפן הויף האָבן זיך די קינדער געשפּילט און יעדע רגע האָט ער געהערט, ווי אַן אַנדער יונגל האָט אויסגעשריגן, דאָס האָבן זיך געשפּילט יידישע און קריסטלעכע קינדער אינאיינעם.

אָט הערט ער שרייען:

„ראַז, דוואַ, טרי, טשעטירע, פּיאַט" —

„וישאָל זאַיטשיק פּאָגוליאַט"...

און אַ ביסל שפּעטער אַן אַנדער קול:

„אני הלכתי בדרך"...

קינדער האָבן זיך געשפּילט אין אַ וואַרעמען האַרבסט-פּאַרנאַכט.

עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך איבערגעגעבן צו די יאַטלעך אין די הענט און זיי קאָמאַנדעוועט עס אַצינד.

ער איז אַלץ רויִקער געוואָרן...

רויִק און באַליידיקט. פאַר זיך אַליין גערעכט און באַליי-דיקט... ווער? ווער איז אין אַזעלכע שעהן צוגעקומען צו זיין ווייטיק? ווער האָט אים עפּעס אויפגעקלערט?

אין אַזעלכע שעהן איז בײַ אים רעכט געווען צו בלייבן אייביק דאָ ליגן אין טונקעלן חדר, אָפּרייסן זיך פון דער וועלט, ווי אַ שטיינדל פון פעלז און צו קיינעם נישט שטרעבן, צו גאָר-נישט...

מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און אַ בלאַסער שטראָם

ליכט איז אַריין פון צווייטן צימער. אין טיר איז געשטאַנען די מאַמע מיט אַ טעלער...

דאָס האָט זי זעליקן געברענגט עסן. שווייגנדיק האָט זי אוועקגעשטעלט דעם טעלער און אַרויסגעגאַנגען. אין אַ מינוט שפּע־טער איז זי ווידער געקומען און האָט נאָך מיטגעברענגט.

זעליק איז געלעגן אַ צייט אויף דער קאַנאַפּע, ער איז גע־ווען הונגעריק, נאָר צוליב אַ צולהכעיס האָט ער נישט געוואָלט פאַרזוכן פון דעם געבראַכטן.

איז אים איינגעפאַלן, אַז מיט דעם באַליידיקט ער די מאַמע, וועלכע האָט היינט געוויינט צוליב אים אויפן טויבן־פּלאַץ...

האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום טעלער. דאָס איז געווען אַ פולער טעלער מיט גוט איינגעקאָכט קרויט, עס האָט געשמעקט, און זעליק האָט גענומען עסן מיט אַפּעטיט.

ער האָט דערפילט אין דער רגע, אַז ער האָט דאָך יאָ אַ היים, אַז ער איז נישט אַזוי עלנט, ער האָט געגעסן און געטראַכט וועגן זיין ליידיקאַרומגיין, ער האָט געטראַכט פון זיינע צעקרומטע שיך, פון דער מאַמען, פון טאַטן, וואָס וואָגלט זיך אַרום אין דער פרעמד...

און דאָס קרויט איז געווען אַזוי געשמאַק און אויף די באַקן איז אים עטלעכע מאָל אַזוי וואַרעם־וואַרעם געוואָרן...

דאָס האָבן זיך זיינע טרערן געקייקלט אין טעלער אַריין, טרערן, וועלכע זעליק האָט גלייך צוריק איינגעשלונגען מיטן זיין קרויט.

עטלעכע טעג איז ער אַזוי אָפּגעזעסן אין שטוב און געלייענט ביכער, כסדר געלייעגט.

אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז איבערגעקומען אַ שווערע קרענק און איצט ווערט ער געזונט. די מאַמע האָט צו

אים גערעדט, נאָר גישט וועגן די טויבן. זי האָט געזאָגט, ער זאָל נעמען זוכן „עפּעס אַרבעט".

און זי אַליין איז געלאָפן צו פריינט און באַקאַנטע נאָכ־פרעגן אויף אַ שטעל פאַר זעליקן...

נאָר עס האָט זיך דערוויייל גאָרנישט געמאַכט.

עטלעכע מאָל האָט זיך זעליק יאָ אַרויסגעגנבעט אין שטאָט און ער האָט געהיים באַזוכט זיינע טויבן־פריינט.

אַברהמל דער סטאָליער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס מען האָט אים, זעליקן, נישט אָנגעזען:

— דו ווערסט שוין אַ מענטש, זעליק! עס פּאַסט דיר שוין נישט קומען צו מיר...

— הלוואי וואָלט איך שוין געוואָרן אַ מענטש, — האָט זיך זע־ליק אָנגערופן, און אין דער רגע איז אים געוואָרן זייער אומעטיק: ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זיך, ווי אָפּגעריסן ער איז און ער איז ווידער אַוועק אַהיים צו די ביכלעך...

באַהאַלטן זיך פון אַלעמען...

דעם גאַנצן ווינטער איז ער אַזוי אָפּגעזעסן אינדערהיים, ווייל ער האָט קיין ווינטער־מאַנטל נישט געהאַט. דאָס איז געווען דער שווערסטער ווינטער אין זיין לעבן און פון דאַמאָלס אָן האָט זיך באַ אים אַנטוויקלט אַ אומרויִקע אייגנשאַפט: וואַרטן אינם ווינטער מיטן גרעסטן אומגעדולד דעם פרילינג, ציילן די טעג. דער ווינ־טער איז באַ אים געווען ווי אַ תּפיסה.

פרייד, ליכט, לעבן... דאָס האָט אַ מענטש נאָר פון פרילינג און פון זומער...

VI.

# די קאַכעל-פאַבריק.

אויף דער סטאַרא-באַיאַרסקע, ווו זעליקס פאַמיליע האָט אַצינד געלעבט, אויף דעם זעלבן הויף איז געווען אַ קאַכעל-פאַבריק.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער, מיט ווילד גראָז באַוואַקסן. עטלעכע ביימער, וועלכע דער מענטש האָט צוליב אומבאַוווסטע סבות געשאַנעוועט, עטלעכע ביימער האָבן געוואָרפן שאָטן אין די הייסע טעג. אין די האַרבסט-טעג פלעגן זיי אויסשפרייטן אונטער זיך אַ גאָלדענעם טעפּיך פון די געשטאָרבענע בלעטער. טיף אונ-טער די ביימער איז געשטאַנען די קאַכעל-פאַבריק, אַרום זיינען געווען עטלעכע גרויסע ליים-גריבער, וווּ מען האָט דאָס געבראַכ-טע ליים געווייקט און געקנעטן.

אין פאַבריק האָט מען כמעט אַ גאַנצע וואָך געהייצט דריי גרויסע אויוונס, ווו מען האָט געבאַקן די רויע קאַכעל, צו אַכט און פערציק שעה. אַ גיהנום-פייער איז דאָס געווען, אַזוי, אַז פון ליים פלעגט ווערן שטיין און דער ווייסער גיפּס פלעגט ווערן פאַר-האַרטעוועט ווי פאָרצעליי.

זעליק פלעגט אין זיין ליידיקגייען אַ סך מאָל צוגיין צו דער פאַבריק... ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף אַרבעט, ער האָט ליב געהאַט באַוועגונג, איבערהויפּט, ווען מען פלעגט זייער

גאַס בויען אַ נײַ הויז, פלעגט דאָס צונעמען זײַן גאַנצע אויפמער-זאַמקייט. די ציגל-טרעגער, די וואַפנע-מישערס... יעדעס קלייני-קייט, יעדע רייע ציגל פלעגט אים אינטערעסירן...

עס וואַקסט דאָס הויז און ער באַדאַרף אַלץ העכער אויפ-הייבן די אויגן... שוין פאַרהאַן אַ צווייטער גאָרן און מען נעמט זיך שוין צום דריטן...

ער, אַ קליין יאַטל, פלעגט הייבן די אויגן צום ריזיקן מויער...

האָט מען ברוקירט די גאַס, אַריינגעצויגן וואַסער-לייטונג, אָדער געשטעלט נײַע טעלעגראַף-זײַלן...

אַלץ איז פאַר אים געווען אַן ענין... אומעטום פלעגט ער זיך אָפּשטעלן.

און אַצינד די קאַבעל-פאַבריק, די גאַנצע פּראָצעדור מיט דעם ליים, פון וועלכן עס ווערן געמאַכט אַזאַ פײַן בלומענדיק גע-זימצל, אַזאַ ליכטיק-ווײַסער קאַבעל.

ער האָט גענומען אָפליגן אַרום און אין פאַבריק. זיך באַ-קענט מיט די אַרבעטער און... אַליין גענומען אַרבעטן. צו קאַבעל איז ער נאָך נישט דערגאַנגען, אויף דעם דאַרף מען אַרבעטן אַלס לערניונג אַ דרײַ, פיר יאָר. נאָר אין פאַבריק איז געווען אַ סך אַר-בעט, אַנדערע אַרבעט — אַרום די קאַבעל...

מען האָט די קאַבעל באַדאַרפט באַגיסן און דערנאָך דעם טרוי-קענעם גיפּס פון די קאַנטן אָפּבאַרשטן. דערנאָך אַרײַנשטעלן זיי אין אויוון, און ווען זיי ווערן פאַרטיק, אַרויסטראָגן עס פון אויוון...

אַ גאַנצע מחנה שקצים מיט שיקסעס האָבן דערבײַ געאַרבעט און פאַרדינט האָבן זיי צו צוואַנציק אָדער צו דרײַסיק קאָפּעקעס אַ טאָג.

אין דער דאָזיקער מחנה קינדער איז דער זעכצען-יעריקער זעליק אַרײַן און גענומען אַרבעטן אַזוי ווי זיי.

פּוצן און שלעפּן די קאַבעל אין אויוון און פון אויוון.

ער איז געווען עלטער, האָט מען אים געצאָלט פּערציק קאָפּעקעס אַ טאָג, און דאָס איז פאַר אים געווען נישט ווייניק. דאָס יונגל איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ גראָשן און די שיך זיינען בײַ אים געווען אויסגעדרייט. געאַרבעט האָט ער אַ גאַנצן טאָג, נאָר אינדערהיים האָט מען פון זיין נייער באַשעפטיקונג נישט געוווּסט. דער טאַטע איז געווען אַוועקגעפאָרן און די מאַמע זיינע האָט געטראַכט, אַז ער ווערט ווידער פאַרפאַלן מיט די טויבן, נאָר בשעת די מאַמע האָט זיך דערוווּסט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן פאַר אים אַ צרה:

עס פּאַסט נישט פאַר אונדז, אַז דו זאָלסט זיך חברן און אַרבעטן מיט די שקצים איין אַרבעט...

— אָבער וואָס זאָל איך טון? שוין דריי יאָר ווי איך גיי אַרום אָן אַרבעט, — האָט זיך זעליק פאַרענטפערט.

די מאַמע האָט געשוויגן און געזיפצט, זי וואָלט שוין איינגעגאַנגען, אָבער אַז דער טאַטע וועט קומען, וועט זיין אַ סקאַנדאַל, פאַרן טאַטן וועט עס זיין אַ גרויסע חרפה, וואָס זעליק איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק.

זעליק האָט דערווייל פאַר די ערשטע פאַר גילדן זיך פאַריכט די שיך און ער האָט גענומען קלויבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן. ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ גרויסע זאַך, אויף אַ גרויסע אונטערנעמונג: מאַכן זיך אַליין אַן אַנצוג. אויפנייען זיך אַ בגד — אָט דאָס איז אַצינד געווען זיין ציל.

נאָר פון די פערציק קאָפּיקעס אַ טאָג איז דאָס נישט געווען אַזוי לייכט... און זעליק איז געפאַלן אויף אַ געדאַנק, ער איז געוואָרן אַן אונטערנעמער אין קאַכעל-פאַבריק, אַ פּאָדריאַדטשיק, ער פלעגט „אָפּמאַכן" אויף אַ „גאַנצן אויוון". נישט דער באַלעבאָס פלעגט צאָלן די קינדער זייער טאָג-לוין, נאָר זעליק, ער פלעגט מיט די קינדער אָפּמאַכן, זיי זאָלן אויך אַרבעטן אויף ציל: אַרויס-

טראָגן אַזוי פיל און אַזוי פיל קאַכעל און זיי באַקומען דערפאַר אַ באַשטימטע סומע...

דאָס איז געווען זיין ערשטע אונטערנעמונג, דעם באַלעבאָס איז דאָס געפעלן בעוואָרן, וואָס דאָס יונגל האָט איינפאַל און ער האָט אים מיט אַמאָל אונטערגעשטיצט.

זעליק האָט אַליין געאַרבעט מער פאַר אַלע.

זעליק האָט געשוויצט, פאַרגעסן האָט ער, אַז מענטשן עסן און רוען. ווען די פאַבריק מאַכט זיך נישט צו, וואָלט ער אויך אַ גאַנצע נאַכט געשלעפט די קאַכעל.

די קינדער האָבן סאַקע מער געאַרבעט, דערפאַר האָבן זיי מער פאַרדינט, און אַרום פאַבריק און אין פאַבריק איז אַוועק אַ גע-רויש: אַלע שקצים האָבן זיך געסטאַרעט איבערצויאָגן איינער דעם צווייטן און זעליק פלעגט זיי ווייזן דעם בעסטןביישפיל: ער האָט אַ רגע נישט גערוט. קיין פוילער איז ער פון שטענדיק אָן נישט געווען און אַציגד האָט ער נאָך געהאַט פאַר זיך אַזאַ ציל, ווי דערגרייכן אַ ניי בגד, ער זאָל זאָל נישט אויסזען אַזוי אָרעם — דאָס האָט אים געצווונגען צו אַרבעטן איבער די כּוחות. פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, זעליק גנבעט זיך דורך דעם הויף, ער איז אויס-געשמירט מיט ליים און גיפּס, די ביינער ברעכן, די הענט באַוועגן זיך קוים.

און דאָ רוקט זיך די מאַמע אַ צעבראָכענע, אָן אויסגעלי-טענע.

זי איז שוין נישט געווען אַזאַ שטאָלצע און שלאַנקע, ווי מיט צען יאָר צוריק, דער דלות האָט פון איר אַ תּל געמאַכט.

זי קומט צו זעליקן, בשעת יענער וואַשט זיך אַרום און וואַרפט אַריין אַ פראַזע:

— אָט אַזוי וועסטו שוין בלייבן, אַ טרעגער, אַ פּאַקער, אַ גראָבער יונג.

איצט האָלט שוין זעליק נישט אויס:

— וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? וואָס בין איך אַ גנב, אַ מערדער? איך אַרבעט, ווייל איך וויל נישט גיין באַקלעט און אָפּגעריסן, פאַר קובען האָסטו געהאַט אויף אַלץ, אויף גימנאַזיעס, אויף קליידער... וואָס ווילסטו פון מיר?

פאַר איר איז שוין נישט געשטאַנען אַ קליין יונגעלע, זעליק איז אויסגעוואַקסן הויך, ער איז שוין געווען העכער פאַר דער מאַמען, די חברים זיינע, די טויבנשלעגער, פלעגן אים רופן „דער לאַנגער״, אַ בלייכער איז ער געווען מיט אומעטיקע אויגן, אַ פאַרטראַכטער. אים האָט אַלץ אינטערעסירט, ער איז נישט געווען ענלעך צו די איבעריקע בחורים. ער האָט וועגן יעדער קלייניקייט געטראַכט: וואָסער פלעגט אים אָפּשטעלן, ווהין גייט דער טייך?

אַ שרפה אין שטאָט, ער האָלט נישט אויס, ער לויפט אויף דער צענטער גאַס און בעת אַלע פנימער זיינען באַלויכטן פון פייער, בעת די פייערלעשער אַרבעטן און זען אויס ווי געטער, וואָס זיינען אַרויס קעמפן מיטן העלישן פייער...

די פונקען, וואָס צעפליען זיך צום הימל...

און דער הימל אַליין, וואָס קוקט באַנאַכט אויף אַ שרפה מיט אַזאַ שטומער נישט-נייגעריקייט. מעג זיך ברענען די גאַנצע ערד מיט אַלע אָרעמע הייזלעך, מיט אַלע רייכע פאַלאַצן, מיט גראַנאַווסקיס גאָרטן אַפילו — דעם הימל גייט עס נישט אָן. דאָרט איז פאַרהאַן אַ גן-עדן און אַ גהינום, דאָרט איז פאַרהאַן אַ גרויסער גאָט, וואָס שטראָפט מענטשן...

און וועגן גאָט האָט זעליק איין זאַך נישט פאַרשטאַנען: ער האָט זיי געגעבן לעבן און פאַרשטאַנד, ער האָט זיי געגעבן דאָס מענטשן-האַרץ און נשמה, און פאַר יעדע זינד שטראָפט ער...

איז דאָך שוין גלייכער געווען אינגאַנצן קיין מענטשן נישט

באַשאַפן, נאָר בלויז מלאָכים... נאָר וועגן גאָט טאָר מען אַזוי־נישט טראַכטן, אַזוי איז און אַזוי באַדאַרף זיין...

נאָכן שווערן טאָג האָט ער דאָך געהאַט ווילן און כוח אַרויס־גיין פון שטוב און זיך אַוועקלאָזן אויף די האַלב־ליידיקע גאַסן פון דער סטאַראַ־באַיאַרע, ביז ער פלעגט צוקומען צום פעלד...

אָפּגעריסן זיך דאָס לעבן, נישטאָ קיין הייזער און דאָ אין דער גרויסער ליידיקייט זינקט די בלוטיקע זון... פאַרוואָס איז זי אַזוי רויט און אַזוי בייז? מענטשן האָבן דאָך אַ גאַנצע טאָג געהאָרעוועט און איצט גייען זיי באַלד רוען. ער אייגער איז אַרויס אויפן פעלד... ער קען נישט פאַרשטיין וואָס עס ציט אים דאָ אַהער, נאָר ער פילט, אַז מיט דעם, וואָס ער איז דאָ איצט אַליין, איז ער אַן אַנדערער פאַר אַלע...

ווען ער גייט צוריק, ווערן שוין פאַרשווונדן די גרענעצן פון ליכט און פינסטערניש, נאַכט פאַרדעקט אַלץ.

נישט אַלע נעכט פלעגט זעליק שלאָפן.

אויסער זיין טאָג־אַרבעט אין פאַבריק האָט ער זיך אויך גענומען צו נאַכט־אַרבעט: די אייוונס האָט מען געהייצט גאַנצע אַכט און פערציק שעה נאָכאַנאַנד. דערצו איז געווען אַ ספעציעלער אַרבעטער, אַ הייצער, און יענער האָט באַדאַרפט האָבן אַ באַהעלפער, וואָס זאָל אים העלפן אָנשפּייזן דעם אויוון מיט האָלץ.

צו אַזאַ אַרבעט האָט זעליק געהאַט אַ באַזונדערן חשק. ערשטנס, ווייל פאַר אַזאַ נאַכט־אַרבעט האָט מען געצאָלט אַ גאַנצן רובל און דאָס איז געווען פאַר אים אַ וויכטיקע מטבע, צווייטנס, איז געווען נאָך אַ סבה...

דאָס האָט קיינער נישט געוווסט און קיינער וואָלט עס נישט פאַרשטאַנען.

זעליק האָט ליב געהאַט דאָס קנאַקעדיקע האָלץ פון אויוון, ער פלעגט זיצן אַנטקעגן און חלומען, טראַכטן פון יעדן באַזונדער:

פון זיין טאַטן, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר דעם קליגסטן מענטש פון דער וועלט, פון דער מאַמען פלעגט ער טראַכטן, זי, די מאַמע, איז גאָרנישט שלעכט, ווען זי וואָלט נישט געהאַט אַזוי פיל צרות — וואָלט דאָס שוין איינמאָל געווען אַ מאַמע... פון זיינע אַלע ברידער און שוועסטער האָט ער געטראַכט...

נאָר בעת ער פלעגט נעמען טראַכטן פון קובען, פלעגט אַ בייזקייט נעמען בייסן זיין אייגן האַרץ.

קובאַ איז אַן עגאָיסט, ער וואָלט אַלע לעבעדיקערהייט אויפגעגעסן צוליב זיך און מען האָט אים נאָך ליב... אַלע קעכלען אים...

די מאַמע האָט אים ליב.

דער טאַטע צאַצקעט זיך מיט אים.

און דער קובאַ שפּאַצירט שוין מיט מיידלעך, כאָטש ער איז נאָך גאָר אַ שניעק. זעליק איז עלטער פאַר אים מיט צוויי יאָר און ער הייבט נישט אָן צו וויסן, ווי מען רעדט אויס אַ וואָרט מיט אַ מיידל...

קובען וועט אַמאָל זיין גוט אין לעבן, ער האָט אַ מזלדיקן שטערן...

און בשעת אין אויוון קנאַקט דאָס האָלץ, גנבעט זיך זעליק אַרויס אין דרויסן, ער קוקט אין ווייטן הימל אַריין און ער זוכט זיין שטערן...

אפשר דער? אפשר יענער שטערן איז מיינער?

זאָל ער זיך באַווייזן, זאָל ער צו אים אַ ווונק טון זיין שטערן, זאָל ער אים עפּעס צוזאָגן...

עס וועבט זיך אים פון זיינע קינדער-טעג אָן אַן איינגעבויגענער אומעט. ער האָט מורא פאַר מענטשן, ער גלייבט נישט אין זיך און ציטערט פאַר יעדן, וואָס האָט אַ ביסל קראַפט...

עפעס ציִען אים נאָר די ליידיקע פלעצער פון שטאָט, די ליידיקע טראָטואַרן, די נאַכט מיט דער שטילקייט.

וואָס וויל ער?

וואָס זוכט ער?

אַמאָל באַקומט בײַ אים זיין אומבאַוווּסטער פאַרלאַנג אַ געשטאַלט, ער ווייסט, וואָס אים פעלט:

אַ פריינט, אַ מענטש זוכט ער, מיט וועמען צו רעדן, וועמען צו דערציילן: אַלע חלומות און אַלע געדאַנקען זיינע. ער טראַכט דאָך אַזוי פיל. נישט אַלע טראַכטן אַרום אים אַזוי ווי ער...

און דאָס, וואָס ער לייענט אין ביכער. נישט אַלץ פאַרשטייט ער, עס ווילט זיך בײַ עמעצן פרעגן.

בײַ וועמען?

יאַנעק פון די טויבן וועט אים ענטפערן אָדער די שקצים, וועלכע אַרבעטן מיט אים?

דאָרטן אין שטאָט טומלט שטענדיק. די חברה פון די אַרבעטער רופן צונויף פאַרזאַמלונגען און רעדן וועגן פאַרבעסערן דאָס לעבן...

זעליק האָט שוין אַ סך מאָל געהערט, ווי זיי רעדן. ער האָט פאַרשטאַנען און נישט פאַרשטאַנען. די מענטשן, די וואָס ריזיקירן און קעמפן מיט דער פאָליציי און מיט די סאָלדאַטן, די מענטשן, וואָס גייען אין די תפיסות, זיי זיינען בײַ אים גרויס אויסגעוואַקסן.

גרויס, שטאָלץ און מעכטיק.

ער קען אפילו נישט טראַכטן פון צוגלייכן זיך מיט זיי...

אָבער דאָך...

צום האַרץ, צו זיין האַרץ, צו זיין פאַרוואָגלטער אָפּגעזונדערטקייט און איינזאַמקייט האָבן זיי קיינמאָל נישט גערעדט.

זיי זיינען צו גרויס, צו ווייט פון אים.

אָט די גרויסע מענטשן קענען נישט פאַרשטיין אַזעלכע קליי־נע, נאָגנדע ווייטיקן פון אַזאַ בחורל...

ער האָט געזוכט אַ פריינט, געחלומט פון אַ חבר.

מיט אַ מאָדנער עלנטקייט פלעגט ער זיך צורוקן צו אַ נייעם מענטש און פאַר אַ טראָפּן פריינטשאַפט איז ער גרייט געווען אַלץ אַוועקצוגעבן...

ער פלעגט אַזוי שטיין באַנאַכט לעבן דער פאַבריק און טראַכטן.

אַ גרויסער שוואַרצער הימל איז געווען איבער אים און די שטערן צאַפּלען זיך, באַוועגן זיך, ווי אָפּגעזונדערטע גאָלדענע פי־שעלעך, יעדעס פישעלע פאַר זיך...

נאָר ווי לאַנג קען מען קוקן צו די שטערן, מען באַדאַרף גיין צום אויוון — עס פרעסט מיט אַ חיהשע אומזעטיקייט...

אַהיים פלעגט ער גיין באַגינען, מיד פון דער נאַכט, פון פייער. מיט מידע טריט פלעגט ער דורכשפּרייזן דאָס קליינע שטיקל וועג פון פאַבריק ביז זייער שטוב... אויף דער שוועל פלעגט ער בלייבן שטיין און זיך אַרומקוקן: איבער דער פאַבריק מיטן גרויסן קוימען האָט זיך שוין געהויבן די זון און טרויעריק־רויטלעך גע־פאַרבט די וועלט... אַ שאָד צו גיין שלאָפן, ווען דער טאָג הייבט זיך אָן, ווי אַ צייטווייליקער טויט פלעגט אים דאָס אויסדאַכטן.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער באַקומען אַ חבר, דעם ערשטן חבר.

צווישן די אַרבעטער אין קאַכעל־פאַבריק איז געווען אַ יונגער בחור פון באָריסאָוו, לייבעטשקע, האָט ער געהייסן.

ער האָט שטענדיק געזונגען לידלעך — בײַ דער אַרבעט און אויסער דער אַרבעט. ער האָט שטענדיק גערעדט פון מייד־לעך, אַ מיטלוווקסיקער, אַ פלינקער... אַלע דינסטמיידלעך האָבן אים שטענדיק נאָכגעקוקט.

נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך אַרומוואַשן און אָנטון אַ קראַגן, געווען איז ער אַ פראַנטיש בחורל, געווען איז ער אַ באַלעבאַטיש בחורל, נאָר ווייל ער האָט נישט געוואָלט לערנען, האָט מען אים געמאַכט פאַר אַן אַרבעטער.

אַזוי פלעגט ער וועגן זיך אַליין דערציילן.

ער האָט עס ליב געהאַט צו דערמאַנען, אַז ער איז נישט קיין געוויינטלעכער אַרבעטער: „איך בין געווען צעלאָזט״.

— געגנבעט געלט באַם טאַטן אין קראָם...

— נישט געוואָלט לערנען...

אָפנהאַרציק איז ער געווען ביז גאָר, אַ באַרימער און אַ ליגנער, נאָר זעליק האָט זיך אויף דעם נישט פאַרשטאַנען.

וואָס יענער פלעגט דערציילן — אַלץ איז פאַר זעליקן אמת.

מיט דעם דאָזיקן לייבעטשקען האָט זיך זעליק זייער באַפריינדעט.

אויסערלעך האָט זיי פאַרייניקט דאָס, וואָס ביידע זיינען זיי געווען פון באַלבאַטישע טאַטע-מאַמע.

נאָר זעליק האָט דאָ געהאַט אַנדערע כוונות: ער האָט שטענדיק, אייביק, אומעטום געזוכט אַ חבר. איינעם אַזאַ, מיט וועמען מען קען רעדן און אויסרעדן דאָס האַרץ.

און לייבעטשקע איז צו אים געווען זייער גוט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס יענער איז עלטער געווען פאַר אים מיט דריי יאָר. און דערצו שוין געווען אַן אמתער קאַכעל-מאַכער מיט אַ פאַרדינסט פון צען רובל אַ וואָך...

האָט מען זעליקן געוויזן אַ ביסל פריינטשאַפט און אַ ביסל פאַרטרויונג, איז ער שוין נישט אָפגעטרעטן.

ער איז איצט גאָר אַן אַנדערער געוואָרן, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט באַקומען אינטערעס צום לעבן: באַלד נאָך דער אַרבעט באַגעגנט ער זיך מיט זיין חבר...

לייבעטשקל און לייבעטשקע.

אפילו פאַר זיין ברודערל קובאַ האָט ער אויפגעהערט מורא צו האָבן, און אַז ער פלעגט אים אַמאָל באַגעגענען, קובען, בעת ער האָט שפּאַצירט מיט לייבעטשקען, דאַמאָלס האָט ער געטראַכט בײַ זיך, אַז קובאַ אַליין האָט אויך פאַר אים דרך־ארץ מער ווי פריִער.

ווייל זעליק גייט אַרום מיט אַ דערוואַקסענעם מענטש און רעדן רעדט ער גאָרנישט קיין יונגלערישע רייד.

ער האָט זיך געטוליעט צו לייבעטשקען, ווי צו אַ באַשיצונג.

יאָ, עס וואָלט געווען אַ יושר אים צו קויפן עפּעס אַ מתּנה — איז ער געגאַנגען און געקויפט פאַר זיינע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס אַ שטעקעלע פאַר לייבעטשקען.

וואָס אַמאָל ווייטער, אַלץ שטאַרקער איז זייער פריינטשאַפט געוואָרן. נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי אַרויסגיין אַ ביסל זיך דורכ־שפּאַצירן אויף דער סטאַרע־באַיאַרסקע גאַס. אַ גאַס מיט ווייניק הייזער און מיט אַ סך ביימער. קינדער פלעגן אַרומלויפן און פאַר־הילכן די לופט, ווי די גרילן... פון ווייטנס האָט גערויכערט די גאַנצע שטאָט, נאָר דאָ איז געווען רויִק. עס האָט זיך דאָ געפילט די נאָנטקייט פון פעלד...

זעליק פלעגט זיך פילן גליקלעך אין די דאָזיקע שפּאַציר־גענג.

כאָטש נישט אַלץ, וואָס אים האָט געפרייט, האָט לייבעטשקען איבערראַשט. מעג די זון ווי משוגעדיק ברענען, מעג אַראָפּפאַלן אַ קאַלירטער שמעטערלינג האַרט בײַ זייער טריט... לייבעטשקען גייט עס נישט אָן. ער פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס און נעמט דערציילן אַ העלדישקייט, זיינס אַ העלדישקייט, ווי ער פלעגט אין חדר חוזק מאַכן פון רבּין, וואָס פאַר אַ קונצן ער פלעגט אָפּטון.

און לייבעטשקע וואַקסט בײַ זעליקן אין די אויגן. נישט מיט

אַלץ איז ער איינשטימיק, פּאַר אַ סך זאַכן וואָלט זיך אים וועלן גוט אויסשטראָפן לייבעטשקען, נאָר מען באַדאַרף נישט איינרייסן מיט אַ חבר... און אפשר איז לייבעטשקע גערעכט, ער איז עלטער פאַר אים און אפשר קליגער אויך... זעליק אַליין ווייסט דאָך גאָר נישט...

ער איז צופרידן מיט איין זאַך, מיט דעם איינציקן געדאַנק, וואָס ער איז נישט אַליין. דערשרעקן פלעגט ער זיך, בשעת ער האָט אַמאָל אַ טראַכט געטון, אַז לייבעטשקע קען געפינען אַן אַנדערן חבר, אַ גרעסערן, אַ קליגערן און אַ רייכערן.

א בלינדע אייפערזוכט האָט אים פון אַזאַ געדאַנק געפייניקט.

אַלץ, וואָס איבערן טאָג פלעגט זיך אָנקלויבן אין האַרצן בּאַ אים, ווען אַלץ האָט געוווּסט לייבעטשקע...

און אויסער דעם, האָבן זיי איינער פון צווייטן געלערנט: זעליק פלעגט רעדן פון די ביכער, וואָס ער פלעגט לייענען און געלייענט האָט ער אַ סך, וואָס ער פלעגט פאַקן, אַלץ איז איינגעשלינגן געוואָרן.

כאָטש איצט האָט אים די אַרבעט געשטערט, נאָר נישט אַלע טעג און נעכט איז ער פאַרנומען געווען אין פאַבריק...

לייבעטשקע האָט נישט געלייענט גאָרנישט.

נאָר דערפאַר האָט ער ליב געהאַט צו הערן רעדן וועגן די ביכער... „האַ-האַ! דער זעליק איז אַ גאַנצער פילאָזאָף", אַזוי פלעגט ער גוטמוטיק זיך וויצלען אויף זעליקס חשבון.

לייבעטשקע האָט אָבער געוווּסט דאָס לעבן פון לעבן אַליין, נישט פון ביכער און ביכלעך...

ער האָט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צו „פוצן" צו אַ מיידל, ער האָט געוווּסט, ווי מען גיט אויס אַ קערבל, ער האָט ליב געהאַט אַ שנאַפּס, נישט קוקנדיק אויף זיינע יונגע יאָרן, נישט איינמאָל פלעגט ער זעליקן פאַרשלעפן אין אַ שענק. זעליק פלעגט נישט טרינקען

און בשעת לייבעטשקע פלעגט אַריינגיסן אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל, פלעגט זעליק דערפילן אַ פּרעמדשאַפּט צו אים:

— טרינק נישט אַזוי פיל, לייבעטשקע!

— ביסט נאָך אַ שניעק, בראָנפן איז אַ געזונטע זאַך.

לייבעטשקע האָט געררייכערט און זעליק האָט קיין פּאַפּיראָס אין מויל נישט געוואָלט נעמען. ער האָט זיך נאָך געהאַלטן פאַר אַ יונגל און ער האָט נישט געוואָלט נאָכטון די גרויסע.

און לייבעטשקע האָט זיך געהאַלטן מיט זעליקן, געזוכט און געוואַרט אויף אים. ער האָט געדאַרפט האָבן פאַר וועמען זיך צו באַרימען און אויסער דעם איז זעליק אַ קינד פון אַ באַלעבאַטישן טאַטן, וואָס איז אַמאָל געווען רייך...

און גערעדט האָט מען אויף זעליקן, אַז כאָטש ער אַרבעט אין פאַבריק און גייט אַזוי אַרום אָנגעטון, איז ער דאָך אַ געבילדעט בחורל, אַזעלכעס, וואָס פאַרשטייט אַריינצוקוקן אין אַ ביכל.

לייבעטשקע האָט געשעצט די דאָזיקע מעלות פון זיין יינגערן חבר און דערפאַר האָט ער זיך מיטגעהאַלטן.

אָבער, אַז לייבעטשקע פלעגט אַמאָל נאָך דער אַרבעט פאַרפאַלן ווערן אויפן גאַנצן אָוונט, איז דאַמאָלס זעליק אַרומגעגאַנגען ווי אַ יתום, ווי די בעסטע געליבטע וואָלט אים אומגעקומען. ער פלעגט אַליין אַוועקגיין בלאָנדזשען אויף די נישט-פאַרבויטע גאַסן פון עק שטאָט. נישט ווייט איז געלעגן דאָס פעלד. גרויס און אומעטיק איז געווען דער הימל, צאָרנדיק-רויט פון דער שטאַרבנדער זון...

אין אַזעלכע שעהן איז זעליק אַרומגעגאַנגען איינער אַליין. ער האָט נישט געהאַט קיין חברים פון זיינע יאָרן. לייבעטשקע איז געוואָרן באַ אים דער איינציקער, אָן אים האָט ער זיך געפילט אינגאַנצן ליידיק

ווו איז לייבעטשקע? ווו האָט ער זיך באַהאַלטן? און אומ־פאַרשטענדלעכע אייפערזוכט פלעגט אים דאַמאָלס פייניקן.

באַנאַכט, ווען ער קומט אַהיים, איז שוין לייבעטשקע פאַר־האַן באַ זיי אויפן הויף. ער גייט זעליקן אַנטקעגן און שמייכלט אַזוי מאָדנע.

זעליק איז ווי ברוגז;

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געווען?

לייבעטשקע איז אויפגעמונטערט, ער שטייט נישט איין אויף איין אָרט, ער זינגט צו אין טרייסלט וויליונגעריש מיטן קאָפּ.

— מיטן בלעכערס טאָכטער אין פעלד געווען, אויף יענער זייט פעלד, נאָך דער ציגעלניע.

— צו וואָס ביסטו מיט איר אין פעלד געגאַנגען? אַזוי ווייט אין פעלד?

נאַר, דו — ענטפערט לייבעטשקע אַ מאָדנעם ענטפער, וועלכן זעליק פאַרשטייט און פאַרשטייט נישט. עס ווערט אים הייס און קאַלט און ער האַלט דאַמאָלס אין דער רגע לייבעטשקען מיט דעם בלעכערס טאָכטער פאַר די זינדיקסטע מענטשן פון דער וועלט.

ווען ער קומט שפּעטער אַהיים שלאָפן, דרייט ער זיך לאַנג אויף זיין געלעגער, ער טראַכט פון זאַכן, וועלכע ער פאַרשטייט נאָך נישט גענוי, דאָס שטיק פעלד אונטער דער ציגעלניע שוועבט אים פאַר די אויגן און ער זעט זייביידע: דעם בלעכערס טאָכטער מיט לייבעטשקען, זיי גייען געאָרעמט, זיי זיצן צוזאַמען צוגעטו־ליעט אויפן פעלד, זיי קושן זיך, נאָר לייבעטשקע האָט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש... וואָס נאָך האָבן זיי געטון אויפן פעלד?

אַ מיש־מאַש באַ זעליקן אין די געדאַנקען... אָט באַלד דער־גייט ער אַלץ, באַלד פאַרשטייט ער אַלץ, נאָר דער שווערער אַר־בעטס־טאָג נעמט זיינס. זעליק שלאָפט איין...

אַ סך אַזעלכע טעג און נעכט האָט זעליק פאַרברענגט מיט

לייבעטשקען. לייבעטשקע פלעגט קומען צו זעליקן יעדעס מאָל מיט אַ נײַ באַרימערײַ. זעליק פלעגט נישט אַליין פאַרשטיין, נאָר פרעגן האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך געשעמט און איבער־הויפּט האָט ער ליב געהאַט אַלץ צו דערגיין מיט זײַן אייגענעם שכל...

פאַר דער צײַט איז זעליקס פאָטער געקומען צו פאָרן, ער האָט אויך גענומען קעמפן מיט זעליקן, יענער זאָל אין פאַבריק נישט גיין, נאָר זעליק איז געווען אײַנגעשפּאַרט:

— איך וויל פאַר זיך אַליין פאַרדינען און זעליק האָט שוין פאַר דעם פאַרדינטן געלד אויפגעגעבן זיך אַן אָנצוג...

ער האָט זיך געקויפט עטלעכע קראַגנס מיט אַ שלייף און שבת האָט ער אויסגעזען ווי אַ גאַנצער פראַנט...

אינדערהיים איז ער געווען גאָר ווייניק, מיט קובען האָט ער שוין אַ יאָר צײַט נישט גערעדט.

אינדערהיים בײַ זיי איז געווען דער זעלבער דלות. נאָר פון צײַט-צו-צײַט פלעגט זיך דעם טאַטן אײַנגעבן צו פאַרדינען אַ גרע־סערע סומע געלט און דאַמאָלס פלעגט די שטוב אויפלעבן אויף אַ קורצער צײַט...

דער אַמאָליקער גלאַנץ, דער אַמאָליקער אַפּעטיט פלעגט ווי־דער קומען. די מאַמע מיטן טאַטן פלעגן זיך לאָזן אין די געוועל־בער אײַנקויפן וועש און כלים, מען פלעגט נעמען בעסער עסן...

און מיטאַמאָל פלעגט אַלץ ווי אין דער ערד פאַרזינקען. דער טאַטע זײַנער איז אין געשעפט געווען אַ פאַנטאַזיאָר, אַ ריזיקאַנט, ווי אַ לײַדנשאַפטלעכער קאָרטן-שפּילער פלעגט ער ריזיקירן און אַלץ פאַרשפּילן...

און די פאַמיליע איז איצט גרויס געווען, כמעט יעדעס יאָר איז צוגעקומען אַן עסער, אַ קליין קוויטשערל...

זעליק האָט גוט געזען, אַז ער מוז אַליין פאַר זיך זאָרגן און

ער האָט איצט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צונויפצונעמען אַ פּופציק רובל און אַוועק פונדאַנען...

ער וועט אַרבעטן און לערנען — זאָל ער נאָר האָבן די פופציק רובל אין קעשענע. נאָר דאָס איז צוגעגאַנגען זייער שווער: פאַר אַ האַלב יאָר האָט ער קוים אָפּגעשפּאָרט צוועלף רובל. ער האָט זיך אַליין געקליידט און כמעט אַליין זיך געשפּייזט, אַלץ זעלטענער פלעגט ער קומען צום טאַטנס טיש, און צו דעם האָט מען זיך שוין באַ זיי צוגעוויינט.

סוף-כל-סוף האָט מען זיך צוגעוויינט צו זיין אַרבעט און צו זיין אָפּגעזונדערטקייט און, אַז עס פלעגט אויספעלן אַ רובל, פלעגט זעליק געבן פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע, מיט קיין סך האָט ער נישט געקענט העלפן און דערצו האָט ער דאָך געהאַט אַ ציל: אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין...

ער פלעגט פון דעם חלומען, נאָר איין זאַך האָט אים געפּייניקט, ווי וועט ער אַוועקפאָרן אָן לייבעטשקען, ער פלעגט אים איינרעדן מיטצופאָרן.

ווען עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט און יונגעלייט זיינען געגאַנגען צו פאַניען דינען, האָט מען דעם משרת פון קאַכעלפאַבריק אויך צוגענומען פאַר אַ זעלנער — און דאַמאָלס איז פריי געוואָרן אַ פּלאַץ.

מען האָט צוגענומען זעליקן פון פאַבריק און אים געגעבן אַרבעט אין קאַנטאָר.

פינף רובל אַ וואָך האָט ער איצט באַקומען און די אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע און אַ באַקוועמערע. זעליק איז איצט געגאַנגען ריין אָנגעטון — ער האָט עס זייער ליב געהאַט: „די שלייפעלעך מיט די שטעקעלעך", ווי די מאַמע זיינע האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, ער האָט ליב געהאַט, אַז דער שיך זאָל זיין גאַנץ און גלאַנציק.

לייבעטשקע האָט זיך איצט מיט אים גערנער געחברט און ער פלעגט איצט מיט אים מער פאַרברענגען ווי פריער.

זעליקן איז איצט עטוואָס בעסער געווען, ווי מיט אַ יאָר צוריק, נאָר דעם פּלאַן וועגן אַוועקפאָרן פון דאַנען האָט ער נישט אויפגעגעבן.

פאַרבאָרגענערהייט האָט ער געזאַמלט אַ רובל צו אַ רובל זיך שאַ... קיינער, קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווסט, ער האָט שוין געהאַט פינף און צוואַנציק רובל, עס וועט אַוועק נאָך אַ האַלב יאָר און ער וועט האָבן די גאַנצע פופציק רובל...

און דאַמאָלס וועט ער אַוועקפאָרן...

וווהין? צו וועמען? דאָס האָט ער זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן. ער האָט דאָך געלייענט אין ביכער: מענטשן, קינדער אפילו אַנטלויפן פון דער היים און קומען אין נייע שטעט, אין נייע לענדער און ווערן דאָרט גרויס, רייך, באַרימט.

עס האָט אים געניי̆גירט דאָס אומבאַקאַנטע, ער האָט אַפילו געהאַט איינעם אַ גרויסן, גאָר אַ גרויסן חלום: זען דעם ים...

אַ קוק טון אויפן ים...

און דאָס אַלץ וועט ער דערגרייכן ערשט דאַמאָלס, ווען ער וועט האָבן די פופציק רובל אין קעשענע...

פינף און צוואַנציק האָט ער שוין — קיינער ווייסט וועגן דעם נישט.

אַוועקפאָרן האָט ער אויך געוואָלט צוליב דער אָרעמקייט בא זיי אין שטוב: שטענדיק קוקן אויף די אומעטיקע פנימער פון טאַטע-מאַמע, אויף די בלייכע שוועסטערלעך און ברודערלעך, שטענדיק האָבן פאַר זיך אַזוי נאָענט דאָס טייערע ברודערל קובאַ, מיט וועלכן זעליק האָט נישט גערעדט. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זייער אַלגעמיינעם דלות, וואָס האָט ביטער געשטיקט די נשמה

זיינע. מיט זיי אַלע איינעם איז ער אַזוי ווי אין אַ תהום, מיט זיי אַלע צוזאַמען איז ער דאָך אַליין אָרימער.

אַנטלויפן, אַוועקפאָרן, אַ קוק טון אויף דער גרויסער וועלט — דער אָטעם פלעגט אים פאַרכאַפּן, פליגל פלעגן אים נעמען וואַקסן, בעת ער פלעגט טראַכטן פון זיין רייזע אין דער אומבאַקאַנטער וועלט.

טעג זיינען דערווייל געגאַנגען, עס איז געוואָרן ווינטער און אין יענעם ווינטער איז זעליקן געוואָרן זיבצן יאָר, ער איז געוואָרן הויך, אַ ביסל צו הויך פאַר זיינע יאָרן, מיט אַ פּאָר גרויסע טונקעלע אויגן.

די קינדער פון גאַס פלעגן אים אָפט נאָכשרייען „לאַנגער באָטשאַן״, און זעליק האָט זיך גענומען פאַר עפּעס שעמען, אים האָט גענומען באַנג טון, ער האָט געמיינט, אַז ער איז מיאוס...

נאָר נישט אַלע זיינען געווען באַ דער מיינונג: איינע פון לייבעטשקעס מיידלעך, אַזאַ יונגע און אַ פריילעכע, האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שיינעם. לייבעטשקען פלעגט זי אָפט זאָגן פאַר זעליקן אין די אויגן:

— דיין חבר האָט אַ סימפּאַטיש פּנים. ער האָט שיינע אויגן.

און אַמאָל, בעת קובאַ איז פאַרבייגעגאַנגען מיט עטלעכע גימנאַזיסטקעס, האָט זיך איינע אָנגערופן:

— אָט דאָס איז דיין ברודער, אָטשען סימפּאַטיטשני!...

דאָס האָט זעליקן עפּעס אַזוי מאָדנע צעטומלט, אויף אַ רגע... אָבער דאָך צעטומלט, ער האָט אַפילו אַליין אַזוי באַ זיך, טיף אין זיך, אַ טראַכט געטון:

ווי וואָלט עס אויסגעזען? ווי וואָלט ער זיך געפילט, ווען אַ יונג שיין מיידל פאַרליבט זיך אין אים, נאָר אין אים... ווי וואָלט עס אויסגעזען.

באַלד האָט ער אָבער דעם געדאַנק פאַריאָגט, ווי אַן אומטעג-לעכן: אין אים? אין אַזאַ שלימזל וועט זיך קיינער נישט פאַר-ליבן. אים האָט נאָך קיינער קיין גוט וואָרט נישט געזאָגט... אויסער איין לייבעטשקע, וועלכער גייט מיט אים אַרום און האַלט זיך אין אין באַרימען פאַר אים.

מיידלעך, מיידלעך! שטענדיק רעדט ער פון מיידלעך, לייבעטשקע.

זיי שטאַרבן פראָסט פאַר זיין בליק און שטענדיק ווערט ער מיט זיי ערגעץ פאַרשוווּנדן.

וואָס טון זיי צוזאַמען?

זעליק האָט יאָ געוווּסט און נישט געוווּסט... אים האָט זיך אויסגעדאַכט און ער האָט אַזוי ערנסט געטראַכט, אַז דאָס, וואָס זיי טון, איז נישט קיין שיינע זאַך, אַז נאָר גראָבע יונגען, גנבים, חברה-לייט טון דאָס און אָנשטענדיקע מענטשן ווייסן נישט פון אַזעלכע זאַכן...

אַ קוש טון, דאָס מעג מען... אָבער עפּעס אַנדערש, ניין, זעליקן איז נאָך אַ סך זאַכן נישט קלאָר געווען, נאָר רעדן וועגן דעם האָט ער זיך געשעמט מיט לייבעטשקען, און בשעת יענער פלעגט זיך באַרימען און רעדן נאַקעטע דבורים, האָט ער זיך צו-געהערט און געשוויגן, ווי ער וואָלט צו אַלץ צוגעשטימט...

לייבעטשקע איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך. ער האָט זעליקן נישט פאַרשטאַנען, ער איז געווען פאַר אים אַזאַ פריינט, אין וועלכן מען קען אַלץ אַריינרעדן, אפילו אַ גראָבע ליגנט, ווייל דער נישט-דערפאַרענער זעליק האָט אין אַלץ געגלייבט...

און פאַר זיין גלויבן האָט ער באַצאָלט.

לייבעטשקע איז געווען אַ לייכטזיניקער בחור, באַלעבאַטיש פאַרדאָרבן, אַ באַרימער, אַ ליגנער, וואָס אַ יאָר צייט מער, אַלץ גרעסער זיינען די דאָזיקע חסרונות געוואָרן. דערצו נאָך האָט ער

...ן עפּעס פֿאַר אַ יחסן און מיט די איבעריקע אַרבעטער
... פֿאַבריק האָט ער זיך שטענדיק געקריגט, מיט דעם באַלעבאָס
אויך.

אַ סך מאָל פּלעגט ער זיך דערנאָך איבערבעטן. ער האָט גע-
קענט זיין זיס, מיט הכנעה.

זעליק האָט זיך אויף די אַלע זאַכן נישט פֿאַרשטאַנען; פֿאַר
אים איז געווען, וואָס לייבעטשקע, אַן עלטערער פֿאַר אים,
לייבעטשקע — אַ גאַנצער מענטש, פֿאַרטרויט זיך פֿאַר אים.

מאַכט זיך סוף ווינטער, לייבעטשקע קומט אַריין אין קאַנטאָר
פֿון פֿאַבריק. זעליק איז געווען איינער אַליין.

איך האָב זיך צעקריגט מיטן באַלעבאָס, איך האָב אים שיִער
דעם קאָפּ נישט צעשפּאָלטן מיט אַ קאַכעל...

און ער נעמט דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך צעקריגט און
פֿאַרוואָס ער האָט זיך צעקריגט, ער איז אַ פּאָדלעץ, דער באַלע-
באָס, אַן עקספּלאָאַטאַטאָר.

לייבעטשקע איז געווען פֿאַרביטערט און צעטראָגן. זעליק האָט
אויף אים געהאַט רחמנות און ער האָט אים כסדר באַרויִקט.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָט זעליק געפֿרעגט.

— איך פֿאָר אַוועק, מאָרגן פֿאָר איך שוין צוריק קיין באָ-
ריסאָוו.

זעליקן האָט זיך אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ, ער האָט דערזען
די ליידיקע שעהן, ווען ער וועט נישט האָבן מיט וועמען צו רעדן,
ער האָט זיך שוין געפֿילט עלנטער.

און לייבעטשקע איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַ צעטראָ-
גענער, אַן אויפֿגערעגטער.

— צום אומגליק האָב איך קיין גראָשן געלט נישט, איך
האָב נישט קיין געלט אויף אַ בילעט, בײַם באַלעבאָס האָב איך אָפּ-
גענומען אויף אַ וואָך פֿאָרויס.

און דאָ האָט זעליק נישט אויסגעהאַלטן, ער האָט פאַרטרויט לייבעטשקען וועגן זיינע פינף און צוואַנציק רובל, וועגן זיין פּלאַן אַוועקצופאָרן.

לייבעטשקע האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן:

— און פון מיר האָסטו באַהאַלטן דיין גאַנצן פּלאַן?

— איין זאַך מעג אַ מענטש באַהאַלטן אין זיך — האָט זעליק געענטפערט, ווי אַ פאַרשולדיקטער.

אין האַרץ האָט אים טאַקע אַצינד פאַרדראָסן, וואָס ער האָט עס פאַר לייבעטשקען נישט פאַרטרויט.

דער סוף איז געווען, אַז זעליק האָט פאַרגעלייגט לייבעטשקען, ער זאָל באָרגן בא אים געלט אויף דער רייזע.

לייבעטשקע האָט געבעטן צען רובל, אַזוי ווי זעליק האָט זיין קאַפּיטאַל געהאַט אין איין אַסיגנאַציע, אין אַ קאָלירטן רוסישן פינף און צוואַנציקער, האָט ער פאַרגעלייגט לייבעטשקען, ער זאָל נעמען די גאַנצע סומע צוריק אָפּשיקן.

לייבעטשקע איז אַוועקגעפאָרן, ער האָט צוגעזאָגט באַלד שרייבן און באַלד אָפּשיקן דאָס געלד. ער, לייבעטשקע, האָט דאָרט אין באָריסאָוו רייכע טאַטע-מאַמע, געלט וואַלגערט זיך בא זיי ווי בלאָטע...

זעליק האָט געגלייבט.

ער איז געבליבן אַליין, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען.

עס זיינען אַוועק דריי, פיר טעג. עס איז אַוועק אַ וואָך, צוויי וואָכן — פון לייבעטשקען איז קיין וואָרט נישט געווען.

זעליק האָט גענומען שרייבן צו אים איין בריף נאָכן צווייטן און קיין ענטפער איז אַלץ נישט געקומען.

זעליק האָט געמיינט, אַז זיין ווילינגערישער פריינט איז קראַנק געוואָרן.

ער האָט געוואַרט און געוואַרט און פּלוצלינג האָט ער זיך דערוווּסט, אַז צו דעם בלעכערס טאָכטער שרייבט ער יאָ...

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט אים ביטער אָפּגענאַרט, ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

זיין גרויסער פּלאַן וועגן פּאָרן, וועגן רייזן אין דער וועלט אַריין איז צעפאַלן, ווי אַ קאָרטן-שטיבל.

ער האָט עס פאַר קיינעם נישט דערציילט — וואָס וועט עס העלפן, און ווען קובאַ וואָלט זיך דאָס דערוווּסט, וואָלט ער געהאַט צו שפּאַסן פון אים.

ער האָט נישט געקענט גלייבן, אַז דאָס איז אַזוי, געווען בײַ אים טעג, ווען ער האָט געוואָלט וואַרפן אַלץ און לויפן קיין באָריסאָוו. ער וויל נאָר איין זאַך: אַ קוק טון לייבעטשקען אין פּנים, גלייך אין די אויגן אים אַריינקוקן און פרעגן איין פראַגע?

ווי אַזוי האָסטו דאָס געטון? איך האָב דאָך דיר אַזוי געגלייבט.

דערוווּסט אָבער האָט ער זיך, אַז לייבעטשקע ראָזנבלום איז שוין פון באָריסאָוו אַוועקגעפאָרן און ער שלעפּט זיך ערגעץ אַרום איבער דער וועלט.

ס'איז געווען סוף ווינטער, דער שניי האָט זיך געשמאָלצן און דאָס לײם אַרום דער קאַכעל-פאַבריק האָט זיך צעוויקט אין אַ מיאוסער בלאָטע. זעליק האָט געאַרבעט, אַריין אין פאַבריק און אַרויס פון פאַבריק, ער האָט פאַרצייכנט די אויסגעאַרבעטע קאַכעל, נאָר די אַרבעט האָט אים מער נישט געריצט. די פאַבריק איז אים געווען אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן...

אַרום די בלאָטע... עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אין דער דאָזיקער בלאָטע טינקט זיך די נשמה פון זיין שלעכטן חבר.

ער איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אָן אַ פריינט און אָן געלט.

דער ערשטער שווערער ספק האָט זיך געלייגט אויף זיין נשמה, אין די אויגן איז צוגעקומען אַ ניי אומעטיק שאָטנדל, די אויגן זיינע, וועלכע האָבן געקוקט מיט אַזוי פיל נייגעריקייט אויף אַלץ און אויף יעדן, האָבן דאַמאָלס גענומען אַריינקוקן אַלץ מער אין זיך...

האָט ער נאָך אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין קאַנטאָר פון דער קאַכעל-פאַבריק. ער האָט פאַרשריבן די נייע אויסגעאַרבעטע און האָט פונאַנדערגעפירט איבער דער שטאָט פולע וואָגנס מיט קאַכעל.

מען איז אים פון געווען צופרידן.

ווינטער האָט ער געהאַט מער פרייע צייט, ווייל די בוי-אַרבעט ווערט דאַמאָלס אָפּגעשטעלט.

האָט ער אַ סך געלייענט אין די פרייע שעהן. ער האָט שוין אַ סך זאַכן געוווסט, אַ סך מער ווי די אַלע אַנדערע פריקאַזשטשי־קעס פון שטאָט, נאָר קיין פריינט, קיין חבר האָט ער נישט גע־האַט, נישט געקענט זיך צופּאַסן צו קיינעם.

די, וואָס האָבן געלערנט אין גימנאַזיע, האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע יחסנים, און מיט אַזעלכע, וואָס האָט קיין „קלאַסן" נישט געענדיקט, האָבן זיי זיך נישט געוואָלט חברן — נישט אָנגע־שטאַנען.

מיט זיינס גלייכן, מיט די משרתים, האָט זיך זעליק נישט גוט בעפילט, זיי זיינען געווען צו טרוקן, צו אָרעם פאַר אים.

וואָכן, חדשים איז דער בחור געווען מיט זיך אַליין און מיט די ביכער.

אינדערהיים איז די אָרעמקייט געוואַקסן. פלעגט זיך זעליקן איינגעבן אָפּצושפּאָרן עטלעכע רובל, פלעגט סוף-כל-סוף קומען די מאַמע מיט דעם אויסגעליטענעם פּנים און רעדן וועגן אירע צרות, וועגן דלות... ביז זעליק מוז זיינע פאַר גראָשן אוועקגעבן.

דאָס איז געווען, ווי אַ טראָפּן אין ים. אינדערהיים האָט מען כּסדר געהונגערט. די קינדער זיינען אַלע אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אין שמאַטעס. דער טאַטע אַליין האָט שוין לאַנג געטראָגן אַ צע־קנייטשטן אַלטן קאַפּעלוש, וועלכן עס האָט שוין קיין פּוצן נישט געהאָלפן. זעליק האָט אַ סך געליטן, בשעת ער פלעגט זיין אין שטוב.

עס איז אים אַלץ שווערער געוואָרן צו זיצן אינדערהיים.

פלעגט ער עס טאַקע אויסמיידן, ווייל ער האָט זיך מיט קיין זאַך נישט געקענט העלפן, עלנט איז ער געווען און שווייגנדיק — זיין איינציקע טרייסט איז געווען אין די ביכלעך.

וואָס פאַר אַ שיינע וועלטן, וואָס פאַר אַ שטאַרקע מענטשן ער האָט געפונען אין די ביכער. ער פלעגט אַצינד לייענען ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט איין מאָל פלעגט דער טאַטע צי די מאַמע אַראָפּגיין פון בעט און אים טרייבן שלאָפן:

— וועסט קראַנק מאַכן די אויגן, זעליק!

— וועסט מאָרגן נישט קענען אַרבעטן!...

און ער פלעגט גיין שלאָפן פול מיט חלומות און אויפרע־גונג — דערביי נישט אַלעמאָל זאַט.

אָפּגעאַרבעט האָט ער אַזוי באַ די קאַכעל ביז ער איז אַלט געוואָרן ניינצען יאָר.

דאַמאָלס האָט אים באַמערקט איינער פּומפּיאַנסקי, אַ פּאָד־ראַטשיק, אַ בויער פון הייזער, צו וועלכן זעליק פלעגט פירן קאַ־כעל. דער יונגער פליסיקער זעליק איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט אים צוגענומען צו זיך פאַר אַ געהילף.

זיבן רובל אַ וואָך, אויסער דעם האָט ער געהאַט פּראָצענטן פון פאַרשידענע אונטערנעמער, וועלכע פלעגן צושטעלן בוי־מאַטע־ריאַל.

זעליק פלעגט אַ טייל פון זיין פאַרדינסט אָפּגעבן דער מאַ־

מען און פאַר דעם איבעריקן פלעגט ער זיך קויפן ביכער און קליידער.

אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז ער איז אַ פאַרדינער, און אפשר דערפאַר האָט ער שוין איצט געהאַט עטלעכע חברים, מיט וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט זיך באַגעגענען.

אינדערהיים האָט מען אים שוין נישט פיינט געהאַט. דער אַמאָליקער „גנב" איז שוין היינט געווען אַ גאַנצער מענטש, אַ פאַרדינער...

נישט איינמאָל האָבן זיינע פאַר רובל געראַטעוועט די גאַנצע שטוב פון הונגער.

מען האָט זיך שוין מיט אים גערעכנט.

דער טאַטע פלעגט מיט איט אָפט שמועסן וועגן שטאָט און וועלט-זאַכן, וועגן די נייע חברה-לייט, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער.

דער טאַטע זיינער פלעגט אַ סך מאָל איבעראַשט ווערן: פון וואַנען ווייסט ער אַזוי פיל זאַכן, דער זעליק?

ער האָט דאָך אים אַזוי ווייניק געלערנט, און צו דער מאַמען פלעגט דער טאַטע זיך אָנרופן:

— וואָס זאָגסטו צום „נפש"? געוואָרן אַ מענטש... האַ!

V.

## דער „מענטש"...

אַ פרעמדשאַפט צווישן אים מיט זיין פאַמיליע איז דאָך גע־בליבן, מיט אַלעמען אַ פרעמדשאַפט.

ער האָט ליב געהאַט זיין „נעסט", זיינע ברידער און שוועס־טער, ער האָט געליטן אינעווייניק פון זייער אָרעמקייט, און אין דער זעלבער צייט איז אַ וואַנט דאָך געווען צווישן זיי.

אוודאי האָבן די יאָרן, וואָס זעליק האָט געלעבט באַם זיידן אַליין דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָל. ער איז פאַרבליבן אַזאַ פאַר־שלאָסן וועלטל פאַר זיך, אפילו די נאָענטסטע האָבן דעם אמתן שליסל צו דעם דאָזיקן וועלטל נישט געפונען.

מיט קובען האָט ער אַלץ נישט גערעדט, וואָס עלטער זיי זיינען ביידע געוואָרן, אַלץ שווייגנדיקער האָבן זיי געקוקט איינער אויפן צווייטן.

ער איז באַ קובען געבליבן אַ משרת און קובאַ באַ אים — אַ פרעסער, אַ נאַשער, אַן עגאָיסט.

קובאַ האָט שוין געענדיקט די גימנאַזיע, ער איינער האָט באַ זיי אין שטוב געהאַט אַ רונד פנים, מיט צעפרידענע בליקן, ער האָט זיך שוין גענומען גרייטן צום אוניווערסיטעט־עקזאַמען, דערווייל האָט ער געגעבן לעקציעס און גוט פאַרדינט.

נאָר זעליק האָט געוווסט און זעליקן האָט עס ביטער גע-קרענקט, וואָס קובאַ גיט נישט קיין איין גראָשן דער מאַמען... אַליין פאַר זיך.

ער האָט נאָך אַצינד אויף ליב שאָקאָלאַד, און קליידער טוט ער אָן, ווי ער וואָלט זיין אַ מאַגנאַטס אַ זינדל.

„איך האָב פיינט אַזעלכע", פלעגט זעליק טראַכטן, און ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט גרייט זיין זיך צו שלאָגן מיט קובען, אָנברעכן אים די ביינער פאַר עפּעס אַן אומקלאָרער גערעכטיקייט, וועלכע האָט שטענדיק געלעבט אין זעליקס נשמה.

אומבאַוווסטערהייט האָט זיך בײַ אים איינגעבאַקן זיין אמת, זיין ערלעכקייט. שטענדיק האָט עס אים ביז ווייטיק געקרענקט, בעת ער האָט געזען דעם קעגנזאַץ פון זיין אמתדיקן אמת.

אפשר צוליב קובען טאַקע, נאָר ער האָט נאָך מער גענומען אויסמיידן די היים.

געהאַט האָט ער שוין עטלעכע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַגעגנען אויף דער ניקאָלאַיעווסקער גאַס יעדן פאַרנאַכט, די גאַנצע יוגנט פון דער שטאָט פלעגט דאָרט שפּאַצירן.

די ניקאָלאַיעווסקע האָט געהאַט עטלעכע גרויסע באַלויכטענע פענסטער, און די מענטשן האָט באַנאַכט אַהין געצויגן, ווי עס ציט די נאַכט-מאָטילן צום פייער.

חיים גאָלדנבערג, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מאַניפאַקטור-סקלאַד.

ראובן פרייס — דער האָט געאַרבעט בײַ זיין אייגענעם טאַטן אין אַ זעג-מיל, וואָס איז געשטאַנען בײַם עק שטאָט.

די צוויי זיינען געוואָרן זעליקס חברים, זיינע שטענדיקע מיטבאַגלייטער אין אַלע שפּאַצירן. ביידע זיינען זיי געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס זעליק, ביידע שיינע בחורים, אויסגעפּוצטע, ביי-דע האָבן זיי שוין געהאַט פּלות.

און אַ סך מאָל האָט זעליק שפּאַצירט מיט זיי און זייערע כּלות צוזאַמען.

איינע האָט געהייסן — שפרה עפּראָס און די צווייטע — לאה קנישינסקי. די בחורים האָבן זיך צוגעקליבן כּלות, לויט זייער גלייכן, און שיינע מיידלעך...

און זעליק האָט זיך אַליין אַ סך מאָל מודה געווען, אַז ער איז זיי מקנא.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט:

עס איז גוט צו האָבן אַזאַ כּלה, ווי שפרה, מיט אַזאַ יונג לאַכנדיק פּנים. עס איז גוט צו נעמען אַזאַ מיידל און אַוועקגיין מיט איר ווייט אין וואַלד, אונטער דער שטאָט און אויסרעדן, אויסדערציילן אַלץ, וואָס באַ דיר אין האַרץ טוט זיך און אַמאָל אַ גלעט טון די יונגע באַקן... אַ קוש טון... אין די ליפּן אַ קוש טון. שטענדיק, ווען ער קוקט אויף שפרהן, קוקט ער אויף אירע ליפּן, און ער ווייסט נישט און קען נישט פאַרשטיין, עס ציט אים צו די ליפּן, ווי עס ציט צו אַ רויטלעכן עפּל, עס רייצט, כּסדר רייצט עס, און עס העלפט נישט קיין טראַכטן, אַז דער עפּל איז נישט זיינער, שפרה איז גאָלדנבערגס, און ער אַליין מעג קושן אירע ליפּן.

און חיים גאָלדנבערג? ער קושט שפרהס ליפּן? יאָ? ניין? אויב יאָ, מוז ער דאָך זיין דער גליקלעכסטער מענטש.

אַן אומבאַוווסטע קנאה פּלעגט אים באַהערשן יעדעס מאָל, ווען די צוויי בחורים מיט די מיידלעך פּלעגן זיך אָפּטיילן אין באַזונדערע פּאָרלעך.

דעם סוד פון אַלע סודות באַהאַלטן זיי, די פאַרליבטע...

עס האָט אים דעמאָלס שטאַרק געצויגן צו חיים גאָלדנבערג און צו ראובן פּרייס, ווייל...

ווייל זיי האָבן כּלות, ווייל זיי בלייבן אָפט מיט כּלות אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט זיין אַמאָליקן חבר, לייבעטשקען, דאָך, יע-

נער האָט נישט געהאַט קיין איין כלה, נאָר אַ סך כלות, יעדן טאָג אַן אַנדערע, און יענער האָט זיך שטענדיק באַרימט. די צוויי חברים זיינע רעדן נישט מיט אים וועגן זייערע כלות. מען באַגעגנט זיך באַנאַכט, מען שפּאַצירט, מען עסט באַם טערק טשאַסטעס און מען גייט שלאָפן...

און זעליק ציט אומישנע אויס דעם וועג צו דער סטאַראָ-באַ־יאַרסקע גאַס, עס ווילט זיך נישט אַרייַנגיין אין שטוב.

ווער ווייסט? אפשר איז מען היינט געגאַנגען שלאָפן אָן עסן... אַזוי פיל מאָל האָט עס שוין פּאַסירט.

. ער איז יונג, און אַ שווערער לאַסט פאַלט אויף זיין יונגער נשמה. דער דלות זייערער בינדט אים הענט און פיס. ער קען זיי נישט העלפן און קען אַליין בעסער און שענער נישט לעבן.

עפּעס פילט ער, אַז דאָ איז נישט זיין אָרט, עפּעס ברויזט אין דער נשמה אַן אומעט און אויף דעם אומעט וואַקסן פליגל, אויף דעם אומעט הענגען קלינגענדיקע סטרונעס. אַלע הייזער זייַ־נען פאַרמאַכט. די פענסטער פאַרהאַנגען און אַרום איז אַזאַ שיינע נאַכט. שיין און שווייגנדיק. ער וואָלט שעהן אַזוי געשטאַנען און געקוקט, ווי צווישן צוויי רייען הייזער האָט זיך אויסגעלייגט אַ שטיק בלאַסע ווייסקייט, עס שווייגט און עס רעדט מיט דער שווייַ־געניש, עס איז אַזוי ווי פאַרגליווערט און ציטערט אָן באַוועגונג...

אָט דעם דאָזיקן אומבאַוועגלעכן ציטער פון דער נאַכט האָט זעליק געטראָגן אין זיך.

אין זיך, פאַר זיך אַליין באַהאַלטן, ווי אַ הייליקייט.

אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז נאָר ער פילט עס, ער אייגער אַליין. — אַ סימן: אַלע האָבן צוגעשלאָסן די טירן, אַלע שלאָפן. נאָר אין אים אַליין איז אַריין אַ נאַכט-נשמה, ער קען זיך נישט אָפּ־רייסן פון דער שטילקייט אַרום, מיט אַ שווער געמיט עפנט ער

פּאָרויכטיק אויף די טיר און גייט אין שטוב אַריין, פּונקט ווי ער וואָלט אַרײַנגעגאַנגען אין תּפֿיסה.

אַמאָל פֿלעגט ער אין ביכער געפֿינען אַזעלכע באַשרייבונגען פֿון דער נאַכט, ווו אויף די געדרוקטע זייטן פֿלעגט ציטערן דער זעלבער אומרויִקער שאָטן, אַזוי ווי ער פֿלעגט זען מיט זיינע אויגן...

אונטער דעם גרויסן הימל, אויף דער סטאַראַ-באָיאַרסקע, ווו די שאָטנס פֿון די ביימער פֿלעגן רוען... און ווו זעליקס בליק האָט געשוועבט און געזוכט עפּעס אַ סוד פֿון לעבן און פֿון זיין אייגענעם אומעט...

די בעסטע, די טיפֿסטע איבערלעבונגען פֿון זיין נשמה האָט ער נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן.

מען וואָלט אין זיין סביבה געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ משוגענעם, ווען ער וואָלט פּלוצלינג גענומען רעדן וועגן דעם ציטער פֿון דער נאַכט, וועגן דער שווייגעניש פֿון דער נאַכט, אין וועלכער ער דרינגט אַריין מיט זיין בליק, מיט אַלע זיינע חושים.

ווען ער וואָלט גענומען דערציילן וועגן גראַנאָווסקעס געדיכטן סאָד, צו וועלכן עס ציט אים פֿון קינדווייז אָן, פֿון יעדער קלייניקייט אין דער נאַטור, פֿון איר יעדע ערשיינונג, פֿון פֿרילינגס-ווינטל, וועלכעס באַגעגנט זיך מיטן ווינטער-ווינטל...

שניי און גראָז, ליכט און שאָטן, שטיינער און וואַסער — אַלץ האָט זעליקן אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך טאַקע געפֿילט אַזוי ווי ער איז דאָ אויף דער ערד צום ערשטן מאָל און די איבעריקע זיינען געוואַקסן און געלעבט, פּונקט, ווי זיי וואָלטן שוין אַלץ געזען מיט די אויגן פֿון זייערע עלטער-זיידעס. קיין זאַך האָט זיי נישט איבעראַשט — נישט דער הימל און נישט די ערד.

כאָטש אים אַליין האָט די וואָכעדיקייט אויך געהאַלטן אין אירע צוואַנגען.

די צרות אינדערהיים און זיין אַרבעט, דאָס פּאָלגן יענעם.

ער האָט געאַרבעט באַם פּאָדראַדטשיק פּומפּיאַנסקי. ער פלעגט ציילן די ציגל און מעסטן די קלעצער מיט די ברעטער.

וואָס ווייטער האָט זיך דער באַלעבאָס זיינער אַלץ מער אָנ־פּאַרטרוויט אָן אים. זעליק האָט גענומען קריכן אויף די רושטאָ־וואַניעס אַכטונג געבן, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט שלאָפן. ער האָט ליב געקריגן דעם דאָזיקן טומל פון בויען אַ ניי הויז, אַ גרויס הויז און אויך דערביי האָט ער געהאַט זיין חלום: אַז מען בויט שוין, פאַרוואָס זאָל מען נישט בויען העכער?

העכער...

ביז די וואָלקנס, אין הימל אַריין! פאַרוואָס וואַגט דער מענטש אַזוי ווייניק? וואָס האָט ער זיך אויסגעקליבן, דער מענטש, דעם טאָל, אַז אינדערהייך איז פאַרהאַן אַזוי פיל שטח? פלעגט דער זעליק צו ווייט אָפּט אַוועקגיין אין זיינע פאַנטאַזיעס און ווי־פיל מאָל האָט קנאַפּ געפעלט ער זאָל זיך אַ גליטש טון און אַראָפּ־פליען פון דער הויכער רושטאָוואַניע אונטן אַראָפּ אויף די ציגל און שטיינער, אין די גריבער מיט דער וואַפנע אַריין.

ער פלעגט זיך אָבער גאַנץ גיך אויפכאַפּן פון די חלומות און נעמען אַרבעטן, לויפן זאָרגן פאַר יעדע קלייניקייט.

ער האָט געוווּסט, אַז מען איז מיט אים צופרידן, זיין באַ־לעבאָס פלעגט זיך באַרימען פאַר אַנדערע;

— מיט דעם מענטש האָב איך געטראָפן: ערלעך און פלייסיק, אַ טייערער מענטש...

זעליק האָט ליב געהאַט יענעם, ווער עס האָט אים אַרויסגע־וויזן צוטרוי. אים פלעגט זיך שטענדיק אויסדוכטן, אַז דער, וואָס האָט צו אים צוטרוי, האָט אים זעליקן דערפילט, דערגאַנגען זיין נשמה, זיין „איך".

ווייל אַליין האָט ער זיך שטענדיק עפעס אַנדערש געפילט,

ווי אַלע, עפּעס יום-טובדיקס האָט געלעבט אין אים, און ווייל דאָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט צוליב פיל סיבות אַרויסווייזן, איז פון דעם יו-טובדיקן געוואָרן אַ פאַרבאָרגענער טרויער, אַן אומבאַהאָלפענע ווייטיק.

ער האָט געאַרבעט פלייסיק, און נישט נאָר דער באַלעבאָס, נאָר אפילו די אַרבעטער, וועלכע ער האָט געמוזט צו דער אַרבעט צוציאָגן, זיי האָבן אים אויך ליב געהאַט, און אויסגעדריקט האָט זיך דאָס בײַ זיי אין דעם, וואָס זיי פלעגן זעליקן רופן אויף אַ גלאָז ביר.

זעליק האָט אַ לאַנגע צייט נישט געוואָלט גיין מיט זיי, נאָר איינמאָל האָט אים אַן אַרבעטער פאַרגעוואָרפן.

— ביסט אַ יחסן, עס פּאַסט דיר נישט, דו טראָגסט אַ מאַנישקע מיט אַ שלייף.

גיין...

מען זאָל אים אַזוינס פאָרוואַרפן, צוליב אַ מאַנישקע ווערט מען נאָך קיין יחסן נישט, און זעליק איז געגאַנגען מיט זיי. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך צוגעוויינט צום ביטערן ביר.

כאָטש אויף אים איז געלעגן דער גאַנצער אויפזיכט אויף די אַרבעטער, און ער איז געווען פאַר זיי מער ווי דער באַלעבאָס אַליין, ווייל דער באַלעבאָס האָט געהאַט צופיל באַשעפטיקונגען, דאָך האָט זיך זעליק קיינמאָל נישט געקריגט מיט זיי, ער פלעגט אַ סך זאַכן אומישנע נישט באַמערקן... שטענדיק מיט גוטן...

און זיי האָבן אים דערפאַר שטאַרק געשעצט.

דער טאָג פון פלייסיקער אַרבעט פלעגט גיך אַריבערגיין און פאַרנאַכט איז שוין זעליק אויף דער ניקאָלאַיעווסקע. ער זוכט זיינע חברים, נאָר חיים גאָלדנבערג פלעגט אַ סך מאָל נישט קומען.

ער פלעגט באַגעגנען ראובן פרייס, שפרהן... נאָר חיים איז נישטאָ.

— ער שפילט שוין ווידער אין קאָרטן — האָט זיך שפרה איינמאָל באַקלאָגט.

— וואָס הייסט?

— יאָ, ער שפילט אין קאָרטן, זייער אָפט זיין גאַנץ געלט פאַרשפילט, ער האָט שוין באַ מיר אויך געבאָרגט, באַ אַלע באָרגט ער.

אָט אַזוי פלעגט די גאַנצע חברה אַרויסשפּאַצירן אַ סך מאָל אָן חיים גאָלדנבערג. שפרה פלעגט אַ בייזע שווייגן און זעליק האָט נישט געקענט פאַרשטיין אַזאַ זאַך: „ווי קומט עס, אַז חיים זאָל אוועקלאָזן שפרהן, אַזאַ שיין מיידל און אַליין זיך לאָזן שפּילן אין קאָרטן?".

ערשט שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זיינען שוין מיד פון אַרומשפּאַצירן, קומט חיים גאָלדנבערג צוצולויפן אַ פאַרשוויצטער מיט די רויטע בעקלעך, אויפגערעגט איז ער, דערלאַנגט אַלע די האַנט, נאָר שפרה וויל אים איר האַנט נישט געבן...

ברוגז...

און דער ברוגז פלעגט זיך אָפט ציִען אַ טאָג, צוויי טעג און אמאָל טאַקע אַ גאַנצע וואָך. זעליקן פלעגט עס פיל געזונט קאָסטן, צום האַרץ זיך נעמען, וואָס זיינע פריינט שטייען אין מחלוקות, פלעגט ער לויפן פון חיימען צו שפרהן, פון שפרהן צו חיימען, מיט גוטע ווערטער, מיט אַרגומענטן: זיי מוזן מאַכן שלום...

און אַזוי ביז דער שלום וועט קומען.

דאַמאָלס פלעגט ער גיין אַהיים אַ רויִקער, אַ צופרידענער...

ער אַליין בלייבט מיט דער נאַכט. געהאַט האָט ער נאָך דאַמאָלס אַ ביסל גוטמוטיקייט צו דער גרויסער וועלט, צו אַלע גוטע און שלעכטע מענטשן...

ער האָט געהאַט נאָך חברים און באַקאַנטע. די אַלע זיינען געווען פון חיים גאָלדנבערגס קרייז.

באַ זעליקן פלעגט לאַנג געדויערן ביז ער פלעגט זיך צוגע־וויינען צו אַ נייעם מענטש. נאָכדעם, ווי לייבעטשקע האָט אים אַזוי ביטער אָפּגענאַרט, איז ער אַ סך פאָרזיכטיקער געוואָרן, נאָר חיים גאָלדנבערג האָט געהאַט אַ צו גרויסן עולם אַרום זיך. אַרום אים האָט מען זיך געהאַלטן, באַ די פּריקאָזשטשיקעס איז ער געווען פאַררעכנט פאַר אַ קלוגן און געניטן.

מען האָט מיט אים געמאַכט פאַרשידענע געשעפטלעך — זעליק האָט זיך אויף די אַלע זאַכן נישט פאַרשטאַנען.

אָט די גרופּע באַקאַנטע האָט זעליקן אַ נאָמען געגעבן: „דער פילאָזאָף", דאָס איז געקומען דערפון, ווייל זעליק האָט אַ סך גע־לייענט און באַ יעדער געלעגנהייט האָט ער גערעדט פון ביכער — קיין גרויסן אָפּקלאַנג האָבן זיינע ווערטער וועגן די ביכער באַ זיינע חברים נישט געפונען. נישט איינמאָל פלעגט ער זיינע רייד מוזן איבעררייסן אינמיטן... און בלייבן שטיין ווי אַן אידיאָט.

ער האָט זיך געוואָלט צופּאַסן צו זייערע פאַרלאַנגען און צו זייערע געשפּרעכן.

אויסערלעך...

אָבער ווי נאָר ער פלעגט בלייבן אַליין, פלעגן זיינע אויגן אַלץ דערזען אין אַן אַנדער געשטאַלט: יעדעס הויז, די קלאַנגען פון אינעווייניק, דער רויש פון אונטער די ווענט, אַלץ פלעגט דאַ־מאָלס פאַר אים אָפּלעבן, און ער טראַכט שוין זיינע געדאַנקען. ער האָט ליב געהאַט די ליידיקע טראָטואַרן באַנאַכט, אַ קלאַפּ פון אַ שילד, דעם רויש פון זיין שמאָל טייכל, באַ וועלכן ער איז זיין קינדהייט אָפּגעזעסן.

שטראָמיק וואַסער פלעגט אים דערמאַנען דאָס לעבן, וואָס גייט ערגעץ ווייטער, אַלץ ווייטער...

צו וועמען ? וווהין ?

עס איז עפּעס יאָ פאַרהאַן אַ „וווהין,“ און עס נישט פאַרהאַן. געדאַנקען וועגן לעבן און טויט פלעגן געבוירן ווערן אין זיין קאָפּ. נאָר אַ סך מאָל פלעגט ער זיך אַליין אָפּשטעלן: מיט וועלכע רעכט נעמט ער זיך צו טראַכטן פון אַזעלכע הויכע ענינים, ווי קומט ער דערצו? ער... וואָס האָט אַפילו אין גימנאַזיום נישט געלערנט. ווי קומט ער צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, ווי גאָט, וועלט און יענע וועלט?

און דאָך...

ער האָט זיך שוין געהאַט זיין מײַנונג וועגן מענטש און לעבן, וועגן שיינקייט און ערלעכקייט.

אין קלאָרע באַוווסטזיניקע רגעס פלעגט ער אָפּט דערפילן, ווי עפּעס הייבט אים אויף העכער פון אַנדערע, העכער פון חיים גאָלד־בערג, העכער פאַר זיין ברודער קובאַ מיט זיינע פוסטע חברים, וועלכע פלעגן שטענדיק טומלען אויף דער גאַס, ווי די שכורים...

אַך, דער דאָזיקער ברודער זיינער... ווי אַ פרעמדער, ביין, ערגער, ווי אַ פרעמדער, עס האָט אויסגעדוכט, אַז יענער שעמט זיך מיט זעליקן און אַלץ דערפאַר, ווייל זעליק האָט קיין גימנאַזיע נישט געענדיקט...

ס׳פלעגן טרעפן רגעס, ווען זעליק האָט גוט דערפילט, אַז דער ברודער זיינער מיט „בילדונג“ איז נישט מער, ווי אַ פוסטער יונגערמאַנטשיק, אַזוי ווי אַנדערע טויזנט אַזעלכע, און עס האָט זיך אים געוואָלט צוגיין צו אים און גאַנץ פשוט זאָגן אין די אויגן:

— ביסט אַ גאָרניש. נאָר ווי אַזוי באַווייזט מען עס, אַז ער איז אַ גאָרנישט?... באַרויִקן פלעגט אים די איינזאַמקייט, אָט דער זעליק האָט אַ סך מאָל געהאַט די העזה צו משפטן אַלץ און אַלע...

און נישט איינמאָל איז פאַר אַרויסגעקומען דער גערעכטער.

איבעהויפט באַנאַכט. איינער אַליין אויפן וועג צו דער סטאַ-
ראַ-באַיאַרסקע גאַס, ווו עס ווערט אַלץ שטומער און ליידיקער
דאָס לעבן. אויסדוכטן פלעגט זיך דאַמאָלס זעליקן, אַז די נאַכט
רופט צו אים מיט איר שווייגן, אַז זי העלפט אים צו אַנטפּלעקן
די שווערע אויפגאַבע פון טאָג. אַלץ ווערט אַזוי קלאָר, אַזוי היימ-
לעך, די שטערן שטייען ווי גאָלדענע ציפער, און זעליק רעכנט
און קלערט, און ער קומט צו איין באַשלוס און צום צווייטן — די
נאַכט העלפט אים, און איינמאָל, אָט אַזוי שטייענדיק און קוקנדיק
אין הימל אַריין, האָט ער פּלוצלינג אָפּגעריסן די אויגן פון די
גאָלדענע ציפער און אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף די הייזער פון
דער סטאַרא-באַיאַרסקע גאַס, מיט די שווייגנדיקע פענסטער, מיט
די שטומע קוימענס...

אינעווייניק שלאָפן מידע, נעבעכדיקע מענטשן, און זעליק
האָט צו זיך אַליין גענומען רעדן מיט שטימונג, מיט האַרץ...

ער שלאָפט דער מענטש, ער שלאָפט דער מידער.

ער רוט זיך אויס צו ליידן ווידער...

וואָס איז דאָס?

ער גראַמט.

אַליין פון זיך האָט זיך אויסגעוועבט אַ פערז, אַ געדאַנק, עס
האָט זיך אים אַליין נישט געגלייבט. אפשר האָט ער דאָס ערגעץ
בעלייענט? ער שטרענגט אָן דעם מוח... ניין!

פון זיין האַרץ, פון זיין נשמה איז דאָס אַרויסגעגאַנגען, אָפּ-
געריסן זיך פון אינעווייניק... ווי פון אַ קייטעלע... און אינעו-
ווייניק זיינען נאָך געבליבן אַ סך רינגעלעך פון דעם קייטעלע. זיי
קלינגען, די רינגעלעך, זיי זינגען אַליין פון זיך, זיי בעטן זיך אין
האַנט אַריין, ווי פייגעלעך, ווי בלומען, ווי פאַרביקע שמעטער-
לינגען...

און דאַכטן דאַכט זיך זעליקן, אַז ער האָט שוין לאַנג גע-

פילט דעם דאָזיקן אוצר אין זיך, אַ שטייגל איז געווען זיין האַרץ, איצט האָט די נאַכט עס געעפנט...

עס ווערט אים פרייליך, דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן, ער לויפט אַריין אין שטוב. אַלע שלאָפן שוין, און ער נעמט שרייבן...

עס פלעכטן זיך שורות, דער קאָפּ ברענט און דער גאַנצער זעליק פיבערט. פונקט ווי גאָט וואָלט צו אים אַראָפּגעקומען און ער שרייבט אַ נייע תורה...

פון יענעם אָוונט אָן האָט זעליק גאַנץ אָפט געשריבן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, שטיקלעך געדאַנקען, אויפריכטיגע איבערלעבענישן פלעגט ער פאַרצייכענען און באַהאַלטן, באַהאַלטן פון אַלעמען.

אפשר האָט ער מורא געהאַט, מען זאָל פון אים נישט לאַכן.

ווי קומט ער, אַ משרת, צו אַזעלכע זאַכן? אַ פּאָעט ווילט זיך אים ווערן. ער פלעגט פון זיך אליין לאַכן, און אין מינוטן פון ספק פלעגט ער די פאַרשריבענע פּאַפּירלעך צערייסן און דערנאָך... ווידער שרייבן...

די נאַכט! ווען ער וואָלט קענען אַרומנעמען די גאַנצע נאַכט מיט דער שוואַרצער ווייטקייט, וואָס ווערט באַלויכטן מיט עטלעכע גרע-סערע שטערן, צוזאַמען מיט אַלע זיינע אומרוען... אָט אַזוי מיט דער פעדער אויסשמידן קלאַנגען, וואָס נישט אַלע הערן. קלאַנגען, וואָס ער אַליין כאַפּט אויף. עפּעס איז אים צוגעקומען אין האַרץ... נישט איינמאָל פלעגט אים זיין באַלעבאָס פּאַמפּיאַנסקי מיט זיינע הייזער, וואָס ער בויט, אויזען אַזוי אָרים און קובאַ, דער פראַנ-טישער ברודער זיינער, און אַלע רייכע, צעפרידענע מענטשן...

ווייל ער האָט דערפילט אין זיך אַ „נאָך עפּעס", און דער „נאָך עפּעס" קען פאַרבייטן אַלע רייכקייטן, האָט פליגל און מוט, פלאַמיקן צער און בלויען אומעט.

ער איז נאָך נישט געווען זיכער אין זיך, ער האָט געזוכט

אַ מענטש, מיט וועמען צו רעדן וועגן זיינע לידער. אזא האָט זיך געפונען:

אויף די רושטאַװאַניעס פון ניי-געבויטן מויער האָט געאַרבעט אַ מוליאַר, יוכוויץ האָט ער געהייסן, און דער יוכוויץ האָט אויך געהאַט צו טון מיט שרייבעריי, ער פלעגט שרייבן אין אַ יידישער צייטונג קאָרעספּאָנדענצן פון זעליקס שטאָט.

דער יוכוויץ האָט שטענדיק אַ סך געלייענט און גערעדט פון ביכער.

זעליק האָט זיך מיט אים אויפגעטראָגן, זיי האָבן גענומען איינער באַם צווייטן ביכער און גערעדט פון שרייבער און פּאָעטן...

נישט איינמאָל, אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, ווען די טרעגער ברענגען כסדר ציגל, וואַפּנע און די מוליאַרעס לייגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל און מעסטן מיט דער וואַסער-מאָס די גלייכקייט פון דער וואַנט... נישט איינמאָל פלעגן זיך די צוויי: זעליק מיט יוכוויצן פאַרפירן אַ שמועס וועגן אַ טאָלסטאָי, וועגן אַ טורגעניעוו, אָדער וועגן פּרצן.

די איבעריקע אַרבעטער פלעגן גלאָצן מיט די אויגן:

— וועגן וואָס פּלאַפּלען זיי, די צוויי?

יוכוויץ פלעגט לייענען פאַר זעליקן זיינע אָפּגעדרוקטע קאָרעספּאָנדענצן און די בריוולעך, וואָס ער פלעגט באַקומען פון רעדאַקציע...

און זעליק האָט נישט אויסגעהאַלטן: ער האָט איינמאָל געברענגט אויף די רושטאָוואַניעס צו יוכוויצן אַ פּעקל פּאַפּירלעך, פאַרשריבענע פּאַפּירלעך...

יוכוויץ האָט אָנגעהויבן לייענען מיט אַן ערנסטן פּנים. און פּלוצלינג האָט ער אַ וואָרף געטון די קעלנע און אַ געשריי געטון צו זעליקן:

— ביסט אַ פּאָעט, זאָלן מיר אַזוי ביידע געזונט זײַן, ביסט אַ פּאָעט!

וואָס האָט ער געזאָגט? וואָס שרייט ער אַזוי, דער יוכוויץ?

יענער האָט נאָכאַמאָל זיך פֿאַרטיפֿט אין די פּאַפּירלעך, גע־לייענט און אַ שמייכל פֿון נאָך אַ שטאַרקערער צופֿרידנהייט האָט זיך געלייגט אויף זײַן פּנים.

ער האָט אַ קוק געגעבן אויף זעליקן, אים אָפּגעמאָסטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און ווידער: — „דו ביסט אַ פּאָעט!”

זעליק איז געשטאַנען, ווי אַ צעדולטער. יוכוויץ איז געוועזן פֿאַר אים אַ גרויסע אויטאָריטעט. אַ ביסעלע גלויבן, אַ קליין טראָ־פּענדל גלויבן האָט ער אַליין געהאַט אין זיך און דאָ קומט אַ מענטש און באַשטעטיקט.

אַ מענטש, וואָס שרייבט אין אַ בלאַט, אַ מענטש, וואָס קריגט בריוולעך פֿון רעדאַקציע... ער איז בײַ אים געווען דער גרעסטער מבֿין...

און ווי זיכער ער האָט עס אַרויסגערעדט: — דו ביסט אַ פּאָעט, זעליק!

פּאָעט...

אַלע פּאָעטן פֿון דער וועלט: דאַנטע, פּעטראַרקע, פּושקין, הײַנע, בײַראָן — אַלע פּאָעטן האָבן גענומען שוועבן פֿאַר זײַנע אויגן, אַלע זייערע ביאָגראַפֿיעס, אַלע זייערע ליבעס און אוואַנ־טורעס...

און ער, דער משרת, זעליק, איז דאָך גליקלעך פֿון דעם גע־דאַנק אַליין, וואָס ער קען טראַכטן פֿון זיי.

יוכוויץ איז פֿון אים נישט אָפּגעשטאַנען, ער מוז דאָס אוועק־שיקן אין רעדאַקציע, מען וועט עס באַשטימט דרוקן.

וואָס?

זעליק האָט נישט געוואָלט הערן פֿון דעם. ער האָט זיך

פשוט געשראָקן פאַר אַזאַ גליק... זיינע פאַפּירלעך וועט מען דרוקן, זיין נאָמען וועט שטיין געדרוקט מיט דייטלעכע בוכשטאַבן...
אַזוי האָט עס טאַקע גענומען שוועבן פאַר זיינע אויגן, ווי פון פייער אויסגעברענט, ווי פון גאָלד אויסגעקריצט:
„זעליק קאַמעניעצקי".
ניין, ער וויל נישט שיקן אין רעדאַקציע, ער וועט עס נישט טון, מען וועט לאַכן פון אים.
— וועל איך עס אַליין אַוועקשיקן — האָט זיך אָנגערופן יוכוויץ. ער האָט פאַרשריבן זעליקס אַדרעס און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער איבערגעשריבן עטלעכע לידער און זיי אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג, אין רעדאַקציע אַריין.
אַוועקגעשיקט און גאָרנישט. זיי ביידע האָבן אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם, פּונקט, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען באַ אַ לאָטעריע און וואַרטן אויף אַ געווינס — יאָ אָדער ניין?
זעליק האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם גאַנצן ענין און עס האָט זיך דאָך געטראַכט. שטענדיק און אומעטום, האָט ער דערזען אויף דער גאַס אַ פּאָסט-קעסטל, דערמאָנט עס אים אָן בריוו, און זיין בריוול, זיינע לידער, וואָס יוכוויץ האָט אַוועקגעשיקט, טרעט נישט אָפּ פון די געדאַנקען.
דערלאַנגט פון וויטנס אַ פייף דער באַן-לאָקאָמאָטיוו, דערמאָנט עס אים, אַז עס זיינען פאַראַן ווייטע, גרויסע שטעט און צווישן די שטעט ליגט פּעטערבורג, דאָרט איז פאַראַן אַ יידישע רעדאַקציע...
ניין, מען באַדאַרף וועגן דעם נישט טראַכטן... וואָס האָט ער זיך איינגערעדט? און דאָך באַלד דערמאָנט ער זיך די שורות זיינע, וואָס יוכוויץ האָט איבערגעשריבן... צי האָט ער נישט געמאַכט קיין טעות?
ער פאַרגלייכט די שורות צו אַנדערע פּערזען, וואָס ער האָט

געלייענט בא אַנדערע שרייבער. זיינס זעט אים אויס אַמאָל ערגער און אַמאָל בעסער... פון די אַלע טראַכטענישן ווערט בא אים אין די געדאַנקען אַזאַ מאָדנער פּלאָנטער, און דער קאָפּ טוט וויי... אין די פרייע שעהן זוכט ער אויס אַ ביכל לידער, ווו עס זיינען געדרוקט אַ סך פּאָעטן... ער נעמט לייענען. און באַלד פאַרגלוסט זיך אים אַליין נעמען שרייבן.

ער איז צעטומלט, ער האָט זיין רויקייט פאַרלוירן, ער גייט איבער די גאַסן און קלאַנגען פלעכטן זיך אַליין פון זיך, ער שפּרייזט צום טאַקט, ער זוכט דעם ריטם אין אַלע קלאַנגען פון דער שטאָט, אין דעם קלאַפּן פון שטאָט-זייגער, און דעם פייפעריי פון די פאַבריקן...

בעת די אַרבעטער אויף די רושטאָוואַניעס אַרבעטן, דאַכט זיך אים אויס, אַז די ציגל זיינען זילבעס און דאָס קלאַפּן פון די קעלנעס זיינען — ריימען...

וואָס האָט ער געוואָלט פון אים, דער יוכוויץ? ער האָט אים אָפּגעסמט מיט זיינע ווערטער...

עס איז אַוועק אַ לענגערע צייט. זעליק האָט געוואַרט מיט האַרץ-קלאַפּעניש אויף אַן ענטפער און קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין יענע טעג, אים האָט זיך כסדר אויסגעדאַכט, אַז אין רעדאַקציע לאַכט מען פון אים. קיין ענטפער איז נישט געקומען.

יוכוויץ האָט זיך געשעמט פאַר זעליקן און זיי האָבן וועגן דעם אויפגעהערט צו רעדן.

מאַכט זיך איינמאָל אַ זומער-פאַרנאַכט, עס ענדיקט זיך שוין די אַרבעט, זעליק שטייט אויף דער העכסטער רושטאָוואַניע און קוקט אַריין אין דער רויטער ווייטקייט אַריין, די זון פאַרגייט... ווען עס וואָלטן פליגל בא אים געווען, ער וואָלט אַזוי אַוועקגע-

פלויגן ווייט-ווייט... ערגעץ דאָרטן, ווו די רויטקייט האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט, דאָרט מוז זיין דער סוד פון דער וועלט...

נאָר אָנשטאָט דעם סוד פון דער וועלט, דערזעט זעליק לעבן זיך זיין ייִנגסטן ברידערל, וואָס איז געקומען צו לויפן פון דער-היים...

ער האָט אים געבראַכט אַ בריוול, אַ פּאָסט-קאַרטל, פאַר אים, פאַר זעליקן...

זעליק כאַפּט דאָס קאַרטל און נעמט לייענען.

האַ! וואָס? ער איז שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון דער רושטאָוואַניע...

די ווייטע רויטקייט האָט אים ווילד גענומען פלאַקערן אין די אויגן... די גאַנצע וועלט האָט זי אָנגעצונדן... וואָס? וואָס?

פון רעדאַקציע שרייבט מען צו אים, פון רעדאַקציע, פון רעדאַקציע, פון רעדאַק... ער האָט פאַרגעסן דעם ברודער זיינעם, ער איז אַליין געלאָפן האַסטיק פון די ברעטער, געלאָפן איז ער זוכן יוכוויצן, וועלכער איז שוין אַראָפּגעגאַנגען אונטן. נאָר יוכ-וויצן האָט ער שוין נישט געטראָפן, איז ער צוגעלאָפן צו זיין באַלעבאָס, צו פּומפּיאַנסקין, און גענומען לייענען דאָס בריוול, אין וועלכן מען שרייבט אים, אַז זיינע לידער זיינען אָנגענומען און אַז אינגיכן וועלן זיי געדרוקט ווערן. פּומפּיאַנסקי איז געווען פאַרנו-מען מיט עטלעכע מענטשן און ער האָט אויסגעגלאָצט אויף זעליקן אַ פּאָר אויגן:

— וואָס ביסטו אַזוי צעטומלט? וואָס טוט זיך מיט דיר? האָסט דאָס גרויסע געווינס געוואונען, וואָס?

נאָר זעליק האָט געזען, אַז מען פאַרשטייט אים נישט, איז ער צוגעלאָפן צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן און יעדן דערציילט דאָס גס, וואָס איז מיט אים געשען, ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ גע-

וועלב פון וואסער, טרינקען עפעס, האָט ער פאַר דער גראָבער יידענע אויך איבערגעלייענט די עטלעכע שורות...

דערנאָך איז ער אַוועק אין שטאָט-גאַרטן, האָט זיך אויסגע-קליבן אַ ליידיקע באַנק אין אַ ליידיקער אַלעע און ווידער אַרויס-גענומען דאָס בריוול און נאָכאַמאָל געזאפּט אין דער נשמה אַריין די עטלעכע ווערטער... אין דער טונקלקייט...

הייסט עס, אַז דער משרת... ער, דער אייביק-איינזאַמער, דער באַליידיקטער זעליק, צו אים שרייבט אַ רעדאַקטאָר. אים וועט מען דרוקן, אין אַלע שטעטלעך וועט מען לייענען זיין נאָמען, זיין נאָמען...

און קובען אויף צו להכעיס. דער גלאַנציקער אויסגעפּוצטער קובא האָט אים גענומען שוועבן פאַר די אויגן, אָן אים וואָלט ער וועלן נקמה נעמען פאַר אַלע באַליידיקונגען.

ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע אַלע וווּנדער פון דער געשעעניש... זעליק — אַ פּאָעט!

ער איז לאַנג אַזוי געזעסן, ביז עס איז פינסטער געוואָרן און ער האָט שוין מער נישט געקענט לייענען.

ער איז דאַמאָלס אַוועק זוכן חיים גאָלדנבערג מיט זיין חברה. ער איז צוגעקומען צו זיי ווי אַ באַזיגער און מיט טריומף געוויזן דאָס בריוול...

געוואַלטיק איבעראַשט זיינען זיי נישט געוואָרן.

חיים גאָלדנבערג האָט געפרעגט, צי מען קען דערפון עפּעס פאַרדינען... און מען האָט באַלד גענומען רעדן וועגן אַנדערע זאַכן — זעליק איז געבליבן ווי אָפּגעשמיסן. קיינער האָט זיך צום יום-טוב נישט פאַרייניקט.

יאָ, דערנאָך זיינען זיי אַלע אַריין אין אַ געוועלבל און גע-געסן „מאַראָזשענע", עס זיינען געווען בחורים מיט מיידלעך. זעליק האָט דערפילט, אַז קיין פרייַנט צווישן זיי האָט ער נישט... אַ

פריינט! וואָס איז דאָס אַזוינס אַן אמתער פריינט? א סך מאָל האָט ער גלייבן גענומען, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך...

ער איז אוועק היינט פריִער אַהיים.

געגאַנגען איז ער דורך די טונקעלע גאַסן און געסלעך, ער איז געווען אַ ביסל פאַרביטערט קעגן גאָלדנבערגן, נאָר דאָך איז אַלץ געווען אַזוי יום-טובדיק, די שטילקייט אַרום, די ביימער, וועל־כע האָבן אזוי געהיים געשושקעט, בשעת זעליק איז פאַרבייגעגאַנ־גען. צום ערשטן מאָל איז ער היינט געגאַנגען שלאָפן מיט אַ רויִק געמיט, געפילט האָט ער זיך ווי אַ פרינץ...

און בשעת ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט ער זיך פריילעך אַרומגעוואַשן און צו דעם ליכטיקן אָפענעם פענסטער אַ זאָג געטון:

— איך וועל זיי אַלע ווייזן.

וועמען? ער האָט אַליין נישט געוווּסט. נאָר געפילט האָט ער זיך, ווי ביי-געבוירן. אָט דאָס פּאָסט-קאַרטל פון פעטערבורג האָט אים פאַרייניקט מיט דער גאַנצער וועלט.

ער האָט באַהאַלטן דאָס קאַרטל און געלאָפן צו דער אַרבעט. דאָ האָט ער באַגעגנט יוכוויצן, און ערשט אַצינד האָט ער געטראָפן דעם אמתן מענטש...

— ווערסט זען, זעליק!

— די וועלט וועט נאָך מיט דיר קלינגען.

נאָר דערווייל האָט ער געמוזט לויפן באַזאָרגן פאַרשידענע מאַטעריאַלן פאַר די אַרבעטער...

עטלעכע טעג האָט ער נאָך געלעבט מיט דעם בריוול, דער־נאָך איז דאָס אַלץ בלייכער געוואָרן און דער ספק האָט זיך ווידער לאַנגזאַם צוגערוקט...

גאָר נישט אינגאַנצן. אויפגעמונטערט איז ער אַ ביסל געבליבן.

דאָס פּאָסט-קאַרטל פון פּעטערבורג איז געוואָרן פאַר אים אַ פּראַגע-צייכן...

און יוכוויץ איז אויך נישט געשלאָפן, ער האָט זעליקן שטאַרק געמונטערט...

— מען מוז ליידן, און וואַרטן. אַי, קומט עס אָן שווער אין לעבן עפּעס צו דערגרייכן.

אינגיכן איז אָנגעקומען אַ צייטונגס-נומער פון פּעטערבורג, אין וועלכן עס איז געדרוקט געווען זעליקס ערשטע ליד. ער האָט געהאַלטן די צייטונג פאַר די אויגן און די וועלט האָט זיך גע-נומען דרייען פאַר אים אין אַ גרויסן פיל-קאָלירטן קאַראַהאָד, און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע, וואָס מיטן פּאָסט-קאַרטל פון רעדאַקציע: צו יעדן איז ער געלאָפן און געוויזן:

— מיין ליד, מיין נאָמען...

— נו איז וואָס? — האָבן אַנדערע געפרעגט.

פלעגט זעליק פלוצלינג אָפּגעקילט ווערן און טאַקע אַזוי: וואָס איז דאָ אַזוינס געשען? וואָס איז ער אַזוי צעטומלט? מיט-אַמאָל פלעגט ער ווידער ווערן קליין, ווי דער אַמאָליקער זעליקל, וועלכן דער ברודער פלעגט בייסן און אַלע האָבן געטריבן פון זיך...

דאָך נישט אַלע פלעגן אָפּגיסן מיט אַזאַ קאַלטקייט זעליקן. עס זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך זייער איבערגענומען מיט זעליקס ערשטן ליד...

— ווערסט זיין אַ פּאָעט...

— האָסט טאַלענט...

אַריינפאַלן אין אַזאַ צייטונג איז אַ גרויסער כבוד.

עטלעכע געבילדעטע יונגעלייט מיט מיידלעך האָבן אים אויפגעזוכט אויף די רושטאָוואַניעס, ווו ער האָט געאַרבעט.

— דאָס זענט איר זעליק קעמעניעצקי?

— מיר האָבן געזען אייער נאָמען געדרוקט. דאָס ליד איז אייער אויסגעהאַלטן, איר האָט אַ צוקונפט...

זעליק האָט אויסגעהערט די קאָמפּלימענטן און האָט זיך פאַרלוירן, ווי אַ קינד... ניין, דאָס מיינט מען עפּעס אַ צווייטן, נישט אים.

אָבער דאָך... די מיילעך שמייכלען צו אים, די בחורים קוקן אויף אים, ווי אויף אַ ביז וווּנדער. דרייט זיך אַרום אַ בחור אויף די רושטאָוואַניעס און שרייבט גאָר לידער אין דער פּעטערבורגער צייטונג.

זיי באַוווּנדערן אים און דריקן אים די האַנט מיט אַ דרך-ארץ, און ווען זיי גיין אַוועק, ווערט זעליק מונטערער. ער פליט אַראָפּ און אַרויף אויף דער רושטאָוואַניע, ווי אַ פויגל...

פּומפּיאַנסקי, דער באַלעבאָס זיינער, באַמערקט זעליקס אויפגעלייגטקייט און פרעגט אים:

— וואָס ביסטו אַזוי מונטער היינט? זעליק! אַלץ דאָס ליד? אַ גליק, אַ גרויס גליק, האָסט איינגענומען די וועלט...

זעליק לאָזט אַראָפּ די אויגן און רוקט זיך אָפּ פון באַלעבאָס, ווייל ער פילט מיטאַמאָל אַ מאָדנעם כעס צו אים... ער האַלט זיך קוים איין.

ער האָט זיך לעצטנס אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף, ער האָט ווידער גענומען לייענען, לערנען. שטענדיק האָט מען אים געזען מיט ביכלעך, נאָר וואָס מער צייט ער האָט געזוכט פאַר זיך, אַלץ ווייניקער האָט ער עס געהאַט, ווי אויף צו להכעיס זיינען פּומפּיאַנסקיס געשעפטן אַלץ גרעסער געוואָרן...

אָן אים טוט פּומפּיאַנסקי קיין טריט נישט. אומעטום שיקט ער אים, די וויכטיקסטע ענינים ערליידיקט ער מיט אים... זעליק האָט נישט פיינט געהאַט צו אַרבעטן, נאָר עס האָט אים געצויגן צו זיך אַליין, צו זיין „נאָך עפּעס", וואָס ער האָט דערפילט אין זיך...

דאָס קאַרטל פון דער רעדאַקציע און דאָס אָפּגעדרוקטע ליד האָט אים אויפגעהויבן אַ ביסל העכער.

אַ ביסל העכער פון די רושטאָוואַניעס... און עס האָט זיך אים פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן צוריק אין טאָל...

באַגעגנט ער פלוצלינג חיים גאָלדנבערג און ער נעמט פאַר אים אויסדערציילן זיינע פּלענער, זיין אומרו...

— איך וויל וואַרפן דעם פּאָסטן און אַנטלויפן אין אַ גרעסערער שטאָט, איך וויל לערנען, איך וויל אַלץ וויסן...

— ביסט דאָך שוין אינגאַנצן משוגע, — ענטפערט אים יענער. דערנאָך בעט ער אים לייען אַ רובל און מיט דעם ענדיקט זיך די באַגעגעניש.

מיט וועמען רעדט מען נאָך?

מיט יוכוויצן? נאָר יענער האָט אַ ווייב מיט קינדער, פון וועלכע ער האָט אַ סך צרות.

עס ווילט זיך האָבן איין שטיקעלע האָפנונג, אַז אַזוי וועט עס נישט בלייבן, ער טאָר נישט בלייבן באַ די ציגל מיט דער וואַפנע.

און פלוצלינג דערשרעקט ער זיך פאַר דעם דלות... פאַרלאָזן אַזאַ טייערן פּאָסטן און אַרומשלעפּן זיך... וווּ? צו וועמען? מיט וועמען?

כאָטש פּו״ע בײַ דער נאַכט...

דערווייל זיינען טעג געגאַנגען. זעליק האָט באַטאָג געאַרבעט פלייסיק, געפרייט זיך מיט יענעמס מויער, וואָס האַלט אין איין וואַקסן און געפרייט זיך מיט דער פרייער שעה, בעת ער האָט געקענט זיין אַליין מיט זיך.

די איינזאַמע בענק פון שטאָטישן גאָרטן... אָט דאָרט אין די לעצטע אַלעען, די בענק האָבן אים גאַנץ אָפט פאַר אַ גאַסט

געהאַט, דאָ אין די ווינקעלעך פון גאָרטן הערט מען דייטלעכער א פויגלס טרעל און די גרינע צווייגן זייַנען גרינער...

די נשמה זעט זיך אַליין בעסער.

און דאָ פלעגט זיך זעליק אַ ביסל באַרויִקן. קיין ברירה נישט געווען, ער האָט דערווייל זיך געמוזט אונטערגעבן און האַרטן, וואַרטן...

בעת ער פלעגט איינשלינגען מיט די אויגן די אַרומיקע נאַטור, דעם הימל, דאָס ביסל וואַסער פון סטאַוו, פלעגט ער פילן, אַז ער דערגרייכט גאָטס שיינקייט, און ווו ער זאָל נישט זיין, דאָס וועט אין אים נישט פאַרפאַלן גיין...

מיט אַ זיפץ פלעגט ער פאַרלאָזן דעם גאָרטן און גיין צוריק צו דער אַרבעט...

אויף די רושטאָוואַניעס באַמערקט מען זיין קומען. די ציגלטרעגער באַוועגן זיך לעבעדיקער. די ווענט פון דער פרעמדער מויער וואַקסן... מען וועט ענדיקן די מויער און מען וועט זיך נעמען צו א צווייטער...

## VI.

## פומפיאנסקי...

פומפיאנסקי איז זייער אַ גוטער מענטש, נאָר אַ פאַרגרעבטער, אַליין אַ געוועזענער מולער, האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ סך געלט און איז איינער פון די גרעסטע פאָדריאַטשיקעס אין שטאָט...

ער לעבט זייער שען. דאָס ערשטע ווייב איז באַ אים געשטאָרבן. איצט האָט ער אַ שיין יונג ווייבל מיט אַ צוויי-יעריק יונגעלע...

אים גייט גאָרנישט שלעכט, דעם פומפיאַנסקין, זיין פאַרמעגן פאַרגרעסערט זיך און זיין בייכל פאַרונדלט זיך.

שטענדיק וויצלט ער זיך, און אין די פרייע שעהן שפּילט ער אין קאָרטן. ער קען אַזוי אָפּזיצן שעהן לאַנג און שפּילן. אין די קאָרטן וויצלט ער זיך אַממערסטן.

זיין ווייבל, אַ לאַכנדיקע, אַ יונגע, פלעגט זיך האַלטן ווייטער פון אים.

ער — פאַר זיך און זי — פאַר זיך. עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז דער טאַטע און זי א דערוואַקסענע טאָכטער, וועלכע פאָלגט שוין נישט דעם טאַטן.

אידאַ האָט זי געהייסן, מיט אַ דין שנירעלע פערל אויפן האַלדז, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַראָפּ-

געקוקט צווי שווארצע אינזעלעך — אידאס שמאלע אויגן...

און ווי נאר עפעס, קלינגט איר געלעכטערל, ...דער זי נעמט נאר זינגען, זי נעמט דאס יאטל אירס אויף די ... און זינגט מיט אים...

אין צווייטן צימער זיצט דער פארוגדלטער ... שפילט אין קארטן, עפעס אזוי, ווי שטוב, ווייב, קינד וואלט אויף דער וועלט נישט געווען.

און דער עיקר:

מען דארף זאגן א גוטן ווארט.

און נישט מאכן קיין טעות אין זעקס און זעכציק.

זעליק פלעגט קומען צו זיי אהיים. ער איז געווען אן אייגע־נער מענטש דארטן, דער באלעבאס און די באלעבאסטע פלעגן אים זאגן „דו".

ער פלעגט דארט קומען, ווייל דא איז געווען ווארעם, היימלעך, די זאטקייט און צופרידנקייט האט ארויסגעקוקט פון אלץ...

און צו זעליקן פלעגט מען דארט רעדן א גוט ווארט, ער איז דארט געווארן אן אייגענער מענטש.

אין די פרייע שעהן פלעגט ער ארויסשלעפן א בוך פון שאנק, זיך אוועקזעצן ערגעץ אין א ווינקל און לייענען.

אין א יום־טוב־טאג, אין א שבת. דער באלעבאס שלאפט זיך אויס, זעליק לייענט...

און כמעט שטענדיק די זעלבע געשיכטע: לעבן אים שטייט די באלעבאסטע, די יונגע אידא...

— לייענסט שוין ווידער, זעליק?

— וואס זאל איך טון?

— אזא יונגער בחור, און האט נישט וואס צו טון?

— איך ארבעט דאך א גאנצע וואך.

— און איצט לייענסטו?

— אוודאי, וואָס זאָל איך טון?

— און וועגן מיידלעך טראַכסטו נישט?

זעליק הייבט אויף די אויגן אויף דעם יונגן ווייבל און אין קאָפּ לויפן אָן פאַרשידענע געדאַנקען, וואָס וויל זי? וואָס טראַכט זי? וואָס דערמאַנט זי אים שטענדיק מיידלעך?

זי, אַ ווייב פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד, ווי קומט זי צו רעדן פון אַזעלכע זאכן, און וואָס וויל זי פון אים, פון זעליקן...

וואָס מאַכט זי חוזק פון אים?

און אָט דערלאַנגט זי אים אַ שנעל אין דער נאָז:

— ביזט נאָך גאָר אַ שניעק...

און גייט לאַנגזאַם אַוועק, איר קערפּער בייגט זיך אַזוי קע־ציש, קוקט זי זיך אום און דערזעט דאַמאָלס דעם איבעראַשטן זעליק...

לאַכט זי זיך פונאַנדער און ווערט פאַרשוווּנדן אין צווייטן חדר.

עטלעכע מאָל האָבן שוין פּאַסירט אַזעלכע סצענעס.

זעליק האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען.

נאָר אומבאַוווּסטערהייט האָט אים אַלץ מער געצויגן צו די פּומפּיאַנסקיס אַהיים, ער האָט געזוכט און נישט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן זיך דאָרט אויף עטלעכע רגעס.

ער איז גאָרנישט אויסגעווען, גאָרנישט פאַרשטאַנען און גאָרנישט געטראַכט, און געוואָלט האָט זיך אים קומען אַהין אין אַזעלכע שעהן, בשעת פּומפּיאַנסקי איז נישט געווען אינדערהיים... צוליב וואָס? צוליב ווען? ער האָט באמת נישט געוווּסט די סיבה, נאָר בשעת ער פלעגט עפענען די טיר, פלעגט דאָס האַרץ זיינס אַ ציטער געבן...

און געווען איז ער שוין דאַמאָלס נישט קיין יונגעלע, אין [illegible] איז געווען באַדריקט זיינע ש[illegible], פון [illegible]קציע שרייבט

מען צו אים, אין שטאָט רופט מען אים: פּאָעט, חיים גאָלדבערג מיט זיין חברה האָבן פאַר אים דרך-ארץ באַקומען, כאָטש אין דער אמתן וואָלטן זיי מער שטאָלצירט מיט אים, ווען ער מאַכט אַ גוט געשעפט מיט קאָמגאַרן, אָדער מיט אַ שעוויאָט...

נאָר עפּעס איז דער זעליק אַן אַנדערער: שרייבט אין די ציַיטונגען און איז שוין באַוווּסט אין שטאָט.

חברה האָט געהאַט פאַר אים רעספּעקט.

זיי פלעגן זען, אַז בּאַ אים זיינען די קעשענעס אָנגע-שטאָפּט מיט פאַרשריבענע פאַפּירלעך און מיט ביכלעך. זיי האָבן פאַר דעם טאַקע געקוקט אויף זעליקן מיט אַ נייגעריקייט און אין דער זעלבער צייט געטראַכט, אַז קיין „מענטש" וועט שוין פון אים נישט זיין.

אַ פאַרפאַלענער יונג, אָט די, וואָס לאָזן זיך אַריין אין די ביכלעך, זיי בלייבן שוין אויף אייביק שלימזלס...

נאָר דער זעלבער שלימזל, פלעגט זיך גאַנץ אָפּט אַרויס-ווייזן אין אַן אַנדערער זייט. ער פלעגט זיך נישט לאָזן באַליידיקן איינמאָל, בעת ער איז אין אַ זומער פאַרנאַכט געזעסן מיט חיים גאָלדנבערגס חברה אין שטאָט-גאָרטן, ער איז געזעסן, גערעדט און ער האָט זיי אַלע פאַרינטערעסירט מיט זיינע רייד...

דאָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן איינער פון דער חברה, אַ יונגער בחור, באַראַש...

אַ טאַטנס אַ זינדל, אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט גוואַלטיק שטאָל-צירט מיט זיין טאַטנס פאַבריק...

ער האָט זעליקן עטלעכע מאָל איבערגעריסן, געוואָלט זי שטום מאַכן, כּדי מען זאָל אים, באַראַשן, מער באַמערקן.

זעליק האָט אים אָפּגעענטפערט, צו ערשט רויק, דערנאָך בייז און בייזער, ביז זיי האָבן זיך גענומען זידלען... פלוצלינג וואַרפט דער באַראַש אַריין אַ פראַזע:

— אַזאַ קבצן, אין שטוב באַ זיי פגרט מען פאַר אַ שטיקל ברויט...

— וואָס האָט ער געזאָגט? זעליק איז עפּעס מאָדנע ווילד געוואָרן...

די שטוב זיינע האָט ער דערמאָנט, די אָרימע שטוב, וווּ דער דלות פייניקט אַזוי, ווי מען מאַכט צו די טיר, כדי מען זאָל זייער אָרימקייט און נאַקעטקייט נישט זען... די שטוב, טאַטע-מאַמע, וואָס זיינען אַזוי אויסגעליטן...

אפשר נישט דער פאַקט, נאָר דער אַרגומענט האָט זעליקן באַליידיקט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אין שטילן שפּעט-פאַרנאַכטיקן גאָרטן האָט אַ קלונג געגעבן אַ פּאַטש...

בּאַראַש האָט זיך געוואָרפן אויף אים, דאַמאָלס האָט אים זעליק אָנגענומען פאַר די אַקסלען און אַ שליידער געטון פון זיך, טיף אין די קוסטעס אַריין...

עס איז געוואָרן אַ טומל, מען איז צוגעלאָפן צום צעבויקערטן באַראַש, מען האָט אים אַוועקגעפירט פון פּלאַץ.

און זעליק איז געבליבן אַליין...

גערעכט, צי נישט גערעכט?...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, בשעת ער האָט גענומען אַליין אַרומטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

איז ער גערעכט, צי נישט גערעכט?

ער האָט אַ פּאַטש געגעבן אַ מענטש...

נאָר באַלד האָט ער אַ שמייכל געטון צו זיך אין דער פינ-סטער... אַ מענטש... אויך מיר אַ מענטש, אַ נפש, וואָס באַרימט זיך שטענדיק מיט זיין רייכקייט, וואָס שטענדיק קלינגט ער מיט די זילבערנע רובלס, שפּילט זיך מיט זיי און רייצט זיך מיט דעם געלט... אויך מיר אַ מענטש...

ניין, ער האָט זיך נישט געפילט שולדיק, ווייל באַלד איז

אָנגעקומען אַ פעסטער שטאָלץ, דער שטאָלץ פון דעם, וואָס באַ־
זיגט.

ערגער וואָלט דאָך געווען, ווען ער באַקומט דעם פּאַטש
ערגער, מיאוסער. סאַראַ קייקל דער באַראַש האָט זיך געטון אין
די קוסטעס אַריין, ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן, קיין טראָפּן פון
חרטה איז באַ אים אין האַרץ נישט געווען, דאָס האָט אים אַליין
געוואונדערט, און ער איז אַזוי ווי צופרידן געווען פון דעם...

אויף מאָרגן, בעת ער האָט באַגעגנט חיים גאָלדנבערג,
האָט אים יענער געפרעגט:

— ווי קומט צו דיר אַזאַ כּוח? איך האָב גאָרנישט געוווּסט,
אַז דו האָסט אַזעלכע הענט...

און די זאַך איז אַוועק, פאַרגעסן געוואָרן, דער פּאַטש איז
געבליבן באַ באַראַשן.

ער איז געווען יונג, אַ סך האָבן געזאָגט, אַז דער מאַטאָ־
ווער קאָליער פון זיין געזיכט מאַכט אים שיין.

ער איז געווען געזונט, נישט קוקנדיק, וואָס פיל טעג פון
זיין יוגנט האָט ער געהונגערט. דאָס שטענדיקע זיין אויף דער
גאַס, דאָס אַרומלויפן מיט די טויבן-שלעגערס און איצט אויף די
רושטאָוואַניעס פון די נייע הייזער, וואָס זיין באַלעבאָס האָט גע־
בויט, — דאָס אַלץ האָט אים פיזיש אַנטוויקלט.

כאָטש ער האָט אויסגעזען דאַר, איז ער דאָך פעסט און
געזונט געווען, פלינק...

וויפיל מאָל פלעגן זיך די אַרבעטער וואונדערן, זיי פלעגן
אין די מיטאָגס-שעהן מאַכן פאַרשידענע גימנאַסטישע קונצן מיט
די ציגל, מיט שטיקער אייזן... זעליק פלעגט נישט אָפּשטיין.

אַ קאָמבינאַציע פון פופצן ציגל, אויפהייבן מיט איין האַנט —
זעליק גייט לאַנגזאַם צו און טוט דאָס זעלבע, וואָס דער שטאַרק־

סטער ארבעטער, זיי האָבן אים דערפאַר ליב געהאַט, די ציגל־טרעגערס.

א שעמעוודיקער איז ער דאָך געבליבן, אין דער צייט, ווען אַלע בחורים אַרום האָבן שוין געהאַט כּלות און אויסער די כּלות פלעגן זיי נאָכלויפן אַנדערע מיידלעך...

ער האָט זיך פּשוט פאַרלוירן, ווען אַ מיידל פלעגט צוגיין צו אים רעדן, ער פלעגט נעמען שטאַמלען און רויט ווערן.

— יאָלד! — האָט צו אים אַמאָל חיים גאָלדנבערג אַ געשריי געטון — דו וועסט זיך אויפהערן צו שעמען?

— וואָס זאָל איך טון? וואָס ווילסטו?

— נעם פאַליען... קלויב זיך אויס אַ צווייטע, אַ דריטע און גיי אַ ביסל שפּאַצירן, גיי אין פעלד...

— און אַז איך וועל שוין גיין אין פעלד?...

— ביסט אַ יאָלד און וועסט שוין שטאַרבן אַ יאָלד.

אָט אַזעלכע צוזאַמענשטויסן האָט ער געהאַט גאַנץ אָפטע, נאָר זעליק וואָלט זיך שוין נישט געשעמט, עס האָט אים געניי־גערט דאָס באַגעגעניש מיט אַ מיידל, ער האָט שוין פון דעם אַ סך געטראַכט.

באַטאָג און בּאַנאַכט.

נאָר אַ מיידל באַדאַרף עס זיין, אַזאַ מיידל, וואָס זאָל אים פאַרשטיין. אַ מיידל נישט קיין פלוידערקע! נישט קיין שרייער־קע, צו אים אַליין זאָל זי צוגיין, מיט אים אַליין, איין שמייכל זאָל זי האָבן, איין געדאַנק, איין געפיל — און אַלץ פאַר אים — פאַר זעליקן.

ער, זעליק, וועט אויך קיין צווייטע אין זינען נישט האָבן, ער וועט אַלץ אָפּגעבן, ער וועט בויען וועלטן, שאַפן וועלטן, נאָר דאַמאָלס, ווען ער וועט פילן, אַז אים, אים האָט מען ליב, וויל טיף

אין הארץ איז ער נאָך געווען אַלץ דער איינזאַמער, דאָס אָפּגע־שטויסענע בחורל.

ער איז לאַנג אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט זיינע ראָמאַנטישע חלומות וועגן זיין ליבע, ער האָט זיך אויסגעבויט אַזאַ שיינעם שלאָס, מען האָט נאָר באַדאַרפט די טיר עפענען, און אַריינגיין אינעווייניק.

נאָר אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ איז אים שווער געווען אַריינ־צוקומען, ער איז אַרומגעגאַנגען אַלע ווינקעלעך אַרום די ווענט און דעם אַריינגאַנג נישט געפונען.

נאָרן זיך האָט ער נישט געקענט, לויפן מיט דעם ערשטן בעסטן מיידל האָט ער נישט געוואָלט, און ער האָט זיין חלום וועגן זיין ליבע נישט אויפגעגעבן...

נאָר גאָר אינגיכן האָט מיט זעליקן פּאַסירט אַ מאָדנע גע־שיכטע.

פאַר אים איז דאָס געווען אַ שרעקלעכע איבעראַשונג, דאַמאָלס ווען אין לעבן פּאַסירן טויזנטער אַזעלכע געשיכטעס.

ער איז צעטומלט געוואָרן און אַראָפּגעגליטשט זיך פון זיין ראָמאַנטישער ליניע...

פומפּיאַנסקיס פרוי, זעליקס באַלעבאָסטע, איז געווען זייער אַ דרייסט ווייבל...

זי האָט זייער אָפט געצילט אויף זעליקן, און דער באַלעבאָס האָט אַלץ מער פאַרטרויונג געהאַט צו אים, ער האָט אים שטאַרק געגלייבט און באַ יעדער געלעגנהייט דאָס דערמאַנט און ווידער־האָלט. ער פלעגט אפילו זיך מיט אים באַראַטן וועגן אַ סך ענינים, אויסהערן זעליקס מיינונג און מיט אַ גוט קול פרעגן:

— דו מיינסט, זעליק, אַז אַזוי וועט גוט זיין?

און זעליק פלעגט דערביי נישט מיט דער גאַנצער זיכערקייט גושאָקלען מיטן קאָפּ. ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר דעם

אָרימען, נישט וויכטיקן בחור׳ל און זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיט אים זאָל מען רעדן, ווי מיט אַ גאַנצן מענטש.

זעליק פלעגט קומען צו פּומפּיאַנסקין אין שטוב, פלעגט ברענגען חשבונות און געלט, פלעגט דאָרט בלייבן אויף מיטאָג, אויף אָוונט-ברויט און פרוי פּומפּיאַנסקי, אַזאַ יונג און פריילעך ווייבל, פלעגט זעליקן נישט אָפּלאָזן:

— וואַרט, מען וועט באַלד גיין צום טיש, און צום מאַן פלעגט זי זיך אָנרופן:

— זאָג אים, ער זאָל וואַרטן, מיר וועלן באַלד עסן מיטאָג.

זעליק פלעגט בלייבן, אין שטוב באַ זיי איז נישט געווען אַזוי ליכטיק און אַזוי היימלעך.

פלעגט ער בלייבן, פלעגט אַרויסשלעפּן פון שאַנק אַ בוך און לייענען...

דאָרט אין קיך האָט זיך געפּרעגלט און געקאָכט, דער ריח פון די שפּייזן פלעגט רייצן זיינע נאָזלעכער.

דאָס יונגע ווייבל איז צו אים אַזוי גוט, ווי אַ שוועסטער. אַ סך מאָל, ווען פּומפּיאַנסקי איז אינדערהיים נישט געווען, אָדער ער פלעגט זיין אין אַ צווייטן צימער, פלעגט זיך די באַלעבאָסטע זיינע פאַרפירן מיט אים אַ שמועס.

און שטענדיק כמעט דאָס זעלבע: צי ער, זעליק, האָט שוין מיידלעך...

— צו וואָס באַדאַרף איך מיידלעך? — האָט זיך באַ זעליקן נאָך אַרויסגעריסן אַ פראַזע. זי האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט צו לאַכן און צו שפּאַסן פון אים פאַר דער דאָזיקער פראַזע.

— ביסט דאָך אַ בחור, אַ יונג מיט ביינער. — ביסלעכווייז, און זעליק האָט גענומען דערציילן פון זיינע חברים, פון חיים גאָלדבערג מיט זיין כלה שפרה, פון אַנדערע בחורים מיט זייערע מיידלעך...

— און דו האָסט נאָך נישט קיין כלה?

האָט זעליק געקוועטשט מיט די פּלייצעס און עס איז איים אזוי מאָדנע גוט און שרעקעוודיק געוואָרן...

בשעת די באַלעבאָסטע זיינע האָט עס אים געפרעגט, האָט זי דערביי אים אָנגענומען פאַר זיין האַנט און געשמייכלט זעליקן גלייך אין פּנים אַריין...

וואָס? וואָס לאַכט זי? וואָס שמייכלט זי? און וואָס שטעלט זי אים אַזעלכע פראַגן — זעליק האָט עס נישט פאַרשטאַנען, און דאָך האָט ער ווידער געזוכט די געלעגנהייט צו קומען אַהער, און געוואָלט האָט ער שטענדיק זי זאָל ווידער רעדן מיט אים וועגן די זעלבע זאַכן.

נייגעריקייט און אומרו פלעגט עס אים ברענגען... וואָס? דעם עיקר האָט ער נישט געוווּסט, נאָר אַ ניי געפיל איז אים צו־געקומען...

פּונקט ווי אַ נייע גאַס וואָלט זיך פאַר אים אויפגעעפנט, אַ לאַנגע פאַרנעפּלטע גאַס, ער באַדאַרף נאָר דערגיין ביזן סוף, און דאָרטן שיינט די זון...

נאָר פון דער ברייטער פאַרטונקלטער חלום־גאַס פלעגט ער צוריקקומען אויף די רושטאָוואַניעס און אַרבעטן, בעת דער אַרבעט פלעגט ער פאַרגעסן אָן אַלץ...

ער האָט אַ באַלעבאָס, וואָס האָט אים ליב, און דעם באַלע־באָס פאָלגט ער און דינט מיטן גאַנצן האַרץ.

פּומפּיאַנסקי איז געווען אַ גרויסער פּאָדריאַטשיק, אויסער עטלעכע גרויסע מויערן, וואָס ער האָט איצט געבויט אין שטאָט, האָט ער באַקומען אַרבעט, די רעגירונג האָט בּאַ אים באַשטעלט נייע קאַזאַרמעס אין אַנדערע שטעט.

ער פלעגט פון צייט צו צייט אַוועקפאָרן קיין בריסק, קיין ווילנע. זעליק האָט געהאַט מער אַרבעט, אויף אים איז אַלץ געלעגן:

אַכטונג געבן אויף די איבעריקע משרתים, אויף די אַרבעטער, צייל[?] די ציגל, די פורן וואַפנע, מעסטן די ברעטער און קלעצער, ער פלעגט האָרעווען פאַר צען.

דערביי איז ער געווען שטאַרק איבערגעגעבן דער אַרבעט, ער איז געווען געדולדיק און אומגעדולדיק, געליטן, געקרענקט, ווען עס האָט עפּעס געפעלט און געפרייט האָט ער זיך, ווען דער מויער איז געוואַקסן אינדערהייך און אין דער ברייט.

ער האָט אָנגעקוואָלן, ווען פאַר זיינע אויגן זיינען געשטאַנען גרויסע מחנות אַרבעטער און כסדר באַוועגט מיט די הענט, מיט די רוקנס, צייטנווייז פלעגט אים אויסדוכטן, אַז ער אַליין פירט אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט און עפּעס אַזוי ווי באַפליגלט פלעגט ער ווערן פון אַזאַ געדאַנק...

עך, ווען ער וואָלט האָבן געלט און מעגלעכקייטן, וואָס פאַר אַ פּאַלאַצן ער וואָלט זיך אוועקלאָזט בויען... פּאַלאַצן...

ניין! צו וואָס באַדאַרף ער פּאַלאַצן? פאַר אַנדערע? — זיי ווען זיך אַליין בויען.

פאַר זיך אַליין וואָלט ער געוואָלט אויסבויען אַ קליין הייזל מיט אַ הויכן דאַך, און דאָרט וואָלט ער זיך געלאָזט האָדעווען טויבן און אַנדערע פייגל. אין דעם סאַמע טומל פון דער אַרבעט פלעגט אים זיין גוטע און רויקע איינזאַמקייט אַ צופּ טון באַם האַרץ, און געמאָלט האָט ער זיך דאַמאָלס זיין אידיליע, זיין חלום, ביז עמעץ פלעגט מיט אַ געשריי צי מיט אַ קלאַפּ פאַרטרייבן זיינע ווייטע געדאַנקען.

פּומפּיאַנסקי איז אַלץ אָפטער געפאָרן אין די פרעמדע שטעט. ער איז געווען גוואַלטיק באַשעפטיקט, זיין באַלעבאָס, און איינמאָל איז ער געקומען צו זעליקן מיט אַ פאָרשלאַג:

— איך פאָר ווידער אַוועק אויף צען טעג קיין ווילנע, איך וואָלט וועלן, דו זאָלסט שלאָפן בא מיר אין שטוב, אין עס-שטוב

אויף דער קאַנאַפּע. דאָס ווייב מיינס האָט מורא אַליין צו בלייבן מיט דעם קינד און דינסט.

און אַזוי ווי זעליק האָט אַלץ געפאָלגט, האָט ער אויך דערצו איינגעשטימט. דאָס איז געווען פאַר אים אַ גוט מיטל, ווי צו זיין ווייטער פון דער היים, וווּ דער דלות האָט זיך שוין אויף שטענדיק איינגעבירגערט. אינדערהיים האָט זעליק כמעט זיין גאַנצן פאַרדינסט אָפּגעגעבן, אָבער דאָך פלעגט ער עפּעס פאַר זיך אויך אָראָפּנעמען אויף אַ בגד, אויף קליינע אויסגאַבן, און דאָס האָט מען אים נישט איינמאָל פאַרגעוואָרפן. אים האָט עס געקרענקט, נאָר ער האָט געשוויגן. און צו אים האָט מען אויך געשוויגן.

אויסער דעם פלעגט קובאַ אים, ווי שטענדיק, דערגיין די יאָרן מיט שטעך-ווערטלעך. זיך אַליין האָט קובאַ געהאַלטן פאַר אַ גרויסן יחסן, נאָר אויף זעליקן האָט ער נאָך אַלץ געקוקט, ווי אויף אַ קנעכט. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס זעליק איז שוין געווען אַ גאַנצער מענטש, אַ פאַרדינער, און דערצו נאָך אַ מענטש, וואָס שרייבט לידער, וועמען מען רופט אין שטאָט מיטן נאָמען: „פּאָעט״. פאַר קובען איז דאָס אַלץ ווייניק געווען. ער איז זעליקן געקראָכן אין האַרץ...

פאַרביטערט אים דאָס לעבן...

צוליב אומפאַרשטענדלעכע סיבות פלעגט זעליק פאַרשווייגן, ער האָט איבערהויפּט געקענט אַלעמען פאַרשווייגן. זיינע שונאים פלעגט ער אויסמיידן, נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר זיי, נאָר ווייל ער האָט זיי געהאַלטן פאַר שלעכטע און נישטיקע מענטשן, מיט וועלכע עס לוינט נישט צו קעמפן.

אָט אַזוי פלעגט ער אינדערהיים זיין נאָר אין די נויטווענדיקסטע רגעס — ווייל ער האָט דאָרט געהאַט זיין גוט ברודערל, און נאָך אַ שונא: דעם דלות פון דער גאַנצער משפחה.

פּומפּיאַנסקי איז אַוועקגעפאָרן און זעליק האָט געגעבטיקט

אויף דער סעראַטענער קאַנאַפּע. ער פלעגט קומען פרי, אָפּעסן אָוונט-ברויט און נישט וויסן וואָס ווייטער צו טון. ער האָט ליב געהאט די אָוונטן פון זומער. אים פלעגט אַ שאָד זיין צו פאַרשלאָפן, און אַוועקגיין טאָר ער נישט.

ער איז דאָך דער שומר, ער באַדאַרף אָפּהיטן פּומפּיאַנסקיס פרוי און קינד, פּומפּיאַנסקיס האָב און גוטס.

און פּומפּיאַנסקיס ווייבעלע, אַ שמאָלע, מיט לאַנגע ווייסע הענט, פלעגט אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן זיצן באַם פענסטער אין אַזעלכע לייכטע, דורכזיכטיקע בלוזקעס, זי פלעגט זיך פער-פומירן און צו אָוונט-צייט פלעגט זי פונאַנדערקעמען די האָר...

זי האָט זייער אָפט געקוקט אין שפּיגל...

זעליק פלעגט קומען אַ מידער. נאָך דעם עסן פלעגט ער זיך פילן אַ ביסל אומבאַקוועם, איינער אַליין, אויג אויף אויג מיט דעם יונגן ווייבל.

דאָס קינד איז געשלאָפן אין דריטן חדר, די דינסט פלעגט אַוועקבלאָנדזשען צו אירע חברטעס אויף אַ צווייטן הויף און דאָ געמט זעליק רעדן פון ציגל, פון געהילץ, פון וואָפנע. דאָס ווייבל קוקט אָפט אין פענסטער, אָטעמט איין נאַכט-לופט פון זומער און אָט ווענדט זי איר פנים צו זעליקן און זי הערט אויס זיינע וואָפּ-נע-מעשיות.

האָסט געהערט, אַזאַ יונגער בחור, און איז אַזוי פאַרטון מיט די ציגל...

ענטפערט זי עפּעס יאָ און ענטפערט נישט.

שפּעטער האָלט שוין זעליק אַ בוך און לייענט...

נאָר אין דער אמתן האָט ער נאָך קיין איין זייטל נישט איבערגעבלעטערט, עס ציט אים צום פענסטער.

צי וויל דאָרט שטייט דאָס יונגע געפּודערטע ווייבל, צי וויל דאָרט זעט זיך די ווייטע נאַכט, די נאַכט, וואָס זעליק האָט

אַזוי ליב, פון קינדוויי ליבט ער זיך אין דער נאַכט, אין שווייגן.

ער ציטערט אויף פון יעדן נאַכט-ציטער, ער אָטעמט מיט אים אָטעמט... נאָר...

נאָר מענטשן האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען זיין שווייגן, זיין ליבע צו גרינס, וואַסער, צו הימל און ווייטקייט, מענטשן האָבן עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען און דערפאַר, בעת ער רעדט מיט די מענטשן, רעדט ער שטענדיק פון זייערע נאָנטע ענינים...

פומפיאַנסקיס ווייבל האָט אַ מאַן אַ פּאָדריאַדטשיק, וואָס בויט הייזער, רעדט ער מיט איר וועגן וואַפּנע...

מיטאַמאָל דערהערט ער איר קול:

— וואָס זיצסטו דאָרט מיטן ביכל? קום צום פענסטער, זע נאָר וואָס פאַר אַ שיינע נאַכט...

שטייט ער באַם פענסטער און אָטעמט איין...

דעם ריח פון אַ שטילן פערפום און דעם ריח פון גרינע אָפּ-געפרישטע בלעטער. אַרום זיינען ווייניק הייזער און אַ סך סעדער. נישטאָ באַ זעליקן דאָס ביסעלע דרייסטקייט צו אָנהייבן דער ער-שטער רעדן, שווייגט ער און ווערט אינגאַנצן פאַרשלינגען פון דער שווייגעניש אַרום...

פילט ער נישט, ווי אויף זיין האַנט לייגן זיך אַוועק צוויי איידעלע פינגער, וואַרעם-אָפּגעקילטע פון דער נאַכט, צוויי שווייגנ-דיקע שלוחים באַרירן אים...

אָט יענע ביימער דאָרט זיינען אַזוי שוואַרץ, ער סטאַרעט זיך זיינע אויגן אינגאַנצן אויסקוקן אין די שוואַרצע ביימער, ער זוכט עפּעס, מיט וואָס צו פאַרנעמען זיין נשמה, זיינע אַלע חושים...

די פינגער די ווייבלשע גלעטן אים.

ער פילט נישט און פילט... ער האָט זיך מורא צו באַ-וועגן מיט זיין האַנט. ער פאַרשטייט נישט, נאָר ער שרעקט זיך,

און דאָס ווײַבל נעמט רעדן מאָדנע רייד, זי רעדט צו זעליקן ווי צו אַ גלײַכן מענטש, ווי צו אַ דערוואַקסענעם, און זי ווייסט נישט, אַז ער זעט בלויז אויס, ווי אַ דערוואַקסענער — אינעווייניק, אין דער נשמה, איז ער נאָך יונג ווי אַ יונגל...

— דו ווייסט, זעליק! עפּעס גלייבט זיך מיר אַ סך מאָל נישט, אַז פּומפּיאַנסקי איז מיין מאַן און אַז איך האָב שוין אַ קינד, עס ציט נאָך צו די מיידלעך, איצט וואָלט איך וועלן שפּאַצירן, לאַכן, שפּאַסן, קאָקעטירן...

— טאַקע, איר זעט אויס זייער יונג...

— אָבער וואָס שעמסטו זיך אַזוי? וואָס קוקסטו מיר נישט אין די אויגן, בעת דו רעדסט צו מיר?

— ווער?

— דו! ביזט אַ מאָדנער בחור...

די פינגער גליטשן זיך אַראָפּ פון זיין האַנט. דאָס פענסטער ווערט פרייער. דאָס ווייבל גייט אַוועק שלאָפן.

זעליקן שלאָפט זיך נישט. פאַרוואָס, מיט וואָס איז ער אַ מאָדנער בחור...

אין אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט טראַכט ער איבער טויזנטער טראַכטענישן און וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער.

לייבּושקע ראָזנבלום מיט זיינע מיידלעך.

זיין גאָלדנבערג מיט זיינע צווײַדײַטיקע ווערטלעך, אַלע, אַלע זיינען אַנדערש ווי ער.

אַנומלט, ווען ער האָט דערציילט פאַר גאָלדנבערגן, אַז ער שלאָפט בײַ זיין באַלעבאָס, האָט חיים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און אַ פרעג געטון:

— ווער נאָך איז פאַרהאַן אין שטוב?

— די דינסט און דאָס קינד — האָט זעליק געענטפערט.

— מער קיינער נישט?

— נײן...

— אַ טײַערע געלעגנהײט, – האָט חיים גאָלדנבערג לאַנג-זאַם אַרױסגערעדט און געקוקט אױף זעליקן מיט אַ פּאָר אױגן פֿון אַן אונטערהעצער...

װאָס האָט ער געמײנט מיט די װערטער: „אַ טײַער געלע-גענהײט"?

פֿאַרשידענע געדאַנקען קומען אים אין קאָפּ, אָט באַלד דאַכט זיך דערגײט ער שױן אַלץ, ער פֿאַרשטײט אַלע אמתן, נאָר נײן, ער קען זיך נישט אַרױספּלאָנטערן...

און װידער נעמט ער טראַכטן: זי האָט אַזױ געשמעקט מיט איר פּערפֿום, זי האָט אַזױ שװער געאָטעמט... אפשר איז זי אַזױ קראַנק? זי האָט, דאַכט זיך, געברענט פֿון היץ.

און פֿאַרװאָס איז זי צו אים אַזױ גוט?

האָט צוגעגרײט אים אַזאַ גוט אָװנט-ברױט... גאָרנישט װי פֿאַר קײן משרת...

דערנאָך האָט זי אים צוגערופֿן צום פֿענסטער און גערעדט מיט אים, װי מיט אַ חבר...

דערנאָך...

װען זי איז אַװעק צום שלאָפֿצימער, האָט זי זיך נאָר אומ-געקוקט. אױף אים, אױף זעליקן, האָט זי אָנגעשטעלט אַ פּאָר אױפֿ-געעפֿנטע אױגן און פֿאַרשװוּנדן געװאָרן...

צו דעם הױפּט-געדאַנק, אַז דאָס װײַבל קוקט אױף אים, װי אױף אַ בחור, איז נאָך זעליק נישט דערגאַנגען, אָדער ער האָט עס אומישנע פֿאַריאָגט פֿון זײַנע געדאַנקען...

אומרויִק איז ער שױן געװען. די אומרויִקײט האָט ער געפֿילט אומעטום, אױף די רושטאָװאַניעס בײַ דער אַרבעט, אױף די שפּאַ-צירן מיט זײַנע חברים און איבערהױפּט דאַמאָלס, װען ער פֿלעגט באַדאַרפֿן גײן צום באַלעבאָס נעכטיקן

ער האָט דאַן אַזוי געטראַכט:

זי וועט באַלד ווידער נעמען אַזוי אַריינקוקן אין מיינע אויגן.

און שטיין באַם פענסטער...

און רעדן אַזעלכע פאַרשטעלטע ווערטער, וואָס מען קען זיך נישט אָנשטויסן אויף זייער זין...

זי איז אַ מאָדנע, די יונגע באַלעבאָסטע..

עס זיינען אַזוי דורכגעגאַנגען אַ פינף-זעקס טעג, זעליקן האָט זיך שוין געוואָלט, אַז פומפיאַנסקי זאָל קומען צו פאָרן.

נאָר יענער האָט געשריבן פון ווילנע, אַז ער מוז נאָך לענגער בלייבן אין דער פרעמד...

ער נעמט אָן גרויסע פּאָדריאַדן, „נאַטשאַלסטוואָ" האָט אים ליב, מען טרויט אים, דעם יידישן אונטערנעמער.

דער באַלעבאָס קומט נישט און זעליק מוז ווידער און ווייטער נעכטיקן אויף דער סעראַטענער קאַנאַפּע...

און... זעליק איז צעטומלט, ער גייט אַרום ווי אַ משוגענער, ווי אַ שיכּורער. אַ מאָדנע אומרויִקייט האָט אים באַהערשט און אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט אַ באַהאַלטענע פרייד אין האַרץ. אַט לויפט עס אָן ווי אַ קליינע כוואַליע צום סאַמע מיטן פון זיין האַרץ און באַלד פאַרשווינדט עס... ער האָט פאַר עפּעס מורא, האָט מורא זיך גוט אַריינצוקוקן אין דער נשמה, ווי אַ זינדער. ער אַרבעט, ווי אַלע טאָג, און קיינער באַמערקט נישט, אַז פאַר אים שאָקלען זיך היינט די אַלע רושטאָוואַניעס, אויף וועלכע ער קריכט, די גאַנצע גאַס שאָקלט זיך פאַר אים, די גאַנצע שטאָט... און גוט וואָלט אים געווען, ווען ער וואָלט זיך פאַר עמעצן אויסרעדן, דערציילן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט...

נאָר אַזאַ איינעם, פאַר וועמען צו רעדן, האָט ער נישט...

אפשר פאַר חיים גאָלדנבערג? ניין! יענער וועט עס באַלד אויס־פּלאַפּלען פאַר אַלע...

און דאָס טאָר נישט געשען. קיינער טאָר נישט וויסן. וואָס די פאַבריקע נאַכט איז פאַרגעקומען... קיינער נישט...

אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז זינט די וועלט שטייט, האָט נאָך אַזוינס נישט פּאַסירט. אין ביכער האָט ער יאָ געלייענט אַזעלכע געשיכטעס, נאָר די שרייבערס טראַכטן אויס נאָך גרעסע־רע פאַנטאַזיעס, און מען טאָר זיי נישט גלייבן...

די נאַכט...

ווי אַ רויטער פלאַם האָט זי פאַר אים געשוועבט אַצינד, און ער האָט געדאַנקט גאָט, ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַפרייט פון זיין אַרבעט. ער איז אַוועק אין שטאָט־גאָרטן, ס'איז געווען מיטאָג־צייט, אויף די זייטיקע אַלעען פון גאָרטן איז קיינער נישט געווען...

וואָס ווייטער, וואָס ווייטער פון מענטשן, נישט זען, נישט הערן קיינעם, קיינעם...

נאָר מיט זיך אַליין רעדן, באַטראַכטן און באַראַטן זיך.

שטיל אין גאָרטן, אַ מענטש טיילט זיך אָפּ פון אַלע און מיט דעם אָפּזונדערן אַליין, ווערט ער שוין אַנדערש. פריער איז ער גע־ווען, ווי אַ שרייפעלע אין אַ גרויסער מאַשין. אַצינד איז ער איבער דער מאַשין, איבער דעם גאַנצן טומל...

אָט נעמט ער זיין צערודערטקייט און קנוילט עס צונויף, צעטרעט עס.

זעליק האָט שוין געהאַט אַזאַ נאַטור, אַז בשעת ער איז שטאַרק צעטומלט געווען, האָט ער זיך געקענט סוף־כל־סוף נעמען אין די הענט און באַזיגן אַלע ספקות און אַלע שוואַכקייטן.

אָבער אַזוי הערשן איבער זיך האָט ער נאָר געקענט אין

דער שטילקייט, קיין איין פנים זאָל אויף אים נישט קוקן, קיין פרעמד קול זאָל נישט פאַרהילכן זיין אייגענעם געדאַנק.

וואָס איז געשען, זעליק? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט... וואָס איז געווען?

און ער האָט אַצינד נאָכאַמאָל איבערגעלעבט די נאַכט אין די געדאַנקען זיינע:

ער איז נעכטן געקומען אַהיים צו פאַמפּיאַנסקין, ווי אַלעמאָל אַ ביסל פאַרמאַטערט און אַ ביסל אומצופרידן, וואָס ער דאַרף זיך דאָ פרייוויליק פאַרשליסן אויף אַ גאַנצן אָוונט. די באַלעבאָסטע זיי־נע איז אין שטוב נישט געווען. דאָס עסן איז צוגעגרייט און די דינסט דערלאַנגט טיי. שפּעטער פרעגט זי אים, צי ער, זעליק, בלייבט אינדערהיים, ווייל זי וויל אַ ביסל אַרויסגיין צו די חברטעס...

— גוט, איך בלייב דאָ, איר קענט גיין שפּאַצירן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען. נאָר עפּעס האָט אים געפעלט, ער האָט זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך, צו יעדן טריט אויף די טרעפּ, טאָמער קומט זי שוין, די באַלעבאָסטע.

ער האָט עטלעכע מאָל אַוועקגעלייגט דאָס בוך און איז צו־געגאַנגען צום פענסטער, די נאַכט, די אַלטע נאַכט, איז געלעגן אויף די שוואַרצע דעכער און אין אַלע שוואַרצע סעדער...

ער האָט האָט געפּרוווט עפּעס שרייבן, פונקט, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן אַ שטיק נאַכט און געוואָלט ווייזן מיט דעם קונצן, אין ריימען דאָס איינפלעכטן, אין קלאַנגען איינשמידן. וואָס איז פאַר אים דער טאָג? וואַפנע, ציגל, שטיינער, חשבונות... אָבער די נאַכט, ווי אַ גרויסער ספר עפנט זי זיך פאַר אים און ער לייענט פון ספר, און די נאַכט אַליין וויל עפּעס באַ אים אַרויסבאַקומען, ווי גנבים קוקן די שטערן, פינטלען אים אַריין אין דער נשמה און זוכן דעם יונג־בחורישן סוד... עך, דו זעליקל! דו שפּרייזט אַרום פון טיש צום פענסטער, פון פענסטער צום טיש, דו ביסט מאָדנע אומ־

רויק, האָרכסט פאַרדעכטיק אויס די טריט פון די טרעפ; נאָר דאָס שפּרייזן אַלץ פרעמדע שכנים, דו וואַרטסט אָבער אויף דיין באַלעבאָסטע, האָסט ליב בשעת זי פלאַפּלט צו דיר, האָסט ליב צו קוקן אויף איר, בשעת אין איר בלויע זייַנען נישט אַלע קנעפּלעך צוגעשפּיליעט, זי אָטעמט אַזוי יונג... יאָ, יאָ, דאָס ווייבל פון באַלעבאָס!

וואָס האָט זי דיר אַנומלט אַרויפגעלייגט צוויי פינגער אויף דיין האַנט?

וואָס רעדט זי שטענדיק, אַז דו ביסט אַ מאָדנער יונגערמאַן?

פּלוצלינג דוכט זיך אים, זעליקן, אַז ער זעט זי, ער זעט אַ לאַכעדיק פרויען-געשטאַלט. פון דער נאַכט קוקט זי אויף אים, אָט ווערט זי ערנסט און נעמט שווער אָטעמען. די קליידער פאַלן אַראָפּ פון איר...

ער טרייבט פון זיך די געדאַנקען, ער גייט ווידער אַוועק פון פענסטער, ער גייט צום בוך, נאָר די בלעטער מיט די באַשרייבעכצן זייַנען פּלוצלינג אַזוי טויט געוואָרן, די פינגער רירן זיך נישט צו צו זיי.

פון ווייטן צערוישן זיך די ביימער, לייכט שאָרכען זיי, און אַ זיפץ זייַנער מישט זיך צונויף מיט דעם בלעטער-רויש.

אין אַ מאָדנער אומצופרידנהייט פאַלט ער אַריין, ער איז דאָך שטענדיק רויק, בעת ער איז בײַ זיך אַליין, עס פאַרדריסט אים אויף זיך. אפשר קומט עס פון מידקייט? אַ גאַנצע טאָג שווער געהאָרעוועט און אַצינד פייניקן אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע געדאַנקען זיין מידן קאָפּ...

שפּרייזט ער אַרום אין די עטלעכע חדרים, ער עפנט די טיר פון „זייער" שלאָפצימער. אין אַ שיין וויגעלע, וואָס איז מיט ווייסע קרויזן באַפּוצט, שלאָפט זייער „יאַטל", ווי אַ יונג פּרינצל.

צווי בעטן שטייען הארט איינס לעבן דעם צווייטן. איינס איז צו־געמאכט און צוגעדעקט, דאָס צווייטע איז אָפן. גרייט פאַר איר, פאַר דער באַלעבאָסטע זיינער. אויף די שפּיץ פינגער שפּרייזט ער אין שלאָפצימער אַרום, ער גייט צו צו איר געלעגער און רירט אָן איר קישן, איר ליילעך...

און באַלד פאַרשעמט ער זיך פאַר זיך אַליין... וואָס טוט ער דאָ? וואָס איז מיט אים?

און דאָך ווילט זיך אים נישט אַרויסגיין פון שלאָף־צימער, ער קוקט און באַטראַכט דאָ יעדע קלייניקייט. אַ מאָדנע קנאה וועקט זיך אויף צום „אַלטן". אַ קנאה און אַ שנאה...

דוכט אים זיך אַ רגע אויס, אַז עמעצער שפּרייזט אונטער אים, און ווי אַ גנב כאַפּט ער זיך אַרויס פונדאַנען. ער האָט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט עפּעס געגנבעט.

דערנאָך שטייט ער ווידער באַם פענסטער. אין איינעם פון די נאָענטע גערטנער האָט ווער אַ לאַך געטון, און ער האָט ווידער צו טראַכטן:

— צו וואָס גייען באַנאַכט מענטשן אין טיפן גאָרטן? וואָס שושקען זיי זיך דאָרטן? און די נאַכט, וואָס איז שטענדיק פאַר אים געווען, ווי אַ טעמפּל צום דאַוונען, האָט גענומען באַ אים באַקומען אַ נייעם רייץ, אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרעטערישער רייץ... ער האָט אַלץ מער געוואָלט אַריינקוקן אין אירע שאָטנס, געוואָלט כאַפּן אַ שאָרך, אַ וואָרט, פון וועלכן ער וואָלט געקענט דערגיין אַ מאָדנעם אמת.

און די באַלעבאָסטע זיינע איז אַלץ נישטאָ. די דינסט איז אויך אוועק. ער איז אַ שומר פון פּומפּיאַנסקיס הויז. עס קרענקט אים אַ ביסל זיין לאַגע. טיף אין האַרץ האָט ער געהאַט זיין שטאָלץ, און יעדן טאָג ווערט דער שטאָלץ דורך דעם שיקזאַל באַליידיקט ..

אָט אַזוי כסדר, מינוט נאָך מינוט האָט ער אויפגעבלעטערט

די פאַבריקע נאַכט, זיצנדיק אַצײַנד אײנער אַלײן אין גאָרטן.

ער דערמאָנט די מינוט, בשעת ער איז געגאַנגען שלאָפן.

אַ ציכטיק ווייס געלעגער האָט זי צוגעגרייט פאַר אים, ער ווייסט, ער איז זיכער, אַז די באַלעבאָסטע האָט עס אַנגעזאָגט דער דינסט זי זאָל אים גוט אויסבעטן, און פאַרן שלאָף טראַכט ער וועגן דער פון איר.

נאָר די מידקייט נעמט אירס, די אויגן קלעבן זיך צו און דער צוואַנציק־יעריקער בחור שלאָפט איין, ווי אַ העלד... אפשר חלומט זיך אים דער טאָג מיט די הייזער, וואָס פּומפּיאַנסקי, דער פּאָדריאַטשיק, בויט? אפשר חלומט זיך אים, אַז ער האָט דערהאַלטן פון רעדאַקציע אַ בריוול און דאָס פרייט אים אַזוי שטאַרק... אפשר איז אין חלום זײַן טאַטע רייך געוואָרן און אין שטוב בא זיי איז שוין נישטאָ קיין דלות — דער דלות, וואָס מאַכט זעליקן אַזוי שווער דאָס לעבן, ווי אַ קייט וויקלט עס אים איין די הענט, די פיס זיינע און די נשמה...

ווער ווייסט, וואָס עס האָט זיך געחלומט דאַמאָלס? נאָר באַשטימט נישט דאָס, וואָס יענע נאַכט איז פאָרגעקומען...

אינמיטן שלאָף האָט ער דערפילט, אַז עס פעלט אים לופט, ער ווערגט זיך, ער וואַרפט זיך אויפן אָרט, ער וועקט זיך אויף און שטרעקט אויס די הענט... עמעץ איז דאָ לעבן אים, אַ קאָפּ האָר פאַרדעקט אים זיין פּנים...

— ווער איז...

— שטילער, דאָס בין איך...

און ער דערקענט איר שטימע, זיין באַלעבאָסטע...

— וואָס טוט איר דאָ? וואָס איז געשען?

— שטילער נאַרעלע, ששש... מיר איז אומעטיק אַליין, בין איך געקומען צו דיר...

— האַ...

פינסטער אין צימער, קיין איין ליכטיק פינטל, אזוי געהיים האָט אָפּגעקלונגען איר „ששא!”. וואָס וויל זי? ווי קומט זי דאָ? איינס האָט זעליק באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען באַדאַרף מער נישט פרעגן, צוליב וואָס זי איז צוגעקומען צו זיין געלעגער.

שווייגן, שווייגן... אַ שרעק און אַ נייגעריקייט איז אים באַפאַלן, איר ווייס געלעגער האָט גענומען שוועבן, און אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז איצט נישט אויף זיין סטראַטענער קאַנאַפּע, נאָר דאָרטן באַ איר אין שלאָפצימער.

פינסטער. אַ רגע שווייגן זיי ביידע און אים ווילט זיך גוואַלטיק, ביז ווייטיק ווילט זיך אים, אַז דאָס שווייגן און די פינסטערניש זאָל נאָך אַזוי געדויערן.

— ביסט אין כעס, וואָס איך האָב דיך אויפגעוועקט?

— ניין, — שטאַמלט ער אַרויס, און געדוכט האָט זיך, אַז אין איר קול האָט ער געהערט אַ ציטער, אַ מורא...

— ניין, איך בין גאָר נישט אין כעס, — רעדט ער שוין ווייכער אַרויס, און אַליין איז ער פול מיט דער גרעסטער נייגעריקייט.

אַ נאַקעטע האַנט האָט זי אויף אים אַרויפגעלייגט. גערעדט, נישט גערעדט, נאָר געסודעט מיט אירע ליפּן און אים, זעליקן, גענומען קושן ווילד, האַסטיק... מיט מורא, מיט פייער און מיט אַ מאָדנער איבערגעגעבנקייט, פונקט ווי זי וואָלט אים וועלן אָנרעדן צו אַ גרויסער פאַרשווערונג...

זי האט זיך אַלץ נעענטער צוגערוקט צו ... די קאַנאַפּע, אויף וועלכער זעליק איז געשלאָפן, איז פּלוצלינג אַזוי גרויס געוואָרן און אַזוי לייכט, ווי אַ שיף אויפן ים, ווי אַ לופט-שיף איז עס ערגעץ אַוועקגעשוואומען... זיינע אָרעמס האָבן זיך אַ ריר געטון, זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן ווילד און ווילדער...

זי האָט איצט געשוויגן, נאָר זעליקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט אים אַריינגעשישקעט אין אויער אַ סוד... אַ ווילדן, אַ

[illegible] דער געדאַנק זײַנער האָט אויפֿגעהערט צו אַרבעטן. די מאַכט האָט אים איבערגענומען זײַן יונג בלוט...

ער איז באַזיגט געוואָרן...

אין צימער איז פֿינסטער געווען, נאָר אַ ביסל העלקייט פֿון דער נאַכט האָט אַרײַנגעלויכטן, און זעליק האָט מיט אַ מאָדנער אומבאַוווּסטקייט געקוקט אויף אידעס פּנים...

אירע אויגן האָבן צופֿרידן געשטראַלט, זי האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר זינדיק געשמייכלט.

זײַן מידע האַנט איז געלעגן אויף איר... אַ געפֿיל האָט ער געהאַט, ווי אַ כּישוף־מאַכערן האָט אים פֿאַרפֿירט ערגעץ אויף אַ הויכן פֿעלז, און איצט רוען זיי ביידע אָפּ, זי מאַכט אַביסעלע חוזק פֿון אים, גוטמוטיק און מיט טרײַהייט לאַכט זי אים אויס.

די ערשטע האָט זי גענומען רעדן...

ער האָט געהערט מאָדנע ווערטער, אַ יונגע פֿרוי האָט זיך פֿאַר אים מתוודה געווען:

— איך האָב אים נישט ליב, דעם באַלעבאָס דײַנעם, מיט זײַן רונד בײַכל, ער איז מיר פֿרעמד, ווי אַלע פֿרעמדע מענטשן...

— שטענדיק שלאָפֿט ער און כראַפּעט אין שלאָף, אַז מיר ווילט זיך אין מיטן דער נאַכט פֿון פֿענסטער שפּרינגען...

מיט דעם אַלטן דרך־ארץ, וואָס ער האָט געהאַט צו איר, מיט דער פֿרעמדשאַפֿט צו אַ פֿרעמדן מענטש...

ער האָט דאָך גענומען זי גלעטן, קושן...

ער איז געווען אין גאַנצן צעטרייסלט פֿון דעם, וואָס איז זוי אומגעריכטערהייט געשען, ער איז באַזיגט, געשמידט. דער געדאַנק האָט נישט געאַרבעט. פֿון געדאַנק ביזן לעצטן טראָפּן בלוט איז ער דורכגעברענט געוואָרן, ער האָט דאָך דערפֿילט אַן אומבאַקאַנט דערלייכטערונג, די גרעסטע נײַגעריקייט, וואָס ער האָט

געפילט ביז היינט אין לעבן, דאָס גרעסטע רעטעניש האָט זיך אַנטפּלעקט...

און זי שטראָפט אים גאָר:

— פאַרוואָס האָסטו זיך די גאַנצע צייט אַזוי געשעמט פאַר מיר, איך קוק שוין לאַנג אויף דיר, ביזט אַ שיינער, זעליק!...

— און די יונגלעך אויף דער גאַס רופן מיך „באָטשאַן", — האָט זיך זעליק ווי אַ קינד באַקלאָגט.

— זיי פאַרשטיין זיך נישט, אַ פרוי פאַרשטייט זיך בעסער, האָסט אַזעלכע טיפע אויגן און אין די אויגן אַ פייערל.

זיי האָבן גענומען פלאַפּלען פון זייטיקס, ווי זיי וואָלטן מיט אַ כיתון זיך וועלן אָפּנאַרן און פאַרגעסן עפּעס...

ביז...

פון דריטן צימער האָט דאָס קינד גענומען רופן:

— מאַמע:

און זעליק איז געבליבן אַליין, שלאָפן האָט ער נישט גע-קענט. ער האָט מיטאַמאָל עפּעס מורא באַקומען פאַרן טאָג, וואָס האָט שוין אַריינגעקוקט אין פענסטער און דאָך האָט אים געפרייט דאָס, וואָס איז געשען. עס איז קוים ליכטיק געוואָרן און ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ.

אַרויס אויף דער גאַס און איז אַוועק צו דער זייט, וואָס פירט צום פעלד. עטלעכע אַלטע מענטשן האָבן פאַרקערט דעם בריק. העכער האָבן געקרייט, פון ווייטן האָט געפייפט אַ לאָקאָמאָ-טיוו. ער איז געקומען צום פעלד, אויף די זאַנגען זיינען טראָפּנס טוי געהאָנגען.

האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און גענומען רעדן צום פעלד, צו דער ווייטקייט, צו די הימלען:

— באַנאַכט איז זי געקומען, איך האָב זי נישט גערופן, איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, וואָס זי וויל פון מיר...

באַלד האָט ער גענומען לאַכן פון זיך, וואָס ער רעדט צו זיך אַליין. ער האָט זיך פאַרטראַכט:

עפּעס האָט געמונטערט און עפּעס האָט געשראָקן, ערגעץ האָט ער אַמאָל געלייענט עטלעכע געדאַנקען, ווי דער שקר בעט זיך בײַ אַ יונגער נשמה:

— וועסט שלום מאַכן מיט מיר, וועט דיר זיין גוט, אויב נישט וועסטו ליידן אַ גאַנץ לעבן...

ער, זעליק, איז דאָך איצט אין אַזאַ לאַגע...

שלום מאַכן מיטן שקר מוז ער, אָדער מאָרגן אָנשרייבן צו פּומפּיאַנסקין, אַז ער קען שוין מער בײַ אים נישט זיין און אַנטלויפן פון שקר.

אָבער אויפן פעלד איז געלעגן אַזוי פיל זון, דער טאָג האָט אַלע גליקן צוגעזאָגט און זעליק האָט אַ טרייסל געטון מיט די אַקסלען:

אומבאַוווּסטערהייט האָט ער זיך דאָס מאָל אויסגעלאַכט פון אַלע ספקות...

שפּעטער איז די דאַזיקע רויִקייט אַוועק.

צו פרישטיק איז ער שוין נישט געגאַנגען, און אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין. איין געפיל האָט באַזיגט דאָס צווייטע, און איצט, זיצנדיק אין גאָרטן, האָט ער די גאַנצע נאַכט דורכגעטראַכט און איז ווידער נישט געקוקען צו קיין באַשלוס. איינס האָט ער באַשלאָסן, אַז היינט וועט ער שוין גיין שלאָפן צו דער מאַמען און מיט דעם געדאַנק איז ער אַוועק צו דער אַרבעט..

צוריקקומענדיק צום אָרט, וווּ מען האָט געבויט דאָס נייע הויז, האָט ער זי דערזען. זי איז דאָ זעלטן ווען געקומען, די פרוי פּומפּיאַנסקי, און איצט...

זי האָט געבראַכט אַ בריוו, פון באַלעבאָס איז אָנגעקומען אַ

ידיעה, אַז אין דריי טעג אַרום קומט ער שוין צו פאָרן, דערווייל גיט ער עטלעכע פאַראָרדנונגען, און ווי זי האָט געענדיקט רעדן וועגן בריוו, ווענדט זי זיך צו זעליקן און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין:

— וועסט היינט קומען שלאָפן, יאָ...

— ניין, — האָט זעליק, ווי נישט ווילנדיק אַרויסגערעדט.

זי האָט פון זיין פעסטן „ניין" זיך גאַנץ ווייניק געמאַכט. האָט אַ שמייכל געטון און גענומען רעדן:

— פאַרוואָס ווילסטו נישט קומען? יונגל! דו מיינסט טאַקע, אַז דו וועסט מיט דיין פרומקייט אין גן-עדן אַריין...

— איך קען נישט זאָגן קיין ליגנט, — האָט זיך זעליק געבעטן און אין דער זעלבער צייט האָט ער געפילט, אַז ער וועט פאָלגן אַלץ, וואָס דער „שקר" וועט אים הייסן.

— מען מוז זאָגן ליגנט אויך, — האָט זי גערעדט און זיך גע-חנדלט פאַר אים, ווי אַן אומשולדיק מיידל.

די אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט טראָגעס, מיט ציגל, מיט ברעטער, זיי האָבן געשטערט דעם פּאָרל צו זיין אַליין און זעליק איז צופרידן געווען, וואָס זי איז שוין אַוועקגעגאַנגען. עס איז געוואָרן באַכט און ער איז ווידער אַהיימגעגאַנגען.

— דו מוזט קומען יעדן אָוונט, ביז ער וועט קומען פון ווילנע, אַז דו וועסט אַזוי אַנטלויפן, וועט דאָס זיין פאַרדעכטיק.

זי האָט אים געלערנט, ווי צו גנבענען, און ער האָט זיך גע-לאָזט לערנען, און דער עיקר, עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי ווערט אים אַ פריינט. זי האָט גענומען זאָרגן וועגן אים. אים געגלעט, ווי אַ יונגן ברודער.

און פאַר אַ ביסל פריינטשאַפט איז זעליק אַלץ גרייט געווען אַוועקצוגעבן...

— קיינער פון אונדזערע טאָר נישט וויסן, דו טאָרסט אַ וואָרט פאַר קיינעם נישט רעדן.

— איך ווייס...

— ניין, — איז זי צו אים צוגעשטאַנען. — בחורים האָבן זיך ליב צו באַרימען, און אויב עמעץ וועט זיך דערוויסן, זיינען מיר ביידע פאַרפאַלן.

ער האָט געשוויגן און פאַר זיך אַליין מורא געהאַט צו טראַכטן צו פיל וועגן זייערע נעכט, טאָמער וועט ער מיט זיין טראַכטן זיך אַרויסגעבן.

זיין לעבן איז פולער געוואָרן און קערנדיקער, אין דער זעלבער צייט האָט ער נייע אומרויִקייטן דערקענט.

דער באַלעבאָס זיינער איז אינגיכן געקומען צו פאָרן. זעליק האָט אים, ווי ווייט ער האָט געקענט, אויסגעמיטן, נאָר דערזען האָט ער, אַז דאָס איז גאָרנישט שרעקלעך: פּומפּיאַנסקי שמייכלט צו אַלע, פּומפּיאַנסקי איז זייער צופרידן פון זיין לעבן און צו זעליקן האָט ער דעם גרעסטן פאַרטרויען.

„איך האָב שלום געמאַכט מיטן שקר", האָט זעליק באַ זיך געטראַכט, נאָר בעת ער האָט זיך דערוווּסט, אַז פּומפּיאַנסקי באַדאַרף אינגיכן ווידער אַוועקפאָרן, האָט ער אויפגעציטערט און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך שוין דעם טאָג נישט געקענט דערוואַרטן.

ער האָט אויפגעהערט אויף אַ צייט צו לייענען און צו שרייבן. זיינע שטיקלעך פאַרשריבן פּאַפּיר האָבן זיך געוואַלגערט אין די קעשענעס מיט אַלע חשבונות און זיינען צעריבן געוואָרן.

ער... ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך און דערצו פלעגט ער אַלץ אַליין אין זיך איבערלעבן, נישט געהאַט פאַר וועמען אַ וואָרט צו פאַרטרויען.

איינמאָל איז ער שיער נישט מיאוס אַריינגעפאַלן:

שפּאַצירנדיק מיט חיים גאָלדנבערג, האָט זיך באַ אים אַרויס־

געריסן:

— דו ווייסט, מיין אַלטער פּאָרט אינגיכן ווידער אַוועק!

— איז וואָס? — האָט גאָלדנבערג איבערגעפּרעגט...

— גאָרנישט... — האָט זעליק גענומען שטאַמלען.

גאָלדנבערג, אַן אויסגעפּרוווטער יאַט, ער האָט עפּעס געגו־
מען פאַרשטיין...

— איז וואָס? הא, איך פאַרשטיי, דו שלאָפסט דאָרט. און
ער האָט גענומען וואַרפן מיט צווייד־יטיקע ווערטלעך...

— וואָס פּאַלט דיר איין? הער אויף, דו באַליידיקסט אַן
אָרנטלעכע פרוי ..

— זעליק! צווישן חברים זיינען נישטאָ קיין סודות, זיי זיך
מודה...

זעליק האָט זיך קוים פון אים אַרויסגעדרייט, נאָר פון דאַ־
מאָלס אָן האָט חיים אויף אים געקוקט מיט פאָרשנדע בליקן.

פּומפּיאַנסקי איז דערווייל נאָך נישט אַוועקגעפאָרן, און זעליק
פלעגט פון צייט צו צייט קומען צום באַלעבאָס אין שטוב, האָט זיך
איינגעקוקט צו זייער לעבן.

אַלץ אַזוי ווי געווען, און אַז זיי בלייבן אַליין, רוקט זי זיך
צו נענטער צו זעליקן...

אַ קוש, אַ גלעט און אַ פראַגע:

— דו ווייסט נישט, ווען ער פאָרט שוין אַוועק, מען קען
פון אים נישט פּטור ווערן...

זעליקן האָט עס געפרייט, וואָס אידאַ מיט אים האָבן איין
געדאַנק, איין פאַרשווערונג. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער
איז שוין מער נישט אַליין.

און ער האָט מיט אַלע אויגן אַריינגעקוקט אין „אַלטנס"

עסקים, אין זיינע בריף און חשבנות... טאַקע, ווען וועט ע[illegible]ן אויפקאָרן. יענער האָט אַלץ אָפּגעלייגט.

צו זעליקן האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן:

— איך פאָר די טעג אַוועק, זאָלסט געדענקען, אַז איך לאָז איבער אַלץ אויף דיר, דו בלייבסט דאָ מיין רעכטע האַנט.

— עסן זאָלסטו בײַ מיר, נישטאָ קיין צייט צו לויפן אין דיין היים, דאָרט אויף די באָיאַרעס...

— שלאָפן זאָלסטו בײַ מיר, מיין ווייב וועט שוין אַכטונג געבן, אַז דיר זאָל קיין זאַך נישט פעלן...

פון דער לעצטער פראַזע האָט זעליק אַ סך מאָל געשמייכלט.

VII.

## שקר...

פון צייט צו צייט פלעגט זיך בא זעליקן אויפכאַפּן א כעס קעגן זיך אַליין, עס זיינען געווען בא אים רגעס, בשעת ער האָט קלאָר און דייטלעך געפילט, אַז ער טוט עפּעס מיאוסע זאַכן.

און נישט איינמאָל האָט ער דאָס אויסגערעדט פאַר אידאַן, פאַר דער באַלעבאָסטע זיינער, יענע פלעגט לאַכן פון אים און ווי־שטענדיק אים אָנרופן „שניעק".

— יאַלדעלע! דו מיינסט טאַקע, אז דאָס לעבן איז א ווייבע־רישע שול, וווּ ייִדענעס בעטן מחילה פאַר זייערע זינד, און פּלוצ־לינג פלעגט זי ווערן בייז אויף אים און נעמען רעדן גאָר אַנדע־רע רייד:

— ציי זיך געזונטערהייט, אויב דו האָסט נאָך פּרעטענציעס, איך שטעל אַלץ אין קאָן, דו ווייסט וואָס מיט מיר וועט זיין, ווען ער וועט זיך דערוויסן?

ער האָט דערזען דעם שקר אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, און דער שקר האָט פּרעטענציעס צו אים...

זעליק האָט געליטן, געוואָלט אַנטלויפן, און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי לייכט פאַר אים. דאָס שלאַנ־קע יונגע ווייבל האָט אויפגעוועקט אין אים אַ ניי לעבן, זי האָט

כּסדר געריצט, כּסדר פֿאַרוואָרפֿן אירע נעצן, אַפֿילו מיט איר כּעס פֿלעגט זי רייצן.

זעליק האָט פּלוצלינג דערפֿילט, אַז דאָס לעבן וועט אים ליידיק ווערן אָן איר. ער און זי... זייער סוד, זייער געמיינזאַמע גנבה האָט אים רייכער געמאַכט...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּלאָנטער בײַ אים אין דער נשמה.

געווען זײַנען מאָמענטן פֿון פֿאָלקאָמער פֿאַרגעסונג און איבערגעבונג און מאָמענטן פֿון אויפֿרעגונג און עקל...

צו אַלערליי ליגנט האָט זי אים צוגערעדט, צו קאָמיש־טראַגישע ליגנט, און ער האָט עס געמוזט אַריבערטראָגן...

איינמאָל אינמיטן נאַכט האָט די דינסט דערהערט אַ שאָרך, אָדער אַ וואָרט, וואָס איז געגאַנגען פֿון עס־צימער, וווּ זעליק איז געשלאָפֿן:

— ווער איז דאָרט? — האָט זי אַ געשריי געטון.

זעליק האָט זיך באַלד פֿאַרלוירן, נאָר זי, דאָס ווײַבל, האָט זיך גלײַך געפֿונען, זי איז אַרײַנגעלאָפֿן אין צווייטן צימער און אַרויסגעשריגן צו דער דינסט:

— גיי אַרײַן צו זעליקן. ער איז קראַנק, ער קרעכצט אַ גאַנצע נאַכט. זי האָט גלײַך אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך אַ קליידל און ווידער אַרײַן צו זעליקן אין צימער.

— קרעכץ! מאַך זיך קראַנק! — האָט זי געמורמלט צו זעליקן, און צו דער דינסט האָט זי אויסגערופֿן, יענע זאָל גיכער מאַכן טיי און זעליקן צוגרייטן אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ.

איז ער אַזוי געלעגן מיט אַ קאָמפּרעס אויפֿן קאָפּ. פֿרוי פּומפּיאַנסקי איז געזעסן לעבן אים און יעדע רגע אים געהייסן קרעכצן. זעליק האָט געפֿאָלגט. מען האָט געמוזט דעם מאַסקאַראַד דורכפֿירן

צוליב דער דינסט... די ערשטע שעה איז דאָס זעליקן געפעלן געוואָרן.

אָט ווי מען נאַרט אָפּ!... עפּעס אַ מאָדנע שפּיל דאָס לעבן...

דער לאָמפּ האָט געברענט און אַרום, אונטער די פענסטער, האָט די גאַנצע וועלט געשוויגן, און זיי שפּילן דאָ אַ קאָמעדיע פאַר אַ דינסט־מיידל, וועלכע וואָלט געקענט אויספּלאַפּלען זייער סוד.

פאַרגעשטעלט האָט זיך דאַמאָלס זעליקן, ווי גוט עס וואָלט אים זיין אין אַ שווערע שעה, בעת ער וואָלט אויף אַן אמת קראַנק געוואָרן און אַזאַ יונג ווייבל, ווי די אידאַ, זיצט לעבן אים און זאָרגט פאַר אים.

שפּעטער, ווען עס איז אים געוואָרן „בעסער", איז די דינסט אַוועק שלאָפן... אידאַ אויך...

נאָר אין אַ פערטל שעה אַרום איז זי ווידער געקומען, האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אַוועקגעזעצט לעבן „קראַנקן".

ער האָט נאָך געטראָגן דעם קאָמפּרעס אויפן קאָפּ — ביז אינדערפרי באַדאַרף ער זיין אַזוי איינגעוויקלט, אידאַ הייסט און ער פאָלגט.

נאָר בעת זי קוקט אים אָן, האַלט זי נישט אויס און נעמט לאַכן.

— ווי אַ טערק זעסטו אויס ..

זי לאַכט אין זיך, איינגעהאַלטן, עס געפעלט איר דער פּלאַן מיטן קאָמפּרעס, זי איז צופרידן, וואָס איר איינפאַל האָט זיך איינ־געגעבן.

— ווען דו זאָלסט זען, ווי דו זעסט אויס..

און עס געדויערט נישט לאַנג, זי דערלאַנגט אים אַ שפּיגל און לאַכט, ווי אַ גנב.

ער קוקט זיך אָן און לאַכט אויך: „טאַקע ווי אַ טערק". ער לאַכט, און בלויז אין איין ווינקעלע פון די ליפּן לייגט זיך באַ

אים אַ קלײנע גרימאַסע פון אומצופרידנהײט און ביטערקײט.

זי איז שוין אָבער מיד פון דעם אַלעמען, און זי פילט, אַז זעליק איז מיט עפּעס נישט צופרידן...

גײט זי אַװעק שלאָפן.

ער איז שוין אָבער נישט געשלאָפן. ער זיך אַלײן האָט אין דער נשמה נישט געקענט אַרײנקוקן און זײן שותּפטע, די באַלע-באָסטע זײנע, האָט אים צום ערשטן מאָל אַזוי פאַלש און קלײן אויסגעזען...

נאָר דאָך...

באַלד אינדערפרי צו דער טײ איז זי אַרויסגעקומען אַזוי רויִק, אַזוי פריש אויסגעשלאָפן, געװען איז דאַמאָלס אַ זוניקער פרימאָרגן, אין צימער איז ליכטיק געװען, און זעליק האָט אַ טראַכט געגעבן:

— װען עס װאָלט נישט געװען קײן פּאַמפּיאַנסקי אויף דער װעלט, װען זי, אידאַ, װאָלט געװען נאָר זײנע, דאַמאָלס איז דאָך גוט צו לעבן אויף דער ערד.

די דינסט איז אַרײנגעקומען, אין איר אָנװעזנהײט האָט זיך די באַלעבאָסטע אָנגערופן צו זעליקן:

— װעסט אפשר נישט גײן הײנט צו דער ארבעט, נאָך אַזא נאַכט, אפשר רופן אַ דאָקטאָר? זעליק!

— נײן, איך פיל זיך שוין בעסער, — ער האָט שוין אַלײן געזאָגט רויִק ליגנט, און אַלץ איז אים דאָ פרײלעך און ליב גע-װאָרן.

אויבן די זון לײכט אַזוי העל אויף די זינדיקע — מעג מען זינדיקן.

זי איז אַנטקעגן אים געזעסן, אָנגעגאָסן אים טײ, געקוקט אין די אויגן אַרײַן און שטענדיק װידערהאָלט אײנע און די זעלבע פראַזע:

— זיי נאָר אַ מענטש, זעליק! וועט אַלץ גוט זיין...

„זיי נאָר אַ מענטש!" האָט בײַ איר געהייסן, אַז זעליק זאָל נישט צופיל פילאָזאָפירן, צי מעג מען, צי מען טאָר נישט גאַרן, און זעליק זאָל זיין פריילעך.

די זון איז ווי מיט אַ באַזונדערן מיין אַלץ מער אַריין אין צימער, באַלויכטן יעדעס ווינקעלע און מער פאַר אַלץ אידאַס פּנים. זי איז געווען שיין אין יענעם פרימאָרגן, און זעליק האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן. באַם אַוועקגיין איז ער צוגעלאָפן צו איר און גענומען קושן ווילד, יונג און האַסטיק...

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב, אָט אַזוי איז גוט

ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט און אין קאָפּ בײַ אים איז געווען אַ מאָדנער פּלאָנטער.

קליינע ווערמלעך — ספקות האָבן פון דער טיפעניש אין האַרץ געוואָלט זיך אויפהייבן העכער, נאָר דער ליכטיקער טאָג האָט זיי נישט געלאָזט...

גערעכט, נישט גערעכט! אַ וועלט מיט מענטשן טראַכט נישט, און זאָל זעליק אויך נישט טראַכטן...

נאָר זעליק טראַכט, ער האָט שטענדיק דיספּוטן מיט זיך אַליין.

דאָס מיאוסע וועט קיינמאָל נישט ווערן שיין.

אָט שוועבט אַרויס פאַר די אויגן זיינע דער רונדער פּומפּיאַנסקי און שמייכלט צו אים:

— ביסט אַ טרייער מענטש, ביסט איבערגעגעבן ס'געשעפט...

און ער לאַכט אַזוי גוטמוטיק. דאָס בייכל טרייסל זיך בײַ אים, בעת ער לאַכט, זעליק קוקט אים אין די געדאַנקען זיינע:

— צי דען ווייסט איר פון איר גאָרנישט, באַלעבאָס?

—„אָט אַזוי איז גוט", קלינגט אים באַלד אין די אויערן אידאַס „קול".

ער קריכט שפּעטער אויף די רושטאָוואַניעס, אַרבעט און פאַרשרייבט, און ווער עס גייט צו צו אים, פרעגט באַ אים:

— וואָס זענט איר אַזוי צעטומלט, זעליק:

— גאָרנישט, באַנאַכט האָט מיר ווי געטון דער קאָפּ, און ער נעמט לאַכן צו זיך אַליין...

און דאָ כאַפּט ער דעם געלן ייִד, וואָס ברענגט וואַפנע און ער נעמט שרייען אויף אים.

— שטיינער האָט איר געבראַכט, נישט קיין וואַפנע...

— וואָס רעדט איר, פאַניע קאַמענעצקי...

— שטיינער, אמתע שטיינער, און אין האַרץ טוט אים הנאה, וואָס דער ייִד האָט מורא פאַר אים און רופט אים „פאַניע".

אין דער אמתן אָבער ליגט אים דער ייִד מיט דער וואַפנע אין זינען נישט, ער וויל זיך גלאַט צעטומלען דעם קאָפּ, ער וויל פאַרטומלען אַנדערע.

דערנאָך טשעפּעט ער זיך צו אַ צווייטן, צו אַ דריטן... ביז ער באַגעגנט יוכוויצן.

— וואָס מאַכט איר, זעליק? פון רעדאַקציע פרעגט מען מיך אָן, פאַרוואָס דער בחור שיקט מער קיין לידער נישט.

האַ וואָס? רעדאַקציע, לידער, עפּעס אַזעלכע קליינינקע ענינימלעך זיינען דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין די לעצטע וואָכן — נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין גרעסער ווי זיינע לעצטע איבערלעבונגען.

נאָר יוכוויצן באַדאַרף מען ענטפערן, און ער ענטפערט:

— איך שרייב, איך אַרבעט, איך וועל זיי ווייזן מיטאַמאָל, וואָס איך קען.

— גוט, וואָס איר איילט זיך נישט דרוקן, דאָס איז אַ סימן, אַז איר גלייבט אין זיך. ער גייט אַוועק אַרבעטן און זעליק טראַכט, אַז ער האָט שוין אַזוי לאַנג קיין שורה נישט אָנגעשריבן...

נאָר דאָס איז אַ קלייניקייט...

אַז מען וויל, טראַכט ער, קען מען דאָך טאַקע נאַרן די גאַנ־צע וועלט, אַז מען וויל קען מען פאַר אַלע זיין דער פרומסטער און אָפּטון די זינדיקסטע זאַכן...

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר זינדיק, און ווען נישט די זון, דער ליכטיקער טאָג, וואָלט ער אַ סך געליטן.

שפּעטער האָט ער זיך אינגאַנצן באַרויקט, עס האָט זיך צו־גערוקט דער אָוונט, און באַלד וועט ער ווידער זיין דאָרטן, נאָר היינט וועט ער זאָגן אידאַן, אַז מען מוז זיין פאָרזיכטיקער מיט דער דינסט...

נישט יעדעס מאָל וועט זיך איינגעבן אַזאַ מאַסקאַראַד מיט דעם קאַלטן קאָמפּרעס אויף זיין געזונטן קאָפּ.

עס האָט אים אויך דאַמאָלס געקרענקט, וואָס ער האָט אויפ־געהערט צו שרייבן, דערמאַנט האָט זיך אים, ווי ער איז אַרומ־געלאָפן מיט זיין ערשט אָפּגעדרוקט ליד, ווי פריילעך, ווי אויפ־געמונטערט ער האָט זיך דאַמאָלס געפילט.

שפּרייזנדיק אין דעם דאָזיקן אָוונט אַהיים צו די פּומפּיאַנ־סקיס, האָט ער אומישנע פאַרלענגערט דעם וועג.

אים האָט זיך פאַרוואָלט טראַכטן:

די באַציִונגען זיינע צו אידאַ פּומפּיאַנסקי האָבן אים גע־בראַכט צום ערשטן און ערנסטן קאָנפליקט אין לעבן, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אים רייף געמאַכט, מענעריש, שטאָלצער...

ער האָט גענומען אַריינקוקן אין זיין „איך", גענומען זיך אַמפּערן מיט זיך אַליין, זיך געבן גערעכט און אַליין זיך באַשולדיקן, אַ גאַנצן נעריכטס־אַנשטאַלט האָט ער מיט זיך געטראָגן, און אין די פרייַ־שעהן האָט דאָס האַרץ און דער געדאַנק געאַרבעט... אָט וואַקסן פליגל אויף דער נשמה...

און אָט שמידט ער זיך אַליין אין קייטן.

מיט זיינע חברים האָט ער זיך נאָך אַלץ באַגעגנט, נאָר איין מאָל אויף אַלע מאָל האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז זיי שטייען נידעריקער פאַר אים, און דער עיקר: זיי לעבן, און לעבן נישט דורך, זיי ליידן נישט, זיי צאַפּלען נישט...

און ער, זעליק, געפינט נישט זיין גלייכן, צוזאַמען מיט זיין פאַרזיסטזיין, איינינעם מיט זיין קוק אויף יעדער זאַך, וואָס אַרום אים און אין אים טוט זיך, איז אויך זיין איינזאַמקייט געוואַקסן.

אינדערהיים איז ער אַ פרעמדער, קיינער פאַרשטייט אים נישט, נאָנט זיינען אים נאָר זייערע צרות.

פון די אַלע נייע איבערלעבענישן, פון קלערן און געראַנגל מיט זיך אַליין איז זיין פּנים געוואָרן ערנסטער, שאַרפער, אין די אויגן האָט זיך געלייגט אַן אומעטיקע פאַרטראַכטקייט... זיין בליק פלעגט אָפּשטעלן.

— אַן אינטערעסאַנט פּנים...

— אַ סימפּאַטישער בחור...

אַזעלכע פראַזן פלעגט ער גאַנץ אָפט הערן אַרום זיך, און דער „אינטערעסאַנטער בחור" איז זיך געגאַנגען זיין וועג און געאַרבעט.

— צוערשט אומדייטלעך, דערנאָך אַלץ דייטלעכער, ער האָט גענומען באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר: זי, די יונגע אידאַ, האָט אַן עלטערן מאַן... יענער שלאָפט און כראָפּעט, בשעת זי ברענט פון יוגנט און לעבן.

און ער, זעליק קאַמיענעצקי, דער זעליקל, וועמען אַלע אינ- דערהיים האָבן נישט ליב געהאַט, ער איז אויסגעוואַקסן און טראָגט זיין גאַנצע יוגנט אין האַרץ, זיין יונג פייער...

און אָט איז געקומען דאָס ווייבל און געוואָרפן אויף אים אַן אויג...

דאָס ווייבל!

צי האָט זי אים ליב? פאַרשטייט זי אים? זי האָט נאָך קיינ־מאָל נישט באמיט זיך אַרײַנצוקוקן טיפער אין זיין נשמה, זי אינ־טערעסירט נישט, וואָס ער לעבט דורך... פאַר איר איז גענוג, וואָס ער קומט שלאָפן צו זיין באַלעבאָסטע, פאַר איר איז אַלץ אין דעם, אַז זעליק זאָל נישט אויספּלאַפּלען זייער סוד, און אַלצדינג, וואָס ער טרוימט אַליין אויס און וואָס ער לייענט אין ביכער, אַלע זייַנע האָפנונגען אויף דער צוקונפט.

— דאָס גייט זי נישט אָן...

און ער, זעליק אַליין, האָט ער ליב אידאָן?

ניין און יאָ...

ער האָט זיך קיין רעכענונג נישט געקענט אָפּגעבן... אידאַ האָט אויפגעוועקט זיין קערפּער, האָט אים צערייצט אינגאַנצן. דעם גאַנצן טאָג טראַכט ער פון דער נאַכט, זאָל שוין קומען דער אָוונט און ער וועט זיך לאָזן ווידער גנבענען, און באַנאַכט זעט אויס דאָס גנבענען אַזוי שיין און עס איז אַזוי טייער יעדע רגע...

אָבער היינט אינמיטן נאַכט האָבן זיך אויף די אייזערנע שטיגן דערהערט שווערע טריט...

אידאַ איז אַנטלאָפן אין דריטן צימער.

— ער איז ... גקומען, — האָט זי איילנדיק אַרויסגע־רעדט:

זעליק האָט אַ טראַכט געטון:

— דער באַלעבאָס איז שוין דאָ.

דער באַלעבאָס, וואָס צאָלט אים פאַר זיין אַרבעט בײַ די מוי־ערן און דער באַלעבאָס פון זיין געליבטער.

ער האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק, פעסט שלאָפנדיק. דער באַלעבאָס איז דורכגעגאַנגען דאָס צימער, ווו זעליק איז געלעגן.

זיין שווער שפּרייזן, זיין קלאַפּן מיט די טריט, זיין דרייסט אָפּהוסטן, אַלץ האָט גערעדט און געשריגן:

— דער באַלעבאָס איז געקומען, דער באַלעבאָס איז גע־קומען...

פלוצלינג האָט זעליק דערפילט, אַז ער האָט אַ שנאה צו אים, אַ שנאה צום גוטמוטיקן רונדן פּומפּיאַנסקי, וועלכער איז צו אים אַזוי גוט און וועלכן ער, זעליק אַליין, האָט ביז איצט געשעצט און איבערגעגעבן געווען...

ער האָט זיך גענומען צוהערן:

אין דריטן צימער האָט זיך פּומפּיאַנסקי צעקושט מיט זיין ווייבל און גענומען דערציילן וועגן זיינע געשעפטן...

לאַנג האָט ער גערעדט, דערציילט און זיך באַרימט, אַז דער ווילנער פּאַדריאַד וועט אים געבן העכער ווי פופציק טויזנט רובל...

— דו הערסט, אידעטשקע! פופציק טויזנט רובל — און דערביי האָט זיך דערהערט אַ לייכטער פּאַטש איבער אַ נאַקעט לייב... דאָס האָט פּומפּיאַנסקי גוטמוטיק געפּאַטשט זיין ווייבל און יענע האָט עפּעס אָפּגעענטפערט און געלאַכט...

ער האָט גערעדט און זי האָט צוגעשטימט מיט גוטע ווערטער, צוגעשטימט און צוגעלאַכט...

זעליק האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער.

דאָס דריטע צימער האָט אים געפּייניקט, ווי אַ גיהנום.

אויסגעדוכט האָט זיך אים אין יענער נאַכט, אַז עמעצער האָט אים שרעקלעך פאַרראַטן, אויסגעלאַכט אים און צעטרעטן... ווי אַ קליין ווערעמל צעטרעטן.

ער האָט זיך ביז בלוט איינגעביסן די ליפּן, געקריצט מיט די ציין און געשאָלטן...

קוים זיך דערוואַרט דעם פרימאָרגן. געוואָלט האָט ער באַלד באַגינען אַנטלויפן פון שטוב. נאָר גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אידאַן וועט עס פאַרדריסן, אַז דאָס וועט זיין אַן אומפאַרזיכטיקער טריט: וואָס עפּעס אַנטלויפן אָן אַ „גוט מאָרגן?" אָן פרישטיק?

אידאַ וועט זאָגן, אַז דאָס קען וואַרפן אַ פּאַרדאַכט, און ער האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז ער רעכנט זיך צופּיל מיט דעם, וואָס אידאַ וועט זאָגן, אַז ער האָט פאַר אידאַן מורא...

אין ער געבליבן ביז פרישטיק, דער „אַלטער" איז אַרויסגע־קומען אין שלאָפראָק, געטרונקען טיי און זעליק האָט אָפּגעגעבן ראַפּאָרט וועגן די אַרבעטן באַ די מויערן אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט.

ער האָט קוים דערלעבט די מינוט פריי צו ווערן פון אים, און אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, האָט ער אַ ביסל פרייער אָפּגע־אָטעמט. געווען איז דאַמאָלט אָנפאַנג האַרבסט.

אויף דער ניקאָלאַיעווסקע גאַס איז געווען אַ בולוואַר מיט אַ סך ביימער און פון די ביימער האָבן זיך איינציקווייז געשיט בלעטער.

זעליק איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג און צוגעזעצט זיך אויף אַ באַנק. קאַלט איז אים געווען אויף דער נשמה, די געדאַנקען האָבן געאַרבעט, עפּעס האָט טעמפּ גענאָגט:

— מער שלאָף איך דאָרט נישט! האָט זעליק אינערלעך אַ געשריי געטון, און אַזוי ווי ער וואָלט וועלן באַשטעטיקן זיין געדאַנק, זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון זיין אָרט און גענומען פלינק שפּרייזן.

ער איז געקומען צו דער אַרבעט און צו די חברים משרתים האָט ער אויסגעשריגן:

— דער באַלעבאָס איז געקומען.

„דער באַלעבאָס, דער באַלעבאָס".

אין דעם טאָג האָט ער מער ווי אין אַלע טעג געפילט, אַז ער האָט אַ באַלעבאָס, אַז עס איז שרעקלעך צו האָבן אַ באַלעבאָס אויף זיך.

באמת, וואָלט ער דאָ שוין איצט נישט געדאַרפט זיין. אוועק־גיין, נישט אָנקוקן מער די פּנימער פון זיינע באַלעבאַטים.

זעליק! ווען דו וואָלסט געווען אַ ביסל שטאַרקער, אַ ביסעלע ווייניקער מורא האָבן פאַרן הונגעריקן מאָרגן, דאַמאָלס וואָלסטו שוין אַוועק, נאָר דער דלות שרעקט דיך... אַזוי האָט ער אַליין צו זיך גערעדט.

נאָר אינדערהייך אויף אַ רושטאָוואַניע איז ער געשטאַנען, מען האָט דאַמאָלס געבויט אַ הויכע מויער, וואָס האָט אַריבערגע־קוקט איבער אַלע הייזער, איבער אַלע גאַסן... העט ווייט! ביז די וועלדער און פעלדער...

אָט, ווען מ׳זאָל אַזוי קענען אַ פלי טון פון דער רושטאָוואַניע, ווי אַ פויגל לייכט אַ פלי טון צו די וועלדער, איבער די וועלדער...

און נישט טראָגן אַזאַ טעמפּן ווייטיק אין האַרץ, ווי ער, זע־ליק, טראָגט היינט דעם גאַנצן טאָג, פריער איז באַ אים די אַרבעט געווען אַ יום־טוב, איצט בעט ער גאָט, דער טאָג זאָל זיך גיכער ענדיקן...

אַ חברה געזונטע אַרבעטער גייען אויף מיטאָג און שלעפּן זעליקן אַוועק אין שענק אַריין.

מען טרינקט שנאַפּס, ביר און מען רעדט.

פון וואָס רעדן די בלעכערס, די סטאָליערס, פון פּומפּיאַנ־סקין, פון באַלעבאַטים.

מען באַוווּנדערט זיין מזל און זיין רייכקייט.

ווי לאַנג איז דאָס געווען? האַ! גאָר נישט לאַנג...

ער איז אַליין געשטאַנען מיט דער קעלנע און געלייגט אַ ציגל. מענטשן געדענקען דאָס גאַנץ גוט... און היינט זיך אַזוי אַרויסגעאַרבעט... אַ נס, מיט מענטשן פּאַסירן נסים...

— קיין זאַך בין איך נישט אַזוי מקנא, ווי זיין יונג ווייבל.

דאָס האָט אַרויסגערעדט איינער אַ יונגער אַרבעטער, וועלכער האָט גענומען אַן איבעריקע כּוסה.

זעליק האָט אָנגעשטעלט די אויערן:

— וואָס הייסט?

— וואָס הייסט? דו ביסט נאָך אַ שניעק, זעליק, וועסט עלטער ווערן, וועסטו דאַמאָלס וויסן „וואָס הייסט?" אַזאַ ווייבל, אַזאַ יונג פייגעלע מיט אַזאַ בער, ווי פּומפּיאַנסקי.

זעליק האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט — קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַנען און ער האָט זיך געטראַכט: „אַ שניעק, אַ שיינער שניעק". ווען זיי וואָלטן וויסן, און עפּעס אַ מיאוס געפיל האָט אים דאַמאָלס באַהערשט, ער וואָלט וועלן נעמען שרייען, באַרימען זיך, אַז זי, דאָס שיינע ווייבל, זי, זי...

עפּעס האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן...

אַן אויפגערעגטער איז ער אַרויסגעלאָפן פון דער גאַר־קיך, וווּ די אַרבעטער האָבן געענדיקט זייער מיטאָג און פאַרטרונקען מיט ביר.

אַ ביסל צייט האָט ער נאָך געהאַט, איז ער אַרויסגעלאָפן אין שטאָטישן גאָרטן. דאָרט אין זיין ווינקל, אין איינער פון די זייטיקע אַלעען, האָט ער איינגעעגבערט די אויגן אין די לעצטע גרינע צווייגן... געטראַכט און געשוויגן, ביז אַ טרוקן בלאַט איז אַראָפּגעפאַלן און אַ טויטן שאָרך געטון. מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער אַוועק צו דער אַרבעט...

און דאָ איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אַ שיין ביסל שרעק.

פּומפּיאַנסקי, וועלכער האָט אים באַגעגנט אויף די רושטאָוואַניס, האָט זיך צו אים אָנגערופן מיט אַן ערנסט קול:

— זעליק, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן, שפּעטער, נאָך דער אַרבעט, איך וועל זיין אונטן.

זעליקן איז קאַלט און וואַרעם געוואָרן. דער גרויסער, כמעט אויסגעבויטער, בנין האָט זיך גענומען שאָקלען פאַר אים.

וואָס מיינט ער, דער באַלעבאָס זיינער? וועגן וואָס וויל ער מיט אים רעדן? אַזוי ערנסט איז ער געווען...

די צייט האָט זיך געצויגן, ווי אין גיהנום, און זעליק האָט שוין אַלץ איבערגעטראַכט; אויב דער אַלטער מיינט צו רעדן מיט אים וועגן „דאָס", דאַמאָלס וועט ער זיך סמען, ער וועט זיך אַראָפּוואַרפן פון דער מויער...

נאָר גיכער, גיכער זאָל שוין קומען די מינוט, און אַז די מי־נוט איז געקומען, האָט זעליק פרייער אָפּגעאָטעמט...

גאָרנישט... דער אַלטער איז דערגאַנגען, אַז איינער פון זיינע משרתים האָט עפּעס געמאַכט אַ קאָמבינאַציע מיט אַ מיליאָן ציגל און איצט איז ער זיך מיט זעליקן מישב געווען, ווי צו פאַקן דעם גנב...

ער איז פריילעך געוואָרן: די מויער, די שטאָט, די גאַנצע וועלט האָט זיך צוריק אוועקגעשטעלט פעסט אויפן באָדן, ער אַליין האָט צוריק באַקומען האַרץ און נשמה...

און ער שטייט פעסט אויף דער ערד... וואָס וויל דער באַלעבאָס? אַלץ וועט זיין דערליידיקט, אַלץ, אַלץ...

עס איז געווען באַ אים אַ גוטע רגע, איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען אינדערהיים. ער האָט געהאַט באַ זיך עטלעכע רובל, האָט ער עס מיט אַ לייכט געמיט אָפּגעגעבן...

און שפּעטער אין אָוונט איז ער געגאַנגען צו פּומפּיאַנסקין, שוין נישט ווייט פון דאָרט האָט זיין פרייד זיך גענומען אָפּקילן.

טאַקע, מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי געפרייט? מיט דעם, וואָס מען האָט אים באַ „זיין" גנבה נישט געכאַפּט... אַ מיליאָן ציגל!

אין דער אַלטער איז אַזוי ערנסט געוואָרן... ווען ער וואָלט אָבער וויסן, ווי אַזוי אַזאַ זעליק באַגנבעט אים...

און ער דערמאַנט זיך, ווי דער שקר האָט זיך אַמאָל געבעטן באַ אים:

— מאַך מיט מיר שלום, וועסטו זיין גליקלעך...

ער האָט געמאַכט מיטן שקר שלום און איז דאָך נישט גליקלעך און איז ווידער איינזאַם...

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ באַנק, אַנטקעגן פּומפּיאַנסקיס באַלויכטענע פענסטער, און קוקט אַ לאַנגע צייט... ווי אַ הונגעריקער, פאַרלאָזענער הונט...

עס גייט אים אין איין זאַך: צי זי האָט פאַר אים אַ ביסל נשמה, דאַמאָלס ווען די גרעסטע זינד זיין באַרעכטיקט.

אין אַזאַ אָוונט גייט ער שוין נישט אַריין צו פּומפּיאַנסקין. דאָס האַרבסטיקע לייגט זיך אים אויף דער נשמה...

אונטער די פיס שאַרכן אָפּגעלעבטע בלעטער.

עטלעכע נישט צוגעמאַכטע לאַדנס קלאַפּן אין דער נאַכט אַריין. שאָטנס פון פאַרטראַכטע מענטשן גיין פאַרביי. קיינער באַמערקט אים נישט, און פאַר אים וועקן זיך איצט בילדער פון דער קינדהייט. שווערע, נישט הימלעכע ערינערונגען...

איין פלי ווען ער וואָלט קענען מאַכן, איין מאָל זיך אָפּרייסן פון דער בלייערנער ערד...

ווען ער הייבט אויף די אויגן איז שוין פינסטער באַ פּומפּיאַנסקין...

אָט אַזוי פלעגט ער אַ סך אָוונטן אַרומבלאָנדזשען פאַרביי דעם הויז, וווּ פּומפּיאַנסקי האָט געלעבט. איינזאַם און קליין באַ זיך...

פון ווייטנס האָט גערוישט. אויף דער ניקאָלאַיעווסקע שפּאַ-

צירט די יוגנט, שמייכלענדיק שפּאַצירט די יוגנט, און ער האָט נישט קיינעם. אינדערהיים איז אָרעם, קיין אמתער חבר איז נישטאָ...

וואָס איז אים אידאַ? צי טראַכט זי אַמאָל פון אים, אַזוי ווי ער טראַכט פון איר? מיט אַ מאָדנער בענקשאַפט, מיט ווייטיק טראַכט ער פון איר.

זי... זי האָט זיך אַזוי געטוליעט צו אים, אַזוי ווילד געקושט זיין יונג לייב... פאַרוואָס איז זי אים פרעמד געבליבן, פאַרוואָס גיט זי אים נישט קיין טראָפּן נשמה?

צו פּומפּיאַנסקין איז ער אַליין זעלטענער געקומען אַהיים... אויסגעדרייט זיך פון יעדער געלעגנהייט זיך צו ווייזן דאָרט, פּונקט, ווי די גאַנצע זינד וואָלט באַשטאַנען אין גיין אַהין. דער באַלעבאָס פּומפּיאַנסקי האָט זיך געוווּנדערט און נישט איינמאָל געפרעגט בײַ זעליקן:

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס ווייזטו זיך נישט?

ער האָט אַזאַ גוט פּנים, דער באַלעבאָס זיינער, און ווען ער רעדט צו זעליקן, קוקט ער אים גלייך אין די אויגן, דערוואַרט פון אים אַ תשובה...

ווייזט אויס, אַז דעם באַלעבאָס קרענקט דאָס, וואָס זעליק קומט נישט.

און כדי נישט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט, פלעגט זיך זעליק „באַווייזן", ער פלעגט קומען אַמאָל צום באַלעבאָס, טרינקען טיי, שפּילן זיך מיטן פּאָדריאַטשיקס יאַטל און אויסמיידן צו בלייבן אַליין אויג אויף אויג מיט אידאַן. יענע פלעגט אָבער באַר אָפּוואַרטן די מינוט, און ווי דער „אַלטער" פלעגט אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער, איז זי שוין לעבן זעליקן, כאַפּט אים אָן פאַר אַ האַנט, וויל אים אַ קוש טון און מאַכט אַ ברוגז פּנים, אַ באַליידיקטע מינע און באַלד באַלד... זי וועט זיך באַלד פונאַנדערוויינען. זעליק טרייסלט זיך אָפּ, רוקט זיך אָפּ. ער איז קאַלט, ער וויל זיין קאַלט. ער האָט

איינמאָל פּאַר אַלעמאָל באַשלאָסן מיט דעם צו ענדיקן... נישט שיין, נישט שיין, מיאוס אַזוי צו לעבן.

דער קאָפּ ברענט פון די איינגעשפּאַרטע געדאַנקען, נאָר דאָס האַרץ רעדט שוין עפּעס אַנדערש, איר האַנט מיט די גנבישע פינ־גער האָט זיך צוגערירט צו זיין האַנט, צו זיין האַרץ...

ער לאָזט זיך קושן, ער קושט אַליין אירע אויסגעהוּנגערטע ליפּן און זי אַלץ מער, אַלץ מער, ווי אַ קאַץ קריכט זי צו אים...

עס דערהערט זיך טריט, פּומפּיאַנסקי קייקלט זיך שוין מיט זיין רונדיק בייכל אַהער. זיי רייסן זיך אָפּ איינער פון צווייטן, יעדער איינער זיצט אין אַ באַזונדער ווינקל.

זעליק טרינקט רויִק טיי. זי לייענט אַ ביכל.

זיי — זיי זיינען ביידע פרעמדע. קאַלט איינער צום אַנדערן, קאַלט... זי, די פרוי פון זיין באַלעבאָס. ער — דער געטרייער משרת, מיט וועלכן פּומפּיאַנסקי באַרימט זיך, אַז אַזאַ טרייען מענטש האָט ער נאָך נישט באַגעגנט.

וואָס וואָלט ער געזאָגט, דער גוטמוטיקער באַלעבאָס, ווען ער דערוויסט זיך דעם גאַנצן אמת? אפילו טראַכטן וועגן דעם האָט זעליק מורא און ער טרייסט זיך מיט דעם, אַז דאָס וועט זיין אַ נס... יאָ, אַ נס!

פּומפּיאַנסקי וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן... אָט זיצט ער דאָך רויִק אין זיין שלאָף־מאַנטל און האָט הנאה פון זיין וואַ־רעמער היים, ווי אַ בער, וואָס באַלעקט זיך מיט האָניק.

— איך וואָלט זיך וועלן אַ ביסל דורכגיין, דו וועסט גיין שפּאַצירן? זי פרעגט עס דעם מאַן.

יענער גענעצט זיך אויס.

— גיין, איך וועל זיך אַ ביסל צולייגן שלאָפן...

— שטענדיק שלאָפסטו... און איך מוז זיצן אין שטוב.

— קענסט דאָך גיין אַליין, קענסט גיין מיט זעליקן, אַרבעט איז סיי ווי פאַרהאַן איצט ווייניק...

און זי גייט מיט זעליקן שפּאַצירן.

מער האָט זי נישט געוואָלט.

עס איז שפּעטער האַרבסט, אַלעביימער זיינען שוין כמעט נאַקעט. זעליק מיט אידאַן שפּאַצירן אַרום אין שטאָט-גאָרטן, נאָך עטלעכע פּאָרלעך זיינען אין גאָרטן. דאָס גראָז איז נאָך גרין, נאָר עס גלאַנצט נישט, כאָטש די גרויסע זון באַלויכט אַלץ.

פון וואָס רעדן די צוויי פרעמדע און דאָך אַזוי נאָענט געוואָרענע מענטשן? פון וואָס? אַלץ דאָס זעלבע: זי שטראָפט אים פאַר זיין נישט קומען, פאַרוואָס ער גריבלט זיך אין זיין אייגענער נשמה, און ער גיט מיטאַמאָל אַ פרעג:

— אָבער אידאַ, וואָס טוט מען פאָרט מיט דער נשמה? וואָס טוט מען, אַז אינעווייניק עגבערט און פייניקט עפּעס...

— וואָס פאַרדרייסטו זיך דעם קאָפּ! אַלע בעמען פון לעבן דאָס, וואָס מען קען, פאַרוואָס זאָלן מיר אנדערש זיין?

— איך וויל נישט זיין ווי אַנדערע, איך וויל זיין אַזוי ווי איך...

די שטייפע לופט פון האַרבסט-גאָרטן האָט אויף איר גוט געווירקט, זי האָט אונטערגעלאַכט צו אים:

— נאַרעלע, נאַרעלע!...

איין ענטפער האָט זי געהאַט אויף אַלע זיינע קאָפּ-פאַרדרייענישן.

— נאַרעלע, נאַרעלע!

פאַרוואָס דרייען זיך די אַלטע פון גאָרטן אין האַלבע און גאַנצע קרייזן? פאַרוואָס איז נישטאָ קיין גלייכער, ווייטער וועג, מען זאָל קענען אַוועקגיין פון דער גאַנצער שטאָדט, פון אַלץ און פון אַלעמען...

שטענדיק האָט ער, דער זעליק, איין רעטונג: אַוועקגיין ווייט...

דער ווייטער האָריזאָנט טרייסט אים, ביכער וואָס ער ליי־ענט פון ווייטע לענדער טרייסטן אים...

ס'איז אַ גרויסע טרייסט און אַ גרויסע האָפנונג... אָט דער געדאַנק וועגן ווייטקייט.

פּלוצלינג לאַכט זי זיך פונאַנדער: זעליק האָט צו איר ווידער געזאָגט „איר" אַנשטאָט „דו", ווי זי פּלעגט אים לערנען שטענדיק.

— בשעת מיר זיינען צוזאַמען, בין איך נישט פאַר דיר קיין מאַדאַם, קיין באַלעבאָסטע. איך בין דיינס גלייכן, „נאַרעלע", דיין געליבטע.

און ער פאַרענטפערט זיך: נישט דרייסט, נאָך פון קינדערוויייז אָן שטענדיק פאַר אַלעמען מורא געהאַט, יעדן געהאַלטן שענער און בעסער פאַר זיך...

און אַז אידאַ באַמערקט, ווי ער גיט זיך אונטער, נעמט זי זיך צו אים פעסטער:

— אַז דער אַלטער וועט אַוועקפאָרן, וועסטו קומען צו אונדז נעכטיקן?

— ניין! דאָס פאַר קיין פאַל נישט, צו „אים" אין שטוב וועל איך גנבענען נישט גיין...

— און נישט צו אים אין שטוב וועסטו יאָ גנבענען?

זי האָט אים געפאַקט, דעם קווענקלדיקן זעליק, ער ענטפערט נישט... ער שווייגט,ביידע שווייגן אַ קורצע צייט.

זי, די קאַץ, זי קלערט אוודאי, ווי בעסער אַ שפּרונג צו טון, ווי לייכטער צו פאַקן דעם פויגל.

אין אַ גאָרטן אויף אַ נאַקעטן בוים האָט אַ פויגל עטלעכע אוי־

מעטיקע פיפסן דערלאַנגט און אַ ווינטל האָט אַ יאָג געטאָן, אויפ־געהויבן עטלעכע בלעטער און אַוועק מיט זיי ערגעץ ווייט...

זעליקן איז קאַלט געוואָרן, אין גאָרטן זיינען מער קיין מענטשן נישט געווען אין דער רגע, ער האָט זיך נאָכאַמאָל ארומ־געקוקט, קיינער איז נישטאָ אין גאָרטן.

באַשליסט ער זיך און נעמט אידאַן אונטערן אָרעם...

— דו וועסט אַ דרייסטער בחור, גוט אַזוי...

— ניין, מיר איז עפּעס קאַלט געוואָרן און אייך... דיר איז אויך קאַלט...

גייען זיי ביידע אויף די ליידיקע אַלעען, שטעלן זיך אָפּ און קושן זיך, ווייל עס איז זיי קאַלט געוואָרן, ווייל... זיי זיינען ביי־דע יונג, ווייל דער ליידיקער גאָרטן דערציילט, אַז אַלץ בליט אָפּ, אַז יעדער פרילינג האָט זיין האַרבסט.

אידאַ רייסט איבער די קושן מיט דעם שווייגן אינעיינעם:

— אויף דיין אָרט, זעליק, וואָלט איך אַזוי געטאָן.

זעליק שטעלט אָן אַ פּאָר גרויסע אויגן, ער גרייט זיך צו הערן עפּעס וויכטיקס, זי האָט מאָדנע איינפאַלן...

— איך וואָלט אויף דיין אָרט, זעליק, אַוועקגעגאַנגען אינגאַנצן פון דער היים, געענוג מיט דעם דלות, דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז דו קענסט זיי נישט העלפן.

— אוודאי אַזוי, איך קען זיי נישט העלפן, אָבער וואָס וועט זיין ווען איך וועל אַוועק, וואָס וועל איך זיי מיט דעם העלפן?

— וועסט זיך העלפן!

— וואָס הייסט?

— וועסט זיין פרייער, וועסט דינגען אַ קליין צימערל און אַמאָל וועט קומען צו דיר אַ גאַסט...

זעליק האָט אַלץ פאַרשטאַנען... דאַכט זיך, אַז דאָס רייצט

אים אַ ביסל, וואָס זי אַזאַ יונגע, אַזאַ שיינע וויל אים אַזוי אַריינ־נעמען אין אירע צוימען, וויל אים פאַר זיך... דאַכט זיך, אַז עפּעס באַליידיקט אים, וואָס זי און נישט ער קירעוועט דעם וואָגן פון זייער אַוואַנטורע.

אָבער נישט וועגן דעם רעדט זעליק.

— הייסט עס, אַז מיר וועלן אייביק אַזוי גנבענען, אַפּנאַרן, אָפּנאַרן. באַטאָג וועסטו קומען צו מיר, באַנאַכט וועסטו גיין צו דיין מאַן...

זי האָט אַ טופע געטון מיט אירע פּיסלעך, בייז געוואָרן און באַלד אַ שמייכל נעגעבן.

איר איז עפּעס איינגעפאַלן:

— מאַך צו די אויגן! — האָט זי אים געבעטן און באַפוילן...

זעליק האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט.

— מאַך צו די אויגן! — האָט זי נאָכאַמאָל פריינטלעך־צאָרנדיק אַריינגעשריגן אין אים.

פאָלגט ער און מאַכט צו די אויגן.

אַ רגע פון נייגעריקייט. די גרויסע שטילקייט פון גאָרטן ווערט נאָך שטילער, איינגעהאַלטענער. דער שפּיל רייצט אים...

דערפילט ער ווי זי נעמט אים אַרום און בייסט אים איין די ליפּן מיט אַ ווילדן קוש.

אָפּגעלאָזט אים, גיט ער אַ קוק אויף איר — אַ ביסל אי־בערראַשט און אַ ביסל צערייצט פון אירע הייסע ליפּן. ער קוקט אויף איר... און זי פרעגט:

— גוט, האַ! אַ גוטער קוש?

— יאָ, ענטפערט ער צעטומלט.

— זעסטו, אַז מען מאַכט צו די אויגן איז גוט...

— אידאַ!

— ווערסט פֿאָלגן אַלץ וואָס איך וועל דיך הייסן, איך האָב דאָך דיך ליב, נאַריש יונגל!

— איך האָב דיך אויך ליב, צום ערשטן מאָל אין לעבן...
אידאַ, טייערע! איך וואָלט וועלן זיין אַ ריינער מענטש...

זי האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט און גענומען לויפן מיט אים איבער דער אַלעע...

קיינער האָט זיי נישט געשטערט, דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און ווידער געקושט זיך... און דאָרט אינדערהיים איז פּומפּיאַנסקי רויק געשלאָפן...

## VIII.

# פאַר זיך.

זעליק איז אַוועק פון דער היים.

נישט לייכט איז אים דאָס אָנגעקומען, ער האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיט זיך אַליין. אַ גרויסע אומגליקלעכע אָרימקייט האָט געלעבט באַ זיי אין שטוב. פיל גרינגער וואָלט אים געווען אַוועק-צוגיין, ווען טאַטע-מאַמע וואָלטן געווען גליקלעך, רייך, ווען אַלע אין שטוב וואָלטן זיין זאַט און באַקליידט...

אָבער אַנטלויפן פון דלות, פון די אַלע ווינקעלעך, ווו ער האָט מיט אַלע איניינעם שטיל אָפּגעזיפצט און אָפּגעהונגערט זיין גאַנצע יוגנט. אַזוי טייער איז אים דאָס פּלוצלינג געוואָרן דער נעכטן. אַלעמענס אויגן פון זיין משפחה האָבן אין זיינע געדאַנקען געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס שטראָפן און טאַדלען, מיט בליקן, וואָס בעטן זיך: „גיי נישט אַוועק, מיר זיינען אַלע פון איין נעסט".

ער האָט עס אויסגעשנעט אָפּגעלייגט, אָפּגעצויגן, און אידאָ פלעגט שטענדיק דערמאָנען:

— דו האָסט שוין אַ צימערל.

— נאָך נישט, איך זוך...

זי האָט אים כסדר אָנגערעדט, בעמוטערט און געלערנט:

— בעסער וואָלט זיין, ווען דו וואָלסט אויפזוכן אַ צימער אין אַ קריסטלעכער גאַס...

— אפשר פעלט דיר געלט ?

— ניין, געלט האָב איך גענוג, פּומפּיאַנסקי צאָלט מיר נישט שלעכט.

און זי רעדט ווידער :

— איך וואָלט שוין אַזוי וועלן דו זאָלסט האָבן אַ באַזונדער צימער, וועסט זען, וועסט גאָר אַן אַנדערער מענטש ווערן.

זעליק האָט גוט פאַרשטאַנען אירע ווערטער, ער האָט זיך געפילט ווי געפאַנגען אין אַ נעץ, און דאָך ווילט זיך אים די נעץ נישט צערייסן.

דער געדאַנק, אַז ער קען אידאַן צוליב עפּעס פאַרלירן, האָט אים שוין געשראָקן, און ער איז גרייט געווען אַלץ צו פאָלגן אָן געראַנגל.

אַמאָל האָט ער פאַרלוירן אַ פריינט לייבעטשקע ראָזנבוים... נאָר יענער האָט אים דאָך אָפּגענאַרט, יענער האָט צוגענומען בײַ אים זיינע שווער-פאַרדינטע גראָשנס און אַפילו קיין בריוול נישט אָנגעשריבן.

אָבער זי, אידאַ... זי נאַרט אים דאָך נישט, זי וויל בײַ אים גאָרנישט צונעמען. יאָ... זי האָט זיך פאַרליבט אין אים, און זי ריזיקירט אַזוי פיל מיט איר ליבע צו אים...

בײַ דעם וואָרט „ליבע” פלעגט ער זיך אָפּשטעלן. טויזנט מאָל האָט ער פון דעם געטראַכט. אין אים האָט זי זיך פאַרליבט. פאַרוואָס ? צוליב וואָס ?

ער פלעגט קוקן אין שפּיגל : זי זאָגט, אַז ער איז אַ שיי־נער... נישט ריכטיק ! אין שטאָט זיינען פאַראַן צענדליקער בחורים פיל שענער, פיל רייכער און אינטערעסאַנטער פאַר אים.

נאָר ליבע איז אַ סוד, אַ רעטעניש, ליבע איז אַ מזל און זאָל ער דאָס מזל נישט טרייבן פון זיך.

דעריבער דאַרף מען זיך באַשליסן :

איינמאָל פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, איז ער געקומען צו דער מאַמען און עפּעס מיט אַ מאָדנער אָנגעשראָקענער דרייסטקייט האָט ער אַ זאָג געטון:

— מאַמע, איך צי זיך אַרויס פון דער היים.

די הויכע, בלייכע מאַמע מיט די אומעטיקע אויגן האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט:

— וואָס הייסט?

— מאַמע! — האָט זיך זעליק אַזוי ווי גענומען בעטן, — אין שטוב איז ענג, נישטאָ וווּ צו שלאָפן, איך פאַרדין, פאַר זיך וועל איך זיך אַן עצה געבן...

— אָבער וווּ גייסטו? אַליין לעבן פאַר זיך? אויסטיילן זיך פון אַלע? עס פּאַסט דיר שוין נישט אונדזער אָרימקייט, אַ פאַרדינער געוואָרן, אַ גרויסער יחסן מיט שלייפלעך, מיט שטעקעלעך, אַ פּראַנט...

זעליק האָט מער נישט געהערט, פאַר מוסר האָט ער מורא געהאַט, ווי פאַרן טויט... און די מאַמע איז, דאַכט זיך, אַ ביסל געבראָכן. טאַקע! וואָס אַנטלויפט ער פון דער היים?...

באַזונדערע צימערן וויל זיך אים.

אַ פריץ געוואָרן... עס איז דאָך זיין שטוב, זיין היים, אַלע איבערנעם האָבן זיי שוין אַזוי פיל צרות דורכגעלעבט, אַזוי פיל מאָל זיך געלייגט שלאָפן אָן געגעסן...

ער האָט שוין געהאַט אַ צימערל, אַצינד איז בלויז געבליבן צו נויפקלויבן זיין אָרימקייט און זיך אַריבערפּעקלען.

ער האָט דאָ געהאַט אין שטוב אַ ביסל ביכער, וועלכע זיינען אויסגעמישט מיט די איבעריקע ביכער, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ זיי, מיט קובאַס ביכער. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דער האַלב-צעבראָכענער עטאַזשערקע אויסקלויבן זיינע ביכער, האָט אים דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן, אַקוראַט, ווי ער וואָלט געגאַנגען גנבענען.

אזוי ווייטיקלעך טייער איז אים דאָ אַלץ געוואָרן... דאָ אינ־דערהיים, ווו ער האָט אַזוי פיל צרות דורכגעלעבט.

צונויפגעקליבן די ביכער, איינגעפּאַקט און אויך מיטגענומען אַ ביסל בגדים.

ער איז אַוועק און זיך איינגעאָרדנט אויף איינער פון די ווייסטע גאַסן...

אויף דער אַלטשאָטיי־גאַס, באַ א קריסטין, אַן אלמנה פון אַ פאַרשטאָרבענעם באַאַמטן.

די גאַנצע צייט האָט ער געטראַכט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ זינד, וואָס ער איז אַוועק פון דער מאַמעס שטוב...

גאָר אידאַ האָט אַזוי פאַרלאַנגט, אידאַ פּומפּיאַנסקיס פּלאַן איז דאָס געווען.

זי האָט שטענדיק געבויט פּלענער, ווי אַזוי בעסער צו גנבענען...

אַרבעט איז איצט אין האַרבסט־צייט אַלץ ווייניקער געוואָרן, און זעליק פלעגט פריי ווערן.

באַטאָג פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו פּומפּיאַנסקין אין שטוב אָפּגעבן באַריכט דעם באַלעבאָס און אויסנוצן דעם מאָמענט, בעת ער פלעגט בלייבן מיט אידאַן אַליין.

— פינף אַזייגער גיי איך אַרויס עפּעס איינקויפן אין שטאָט.

איבערגעריסן אין מיטן די פּראַזע, ווייל פּומפּיאַנסקי האָט זיך אַריינגעקייקלט מיט זיין בייכל. ער טראָגט שטעק־שיך מיט אַ שלאָף־ראָק און זעט אויס צו זיין אידאַס טאַטע — נישט איר מאַן...

— זעליק, האָסט אַמאָל געזען אַזאַ ציגאַר? ער רייכערט דעם ציגאַר און האָט הנאה. — דעם פּולקאָווניק פון סוזראַלסקי פּולק האָב איך געשיקט אַזעלכע הונדערט שטיק — ער איז אין זיבעטן הימל פון זיי... טייערע ציגאַרן

מיטאַמאָל דערמאַנט ער זיך, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן אין צווייטן צימער און קייקלט זיך אַרויס צוריק.

אידאַ ענדיקט דאַמאָלס:

— אַרום זעקס וועל איך זיין בײַ דיר, ווּעסט אָפּוואַרטן אויף דער גאַס... יאָ? די טרעפּ בײַ דיר זיינען פינסטערע...

— גוט! — ענטפערט זעליק און געפינט נישט קיין ווערטער, מיט וואָס פול צו מאַכן די פרייע עטלעכע מינוט, וואָס „ער" האָט זיי ג...

— דערשטיקט מיט זיינע ציגאַרן, דער באַלעבאָס דיינער.

עס דערהערן זיך טריט פון פּומפּיאַנסקיס שטעק-שיך...

און די צוויי רוקן זיך אָפּ איינער פון צווייטן, פרעמדע זיינען זיי.

זעליק באַקומט אַ שליחות:

— ווען דו וועסט זיין אויף ליפּאָווע גאַס, זעליק, וועסטו זיך אַריינכאַפּן צו גאַלאַיעוון און אים בעטן ער זאָל אַרויסקומען צו מיר, ווּעלן מיר מאַכן מיט אים אַ זעקס און זעכציק... וועסט מיר טון די טובה, האַ, זעליק?

— גוט — ענטפערט זעליק, און ער פילט, אַז ער וואָלט דעם באַלעבאָס געטון אַ סך טובות, אַבי ער זאָל זיך נישט פילן שולדיק קעגן אים.

זעקס אַ זייגער וואַרט שוין זעליק אויף דער גאַס. עטלעכע אָרימע לאַמטערן באַלייכטן די ליידיקע סקעלעטן פון די ביימער און די רייען שוואַרצע הייזער.

אין יעדן שאָטן, וואָס גייט פאַרביי, קוקט ער זיך גוט איין:

— אפשר זי?

„זי"

מיט איר גאַנצער ליבע, מיט אירע פייערדיקע קושן, מיט אירע פלינקע איינפאַלן אין אַלע קריטישע מאָמענטן, איז זי אים

מאָדנע טייער און מאָדנע פרעמד... יאָ, ער בענקט נאָך איר, ער וואַרט אויף איר אומגעדולדיק.

זי האָט אים אינגאַנצן איבערגעמאַכט, אַזוי פיל נייע אומרו־קייטן געגעבן...

נאָר דאָס גליק זעט אים אָפּט אויס ווי אַן אומגליק, ווי אַן אָנשיקעניש, זי האָט זיך איינגעביסן אין זיין לייב, ווי אַ חיה, און געוועלטיקט איבער אים.

זי אַליין געוועלטיקט, אַלץ זי. פון דערהיים האָט זי אים אַרויסגעריסן, צווישן אים און זיין ארבעט זיך געשטעלט.

ער האָט אויפגעהערט צו לייענען, אויפגעהערט שרייבן...

דעם גאַנצן טאָג טראָגט ער איר געשטאַלט פאַר זיך, אירע אויגן, טראַכט פון איר, פון יעדער באַוועגונג. אירעליידנ־שאַפטלעכע ווערטער קלינגען אים אין די אויערן, און מערקווירדיק!

יענץ געפיל פון ליבע, וואָס גיט רו, מוט, באַגייסטערונג, פון דעם געפיל, וואָס ער האָט אַזוי פיל געהערט און געלייענט...

ניין, דאָס גיט זי אים נישט.

דאָס גיט זי אים נישט...

ווען עס וואָלט אַנדערש געווען, וואָלט ער אַ סך געאַרבעט פאַר זיך, ער וואָלט געלערנט, ער וואָלט וועלטן איבערגעקערט, זי גיט אים אַלץ... קושן, ליבע, ליידנשאַפט, זי שטעלט זיך אין סכנה צוליב אים, אָבער דערביי זאָגט זי גאָרנישט צו... מאָרגן, וואָס וועט זיין מאָרגן? זעליק הייבט דאָך אָן איצט צו ליבן, און וואָס וועט זיין מיט זיין מאָרגן?... ער האָט שוין געטראַכט שטילער־הייט פון עפּעס בויען, שאַפן און זי צעבייסט אים בלויז די ליפּן, צע־רייצט אים דאָס בלוט און גייט אַוועק...

לאָזט אים איבער אַ באַזיגטן.

ווי אַזוי זאָל ער צוגיין צו איר נענטער... אין דער נשמה אַריין?

און דאָ פאַלט אים איין, אַז די אידא האָט קיינעם נישט ליב, נישט אים, נישט דעם מאַן און אַפילו דאָס קינד אויך נישט... פאַר איר איז אַלץ אַ שפּיל, אַ פאַרבייגייעניש... אַ מאָדנער מענטש די אידאַ.

ער פאַרטראַכט זיך און באַמערקט נישט, ווי די גנבעט זיך אונטער צו אים...

— יונגל!

— אידאַ!

— איך...

— ששאַ!

ער דערשרעקט זיך. אויף דער גאַס טאָר מען הויך נישט רעדן.

זיי זיינען דאָך גנבים, גנבים...

אַ גאַנצן פּאַק מיט פּעקלעך טראָגט זי. אָנגעקויפט פאַר דעם מאַנס געלט אַלדאָס גוטס און געקומען צו אים מיט אַ שמייכל, פאַר־פּומירט, שמעקעדיק...

זאַלבעצווייט אויף די שמאָלע טרעפּ.

אומגעדולדיק איז זי, קריכט אין דער פינסטער צו זיינע ליפּן, קושט אים, בייסט אים זיינע ליפּן...

און איין זיס וואָרט האָט זי פאַר אים, אַ וואָרט, וואָס מאַכט אים טאָקע קליין און הילפלאָז.

— יונגל!

איינגאַנצן מיט פיר יאָר איז זי עלטער פאַר אים. ניין! מיט אַ גאַנץ לעבן איז זי עלטער פאַר אים, מיט אַ דערפאַרונג פון הונ־דערטער דורות, וואָס לעבן און נאַרן, נאַרן און לעבן... דער־נאָך שטאַרבט מען און מען נעמט מיט אין קבר אַזוי פיל סודות, מען נעמט מיט אויף יענער וועלט מער שקר, ווי

ווי אַלע, אַזוי מיליאָנען...

וואָס ראַנגלט ער זיך, דער נאַרישער בחור זעליק?
אײַנגאַנצן, מיט אַלע חושים, מיט יעדער טראָפּן בלוט באַדאַרף מען זיך אַרײַנוואַרפן אין טײַך פון לעבן און טרינקען אָן אַ סוף...

אידאַס פּעקלעך ליגן ערגעץ אויף דער ערד, איר הוט — אויף דער ערד, איר מאַנטל העגנט האַלב אַראָפּגעוואָרפן אויף אַ שטול...

און אַליין האָבן זיי זיך ביידע אין דער פינסטערניש באַהאַלטן אין אַ ווינקל...

אָט דאָרט אין ווינקל, ווו עס שטייט זעליקס בחורישע בעטל... יונגל!

קינדעריש, שטיפעריש קלינגט אָפּ דאָס וואָרט אין נישט באַלויכטענעם חדר. ער זעט זי נישט, נאָר אירע באַקן, איר לײַב פלאַמט...

נישט ווייט פון דאַנען איז דער וואָקזאַל, לאָקאָמאָטיוון פייפן יעדע רגע און וועקן און רופן...

פאַרהאַן אַ גרויסע וועלט, אַ גרויסע וועלט. מיר טראָגן דעם מענטש איבער די פרייע מיילן פון שטח.

דערמאַנט עס עפּעס זעליקן, און ער פרעגט עפּעס באַ איר:
— וואָלסט וועלן מיט מיר אַוועקגיין ווייט־ווייט?
זי טראַכט נישט קיין סך און ענטפערט:
— ביסט דאָך אַ קבצן, ווו וועלן מיר גיין?
מיט דער איינער פראַגע מאַכט זי אים אין איין אויגנבליק אָרים און נעבעכדיק.

ער ווערט אַנטשוויגן. זי פילט די פרעמדקייט, וואָס באַפאַלט אים, און דאָס האָט זי נישט ליב. זי וויל, אַז די רגעס, וואָס זי פאַרברענגט מיט אים, זאָלן זיין אינגאַנצן אירע, זי האָט נישט ליב צו זאָרגן, זי האָט נישט קיין צייט צו טרויערן.

נאָר ער שווייגט, ווי די נאַכט, וואָס קוקט אַריין דורכן פענסטער. אויף דער גאַס איז האַרבסט, אין אַזעלכע אָוונטן איז ער געזעסן באַם אַלטן זיידן און געפילט, אַז די וועלט טרינקט זיך אין צער, אין אומעט, אין אַזעלכע אָוונטן איז ער קינדווייז געזעסן באַ דער מאַמען און קיינער האָט נישט געפילט, וואָס דער ווינט רעדט צו אים...

קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען.

איצט איז דאָ לעבן אים אַ פרוי, אַ יונגע, אַ צאַפּלדיקע, און דער זעלבער אומעט רוקט זיך צו אַלץ נענטער.

זי ווייסט נישט, וואָס ער פילט, נאָר זי בייזערט זיין שווייגן.

טרייסלט זי אים פונאַנדער מיט אירע קושן, עס געלינגט איר שטענדיק צו פאַרטרייבן זיין שווייגן.

שפּעטער אַ ביסל קריכט ער אויף דער פּאָדלאָגע אין דינער פינסטער און זוכט אירע פּעקלעך.

שאָקאָלאַד, זאָגט זי, האָט זי דאָרט, זי וויל אַ שטיקל שאָ־קאָלאַד...

קיין ליכט לאָזט זי נישט אָנצינדן, זוכט ער אין דער טונקל־קייט און געפינט די פּעקלעך.

— אַזוי פיל פּעקלעך, אידאַ!

— יאָ, פאַרן אַלטן איינגעקויפט ווורשט, קעז... דו ווייסט דען וויפיל ער פרעסט?

איצט מאַכט עס זעליקן לאַכן, עפּעס האָבן זיי ביידע זיך צונויפגערעדט און גענומען דעם „אַלטן", דעם רייכן פּאָדריאַדטשיק פּומפּיאַנסקי, און מאַכן אים צו נאַר.

זיי ביידע, יונגע, שטיפערישע...

ער ווערט דרייסט, זעליק, און רעדט צו איר:

— ביסט אַ ווויל ווייבל, אידאַ!

— ביסט אַ נאַרישער בחור, זעליק!

פאַרביסן מיט אַ שטיקל שאָקאָלאַד יעדע פּראָווע.

מיט אַ קוש אַ סך קושן.

— דיר איז גוט מיט מיר?

וואָס זאָל ער ענטפערן?

— איך וואָלט וועלן, אַז די צייט זאָל זיך נישט ענדיקן; דו זאָלסט פון דאַנען נישט אַוועקגיין, איך פאַרליר זיך, ווען דו גייסט אַוועק...

לאַכט זי און קלייבט זיך שוין אין וועג...

— נאָך אַ סעקונדע, — בעט ער זיך בא איר, און ווען זי זעצט זיך אַוועק, טוליעט ער צו זיין קאָפּ צו איר ברוסט, ער האָרכט ווי עס קלאַפּט איר האַרץ. עס איז אים אַזוי עלנט־גוט מיט דער פרעמד־נאָנטער פרוי, עס איז אים אַזוי שרעקעוודיק־גוט...

זי אָבער איילט זיך שוין, זי קאָמבינירט מיט אירע שעהן: אָפּגעבן זעליקן אַ ביסל צייט... איצט האָט זי אַ שטוב, אַ קינד מיט אַ מאַן...

בלייבט ער אַליין, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן צימער און ציט זיך אויס דרייסט, יונג, מוטיק, ווי ער וואָלט וועלן שטרייטן מיט וועמען, קעמפן...

ער ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר עס דערמאַנען אים זיך זיינע חברים גאָלדנבערג מיט די איבעריקע.

האַ! וואָס זאָגסטו צו אַזאַ געשיכטע!

דערנאָך דערמאַנט זיך אים זיין ברודער, קובאַ, און אויך צו אים שמייכלט ער געדאַנקלעך...

— האַ, קובאַ! ווער איז אַ מענטש? ווי געפעלט דיר אַזאַ אידאַ? גנבעט זיך אַריין צו מיר, ווי נאָר זי האָט אַ רגע פרייע צייט.

אין צימער איז נאָך געבליבן דער ריח פון אידאַס פּערפום און אַ שטיקל שאָקאָלאַד...

זעליק זעצט זיך אַוועק און פאַרטראַכט זיך. ער איז איצט רויִק, זי האָט אים די רויִקייט איבערגעלאָזט, מען באַדאַרף גאָר־נישט, גאָרנישט...

מען דאַרף נאָר ציילן די טעג, די שעהן, גיין צו פּומפּיאַנס־קין אין שטוב אַריין, כאַפּן איר בליק אין מיט צוויי, דריי ווער־טער אָפּרעדן מיט איר, ווען זי וועט ווידער קומען...

שפּעטער גייט ער אַ ביסל שפּאַצירן אויף דער ניקאָלאַיעווס־קע גאַס. מיט פעסטע טריט גייט ער, און עס טוט אים הנאה דאָס שטיקל פלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט אויף דעם טראָטואַר.

ער, זעליק, איז אַ מענטש, אַ מענטש, וואָס פירט אַ ליבע, ער איז אַ מענטש. ער גייט צום לעבן און דאָס לעבן גייט צו אים.

האַרבסט־נאַכט, טרוקן און קאַלטלעך. עטלעכע באַלויכטענע פענסטער מיט שיינע קליידער און וועש... ער, זעליק, וואָלט זיך וועלן אויספּוצן, ווי אַ לאָרד, זיין רייך און פריי, ער וואָלט וועלן דורכרייטן יעדן טאָג איבער אַלע גאַסן אויף אַ שיין ווילד פערד און אַלע זאָלן אויף אים קוקן, ווי ער האַלט גלייך דעם קאָפּ...

אַ מענטש באַדאַרף האַלטן גלייך דעם קאָפּ, אַנדערש איז דאָס קיין מענטש נישט.

ער דערלאַנגט צו זיך אַליין אַ שמייכל:

אַ מענטש באַדאַרף אָבער אויך נישט טראַכטן אַזעלכע נאַריש־קייטן, ווי ער טראַכט. וואָס איז אים עפּעס איינגעפאַלן? פערד... רייטן... ווי קומט עס צו אים? דאָס האָט אים דער אָוונט מיט אידאַן אַזוי צעטומלט און נאַריש געמאַכט.

ער פאַרקערעוועט זיך שוין, וויל שוין גיין אַהיים און דאָ באַם עק פון דער ניקאָלאַיעווסקע באַגעגנט אים חיים גאָלדנבערג מיט נאָך אַ בחור:

— האַ, זעליק, וואָס מאַכסטו?

און ער נעמט זיך לייכט חוזק מאַכן פון זעליקן, ער איז אויפגעלייגט...

— דו ווייסט פון וועמען מיר גייען! דו וואָלסט זיך מחיה געווען, און ער דערציילט אים אַ ציניש־ע מעשה מיט אַ באַגעגעניש, אַ מעשה מיט אַ דינסט־מיידל...

און ווען זעליק שווייגט און ווערט נישט איבעראַשט, פאַר־דריסט עס גאָלדנבערגן, און ער מאַכט שוין מער חוזק פון זעליקן.

— ביסט, ווי אַן אַלטע יידענע, זעליק! דו ווייסט דאָך נישט אפילו ווער עס האָט דיך געהאַט...

— איך ווייס שוין יאָ ווער עס האָט מיך געהאַט, און איך לאָז זיך אויס פון דיינע דינסט־מיידלעך.

אין דער רגע וואָלט ער זיך וועלן באַרימען, ער וואָלט וועלן אויפווייזן חיימען, אַז ער איז שוין גאָרנישט אַזאַ נעבעך, נאָר מען מוז שווייגן, און כדי נישט אַרויסצופּלאַפּלען אַן איבעריק וואָרט, דערלאַנגט ער האַסטיק די האַנט די צוויי בחורים און טראָגט זיך אַוועק אין אַ פינסטערער גאַס.

עך, זאָלן זיי גיין. עס ווילט זיך אים קומען גיכער אין זיין צימערל, דאָרטן, וווּ זי איז געווען היינט, דאָרטן, וווּ זי האָט אים אַזוי פיל געקושט...

קליין, אָרים זען אים אויס זיינע חברים מיט אַלע זיינע ענינים.

ער שלאָפט רויק...

ער לעבט דערנאָך רויק אַ לענגערע צייט. אידאַ קומט און גייט אַוועק...

באַ יעדער מאָל ברענגט זי אַן אַנדערן רייץ. די פרישקייט, דער יום־טוב גייט נישט אַוועק. ער האָט צוגעפּוצט זיין צימערל מיט בילדלעך, זיין צימערל איז געוואַקסן אין זיינע אויגן, ווי אַ פּאַלאַץ... זי איז בערעכט געווען אידאַ, וואָס זי האָט אָנגערעדט

דערצו, ער זאָל אַוועק פֿון דער היים, דאָרט איז געווען אַזוי גרוי צו לעבן, אַזוי אָרים...

דאָס באַוווסטזיין פֿלעגט אָבער אָפּט קומען, פּלוצלינג, ווי א ווינט.

נאָך אידאַס אַוועקגיין, זעליק בלייבט אַליין אין צימער, דאַכט זיך ער איז מוטיק, אויפגעמונטערט פֿון איר נאָנטקייט צו אים, שטאָלץ מיט יענעם פּוסטן יוגנט־שטאָלץ פֿון דעם געדאַנק, וואָס אַ פֿרוי גיט זיך אים אָפּ...

מיטאַמאָל פֿאַלט אים איין אַן אַנדערער געדאַנק, אַ בייזער, שלעכטער געדאַנק, וואָס צעשמעטערט זיין קאָרטן־שטיבל.

דער געדאַנק פֿרעגט:

וווּ איז זי אַוועק איצט, אידאַ? צו אים? צו זיין באַלעבאָס, זי שמייכלט איצט אין דעם ליכטיקן עס־צימער, גרייט צו אָוונט־ברויט, גיסט אָן טיי, זי שפּילט זיך מיט איר קינד, און פּומפּיאַנסקי שמייכלט פֿון רחבות און זאַטקייט.

באַנאַכט בלייבן זייביידע אין איין שלאָפֿצימער מיט די ליפּן, וואָס זי האָט אים, זעליקן, אַזוי הייס, אַזוי ווילד געקושט, קושט זי אַצינד דעם מאַן אירן, דעם באַלעבאָס זיינעם.

אייפֿערזוכט און עקל פֿלעגט אים באַפֿאַלן אין אַזעלכע רגעס.

און דאַמאָלס פֿלעגט אים ענג ווערן אין זיין צימער, ענג די גאַנצע וועלט.

ער, וואָס האָט שטענדיק געחלומט פֿון אַ ביסעלע גליק פֿאַר זיך אַליין, ער מוז זיך אויף אַזאַ מיאוסן אופֿן טיילן מיט אַ צווייטן.

יסורים הייבן זיך באַ אים אָן פֿון אַזעלכע געדאַנקען.

ער קען אפֿילו פֿאַר קיינעם אַ וואָרט וועגן דעם נישט רעדן, אויסזאָגן טאָר ער עס פֿאַר קיינעם נישט. ער האָט געהאַלטן זיין סוד, זיין טרויער אין זיך, נאָר די ברוסט פֿלעגט זיך שטיקן אָפּט פֿון צופֿיל ווייטיק און אומבאַהאָלפֿנקייט.

ער האָט געהערט פון דעם, אַז עס זיינען דאָ מענטשן, וועל־כע נעמען פון לעבן אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך, זיי גנבענען, ליי־קענען אויף שריט און טריט, און עס פאַלט זיי גאָרנישט איין צו ליידן, צו איבערלעבן זייער פאַרברעכן.

געקומען, גענומען און אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שמייכל, אויס־געלאַכט זיך פון מענטש, גאָט און געוויסן.

זיינען זיי, די יענע, נערעכט צי אומגערעכט?

זעליק האָט פון דעם אַלץ א יי ג ס פאַרשטאַנען, אַז ער וועט קיינמאָל נישט ווערן אַזאַ.

צו יעדער באַגעגעניש פון לעבן, צו יעדער טאַט האָט ער זיין באַציִונג.

זיין באַציִונג קומט פון האַרץ.

און אַ האַרץ האָט ער אַ מאָדנעס. דאָ בונטעוועט עס, דאָ איז עס מוטיק, דאָ רייצט עס און רופט, דאַכט זיך, צום שד אַליין...

און באַלד ווערט עס פאַרדעכטיק, אומרויִק. עס נעמט פייניקן און פאָדערן אַ חשבון פאַר יעדער זינד און אפילו פאַר דעם גע־דאַנק צו זינדיקן.

און יענע? זיי האָבן דאָך אויך אַ האַרץ. פאַרוואָס גייען זיי אַזוי זיכער אויף אַלע שלעכטע וועגן...

אָט אַזאַ חיים גאָלדנבערג מיט זיין זיסן שמייכל אויף די ליפּן, אַ יונגערמאַן וועמען אַלץ גיט זיך איין אין לעבן. ער האָט אַ כלה, דער גאָלדנבערג, אַ שיין מיידל מיט אַ ליכטיק פנים, מיט זומער־דיקע אויגן, און דאָך לויפט ער אַרום בײַנאַכט אין די שמוציקסטע ווינקעלעך פון שטאָט...

די כלה באַגלייט ער אַהיים, קושט זיך מיט איר בײַם טויער, און ווען ער בלייבט אָן איר, שלעפּט ער זיך אַרום מיט זיינע חברים איבער די שאַנד־הייזער... דערנאָך באַרימען זיי זיך איינער פאַר דעם צווייטן און רעדן ברודנע ווערטער.

און פון אים, פון זעליקן, לאַכן זיי. „יאָלד״ רופן זיי אים, בשעת ער פּראָטעסטירט אַמאָל מיט אַ וואָרט. פאַר אַ נאַר מאַכן זי אים, און ער שעמט זיך אָפּט פאַר זיי, ווייל ער וויל נישט, מען זאָל פון אים לאַכן. טיף אין האַרץ האָט ער זיין ביסעלע שטאָלץ און זאָל מען עס פּרווון באַ אים צונעמען וועט ער די אויגן אויסדראַפּען באַ יענעם...

ווי אַזוי קען מען עס פאַרייניקן? ווי אַזוי קען מען זיך און יענעם אַזוי נאַרן? צונויפמישן ריינקייט מיט שמוץ, דער כּלהס שמייכל מיט די פּרעכע רייד פון אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט זיך?

און דאָ פלעגט זיך זעליק אָנשטויסן אויף זיך אַליין... ער טאַקע, ער איז דען בעסער?

אַ מענטש איז געקומען, האָט אים צוגענומען, געגעבן איבּ די גרעסטע פאַרטרויונג, צאָלט מער, ווי ער צאָלט אַן אַנדערן, פרייט זיך מיט אים, רופט אים אָן באַ יעדער געלעגנהייט „אָרנטלעכער יונג״.

און דער „אָרנטלעכער יונג״ קומט צו אים אַהיים און באַגנבעט אים, פאַרשמוצט אים זיין לעבן.

אמת: זי איז מער שולדיק פאַר זעליקן, ווי אַ שלאַנג רעדט זי אים אָן צו אַלדאָס-בייז, זי איז קלוג, שפּילעוודיק, פלינק און דרייסט, זי קען פאַרנאַרן.

אָבער ער אַליין גייט דאָך אַנטקעגן אַלע אירע געפּלאַנטע פאַרברעכנס.

זי האָט אַרויסגערעדט: „דינגען אַ צימערל״, איז ער געלאָפן, איבערגעריסן מיט דער „היים״ און אַנטלאָפן, אָפּגעזונדערט זיך.

אָט אַזוי איז אַלץ.

ווער ווייסט, וואָס זי וועט נאָך אויסטראַכטן? און ער וועט אַלץ פאָלגן, שטענדיק פאָלגן.

קינדווייז, געדענקט ער, פלעגט ער זיך אָפּט באַ דער מאַמען

אין שטוב פאַרוקן אין אַ ווינקל און טראַכטן פון ערד און הימל, פון גאָט, און די איבעריקע קינדער האָבן זיך געשפּילט, געשפּרינגען, געשריגן, טאַטע-מאַמע פלעגן זיך מיט זיי פאַרנעמען... ער אײנער איז זיך פאַרבליבן אין זיין ווינקל, ביטער איז אים געווען אויפן האַרץ פון זיין אײנזאַמקייט, נאָר סוף-כל-סוף איז אים די ביטערניש טייער געוואָרן, זיין ווינקעלע איז אים געוואָרן ליבער פאַר אַלץ אין דער וועלט.

ער פלעגט דאַמאָלס אַלץ ברענגען צו זיך און זיין ווינקעלע, קינדערישע פרייד, קינדערישן צער.

ביז אידאַן איז ער דאָך פעסט געזעסן אין זיין ווינקעלע, אפילו לייבעטשקע ראָזנבלום, וועלכער איז אַמאָל געווען זיין בעסטער חבר, דער בעסטער און דער ערשטער, אפילו לייבעטשקע האָט אים אויך אינגאַנצן נישט אַרויסגעשלעפּט פון זיין פאַרמאַכטער אײנזאַמקייט.

דערנאָך גאָלדנבערג מיט זיין חברה. יאָ, זעליק איז מיט זיי געגאַנגען, פאַרבראַכט מיט זיי, דיסקוסירט און געבליבן אײנזאַם, צוריקגעהאַלטן, נישט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט, שטענדיק צוריקגעבראַכט צו זיך זיין גאַנצקייט...

אָבער אידאַ פּומפּיאַנסקי, זי האָט אים אַרויסגעגאַרט פון זיין אייגענער פעל, זי האָט אים צעטרייסלט, צערייצט און צום ערשטן מאָל געשטעלט פאַרן לעבן מיט אַלע זייגע ווידערשפּרוכן און נסיונות...

ער האָט זיך דערשראָקן.

זיכערקייט און קיין דרייסטקייט האָט ער נאָך נישט פאַרמאָגט, די אַלע אומשטענדן פון זיין קינדהייט און יוגנט האָבן אים דאָס נישט געגעבן.

אַ ביסל איינגעשפּאַרטקייט און גלויבן אין זיך האָט ער יאָ געהאַט. נאָר דאָס האָט זיך געגומען אַנטוויקלען.

דערווייל אָבער איז אַוועק באַ אים אַ פּעריאָד פון זעלבסט־פיין און אַנגעשראָקנקייט...

אויסער די עטלעכע שעהן מיט אידאַן, האָט ער מער מיט קיינעם נישט פאַרבראַכט, מיט קיינעם זיך נישט געחברט.

מיט זיין אַוועקגיין פון שטוב איז ער נאָך איינזאַמער געוואָרן, דערצו איז געוועזן הארבסט, כמעט יעדן טאָג האָט גערעגנט, און די אָוונטן זיינען אַזעלכע לאַנגע...

נישט געקוקט אויף קעלט און נעץ, האָט ער דאָך אַ סך אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די גאַסן און געסלעך און אפילו אויסער דער שטאָט, ער האָט ליב געהאַט אַוועקצוגיין ביז דער לעצטער גאַס... דאָרטן, וווּ די לעצטע הייזער ווייזן זיך קוים באַלויכטן, און אַזאַ טונקל חויז, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט צווישן פעלד און שטאָט, פלעגט אים דערמאָנען אָן זיך, אַן איינזאַמער בוים אין פעלד, אַן איינזאַמער פויגל... יעדע איינזאַמקייט פון אַנדערע פלעגט אים דערמאָנען זיין אייגענע איינזאַמקייט...

אָט פייפט, אָט לויפט ווילד פאַרביי אַ גרויסער צוג אין פעלד און גיט אַ ריס זעליקס נשמה, פון אינעווייניק, פון זיין גאַנץ וועזן רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ, ער וויל ערגעץ אַוועק, ווייט, ווייט, ער וויל זון, ליכט, ער וויל דאָס האַרץ זאָל אים נישט זיין אַזוי לײדיק.

אַזאַ גרויסער אומעט פלעגט אים אַרומנעמען אויפן ליידיקן פעלד, ער האַלט נישט אויס און לויפט צוריק אין שטאָט — קיי־נער ווייסט נישט און קיינער טאָר נישט וויסן, אַז ער האָט אַזעל־כע „משוגעתן".

צוריק אין שטאָט...

טירן קלאַפּן, דראָשקעס פאָרן, און דורך דעם נעפּל זען זיך פייערלעך... ווען איין טיר זאָל זיך פאַר אים עפענען, ער זאָל וווּ

א ביסל װאַרעמקײט געפֿינען, אמתע פֿרײנטשאַפֿט, אײנפֿאַכקײט און אָרנטלעכקײט.

מער באַדאַרף ער נישט.

פֿלעגט ער זיך אַרומדרײען לאַנגע שעהן צײט אױף דער ניקאָלאַיעװסקע, הין־און־צוריק אױף דעם שמאָלן בולװאַר, געקװענקלט זיך, צוגעגאַנגען ביזן טיר, אַװעקגעגאַנגען און צום סוף דאָך אַרױפֿגעגאַנגען צום באַלעבאָס...

דאָרטן איז געװען פֿרײלעך. האַרבסט, װינטער, די בױ־אַרבעט װערט אָפּגעשטעלט. באַם רײכן פּומפּיאַנסקין קומען אַצינד יעדן אָװנט געסט: פֿרײנט, קרובֿים, מחותּנים פֿון בײדע צדדים — װער רײבט זיך דאָס נישט אַרום אַ רײכן קרובֿ...

און פּומפּיאַנסקי לעבט אָפּ: מען מאַכט אַ קערטל, דאַכט זיך דאַמאָלס, אַז אַלץ, װאָס ער האָט ביז אַצינד דערגרײכט אין לעבן, איז גאָרנישט אין פֿאַרגלײך מיט דעם מאָמענט, בשעת ער שרײט אױס צו זײן יונג װײבל:

— אידעטשקע! איך האָב אים געפּאַקט מיט דרײ טײז. די אױגן לײכטן באַ אים, װי באַ דעם גליקלעכסטן מענטש אױף דער װעלט, ער רײבט די הענט און טײלט אַלעמען ציגאַרן, גוטע ציגאַרן. קײן קאַרגער איז ער נישט, דער באַלעבאָס, דער פּאָדריאַטשיק, איבערהױפּט אין אַזעלכע רגעס, בשעת ער פּאַקט עמעצן מיט דרײ טײז, דאַמאָלס װאָלט ער אַלץ אַװעקגעגעבן.

אױף די טישן זײנען אָנגעשטעלט גוטע זאַכן. רױטע עפּעלעך לײכטן פֿרײלעך... צוליב דעם טאָקע האָבן אין פֿרילינג די עפּל געבליט, צוליב דעם האָט זײ די זון אַ גאַנצן זומער געפֿאַרבט... פֿאַר פּומפּיאַנסקין, פֿאַר זײן משפּחה און גוטע פֿרײנט.

און עס דאַכט זיך דאַמאָלס, אַז זײ, די עפּעלעך, זײנען אױך צופֿרידן, װאָס דער באַלעבאָס זײערער האָט געפּאַקט „דרײ טײז".

אַלץ לאַכט, שמייכלט מיט און חנפעט זיך צום באַלעבאָס, ווייל, ווייל גאָט האָט אים געהאָלפן, און ער האָט אַ סך געלט...

ער פילט זיך גוט, דער הערשער פון דעם הויז, ער לייכט...

און אַז זעליק קומט אַריין, באַגריסט אים דער באַלעבאָס מיט פריילעכע ווערטער:

— מיין אַדיוטאַנט איז געקומען...

— מיין פרעדעריקס, מיין הויף־מיניסטער.

— זעץ זיך, זעליק!

האָסט זיך אויך געמעגט אויסלערנען האַלטן אַ קאָרט אין דער האַנט.

און אין האַרץ טראַכט ער, אַז זעליק איז געקומען אָפּעסן אַ גוטן אָוונט־ברויט, און פאַרוואָס נישט? ער פאַרדינט עס כשר... אַזאַ מענטש, אַזאַ געטרייער משרת.

אַ דאָפּלטע פרעמדקייט פאַרכאַפּט זעליקס נשמה, בעת ער באַרו:קט זיך אַ ביסל. ערשטנס זיינען די מענטשן אַלע רייך, אָנ־געפרעסן און צווייטנס פילט ער, אַז ער וועט קיינמאָל נישט קע־נען זיין אַזוי זאָרגלאָז, אַזוי גליקלעך, ווי זיי זיינען. ער טראַכט עפּעס אַנדערש ווי זיי, ער פילט אַנדערש, ווי זיי פילן. זיי זען אים דוכט זיך נישט און ער זיי אַלע זעט יאָ. ער נעמט זיי דורך אַלע מיט די אויגן, אָט קוקט ער אויף זיי, ווי נייגעריק זיי רוקן די אויגן אויף די קאָרטן...

איינער פאַרשפּילט, בייזערט ער זיך אויף זיין שכן, דער־שטיקן, דערשטעכן וואָלט ער אים וועלן מיט די אויגן. דאַכט זיך, אַז אַלע זיינען פאַרייניקט אין דער וואַרעמער, ליכטיקער שטוב מיט איין פריינטשאַפט, נאָר אַז מען זאָל זיך גוט צוקוקן, וועט מען באַמערקן פאַלשע טענער. קנאה, חניפה...

און יענע דאַמע, אידאַס אַ פריינדן, זי פרעסט אַזוי פיל

גוטע זאַכן, יעדע רגע שלעפט זי עפּעס אַראָפּ פון טיש, אַן אמתע פּרעסערקע!

יעדער מענטש איז פאַר אים אַן ענין. איבערהויפט קוקט ער יעדן אין די אויגן און טראַכט דערביי: אויב דיינע אויגן דערציילן מיר עפּעס נישט, וועסטו אַליין מיר גאָרנישט זאָגן.

כאָטש ער זעט אַלע און קריטיקירט אינערלעך יעדן באַזונדער, דאָך פילט ער זיך קלענער פאַר די אַלע זיכערע מענטשן.

און שפּראַך! ווי בעמט מען זייער שפּראַך? זייערע וויצן, ער קען נישט רעדן אַזוי ווי זיי רעדן, ער... ער איז היינט אין אָוונט געוועז אויפן פעלד, אַ צוג איז האַסטיק דורכגעלאָפן מיט אַ ווילדן פייף, הינטן האָבן יאָמערלעך מיטגעכאַפּט דעם ווינט.

דאָרט אין איינזאַמען פעלד האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי איינזאַם ווי דאָ...

מיט די אויגן זוכט ער יעדע רגע אידאַן, יענע איז פאַרנומען מיט די געסט, און זעליקן באַמערקט זי נישט, אָדער זי מאַכט זיך אַזוי, אַז זי זעט אים גאָרנישט.

אים צאָרנט עס, כאָטש אין האַרץ טראַכט ער, אַז זי איז גערעכט.

וואָס? אפשר זאָל זי זיך וואַרפן פאַר אַלעמען אין די אויגן אים קושן?

ביין! זי שפּילט, ווי אַ גוטע אַקטריסע. אויסגעהאַלטן, רויק, באַרעכנט יעדעס וואָרט. צייטנווייז אַנטציקט ער זיך פון איר שפּילן, אָבער זיין איינזאַמקייט ווערט פון דעם נישט קלענער...

פּומפּיאַנסקי שפּילט אין קאָרטן, נאָר פון צייט צו צייט רייסט ער זיך אָפּ, קוקט אַרום דעם עולם און גיט קורצע פאַראָרדנונגען:

— אידעטשקע! זעליק וויל אוודאי עסן...

— אידעטשקע! לאָז דעם עולם נישט געגעצן...

און צו זעליקן:

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? דיינע שיפן זיינען אונטער-געגאַנגען?

— אַזאַ בחור ווי דו האָט זיך שוין געמעגט אויסקלויבן אַ מיידל... פאַרליבט זיך, זעליק! אין דיינע יאָרן האָב איך שוין געליבט...

דער עולם באַמערקט צו דעם גביר מיט אַ קורצן געלעכטערל.

דער עולם קוקט פּומפּיאַנסקין טריי אין די אויגן.

נאָר זעליק ווערט עפּעס אָנגעצינדן, גאָר אַן אַנדערער ווערט ער אינעווייניק. אַצינד וואָלט ער זיך געוואָלט רייצן מיט דעם בייכלדיקן באַלעבאָס און אים צו להכעיס אַריינשרייען אין די אויערן.

— איך האָב זיך שוין פאַרליבט, פאַניע פּאַמפּיאַנסקי, איך האָב זיך שוין פאַרליבט...

מיט גרויס מי האַלט ער זיך איין, און דערנאָך, ווען ער באַרויִקט זיך, וווּנדערט זיך זעליק אויף זיך אַליין. ווי אַזוי האָט ער געקענט זיין אַזוי בייז, אַזוי אויפגערעגט?

הערסט...

אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וויל זיך וואַרפן אויף זיין באַלעבאָס און אים אויסדראַפּען די אויגן, שפּייען אים אין פּנים אַריין און זידלען מיט די געמיינסטע ווערטער.

פאַרוואָס?

מיט וואָס האָט פּומפּיאַנסקי קעגן אים געזינדיקט?

וואָס טוט זיך מיט דיר, זעליק?

דער געדאַנק, אַז ער האָט זיך באַהערשט, באַרויִקט אים, און ער נעמט זיך פילן אַ ביסל בעסער אין דער געזעלשאַפט... אפשר דערפאַר, ווייל אידאַ האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרפן אַ בליק אין זיין זייט.

שפּעטער האָט ער געכאַפּט איין וואָרט פון אידאַן:

„מאָרגן״.

און ווען זי איז אַ צווייט מאָל פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי אים ווידער צוגעוואָרפן:

„זעקס אַ זייגער״.

ער האָט זיך דערפרייט און גענומען שפּאַסן מיטן עולם

דערנאָך איז ער געגאַנגען אַהיים. אויף די גאַסן איז געלעגן אין אַ נאַסן האַלבן חושך דער האַרבסט, פריילעך איז אים נישט געווען, נאָר פיינלעך־רייצנד האָט אים עפּעס געדראַפּעט די נשמה...

„מאָרגן״ „זעקס אַ זייגער״.

ווי מען וואַרפט אַ הונט צו אַ ביין, אַזוי האָט זי אים צוגע־וואָרפן די פּאָר ווערטער.

זי האָט דאָך קיין ברירה נישט, אידאַ, זי האָט זיך פאַר־פלאָנטערט. ער נעמט טראַכטן פון איר לאַגע און קריגט אויף איר רחמנות. זי מוז זאָגן אַזוי פיל ליגנט... צי דען קומט עס איר אָן לייכט? צי ווערט איר האַרץ נישט צעריסן ווי זיינס?

מאָרגן וועט זי ווידער קומען און מאָרגן וועט עפּעס געשען. שטענדיק באַ יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זי דערוואַרטן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מאָרגן וועט עפּעס געשען מער, ווי דאָס, וואָס צווישן זיי איז שוין פאַרגעקומען...

וואָס?

זי וועט אפשר דעם מאַן פאַרלאָזן און אַנטלויפן מיט אים, מיט זעליקן? אויף וועלכע ניסים וואַרט ער, זעליק?

ער בלייבט שטיין באַ זיין טיר, עס ווילט זיך נישט אַריינ־גיין אין ליידיקן צימערל, עס ווילט זיך נישט... שטענדיק, ווען ער גייט צו צו זיין טיר, בלייבט ער נאָך שטיין אַ קורצע צייט... אַ שאָד איז אים דער טאָג, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען...

און די פּוסטקייט פון דער נאַכט שרעקט...

## XI.

# שמערקעס..

לעבן קאָשציאַל איז געווען אַ קליין הייזל און אין הייזל — אַ בלומען-געשעפט. זעליק איז אין יענעם טאָג עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען דאָס דאָזיקע אָרט... אין פענסטער זיינען געווען אַרויסגעשטעלט עטלעכע שיינע בלומען-טעפּ.

זעליק האָט זיך געוואָלט ברענגען צו זיך אין צימער אַזאַ בלומען-טאָפּ.

נישט פאַר זיך... פאַר אים איז גענוג געווען, ווען ער קוקט אויף די בלומען דורכן פענסטער.

פאַר אידאַן...

פאַר די טייערע עטלעכע שעה, וואָס זי וועט אים געבן באַר באַטאָג האָט זיך אים נישט געוואָלט די בלומען קויפן. ווי אַזוי וועט ער דאָס טראָגן אויף דער גאַס? מענטשן וועלן עס באַמערקן, מען וועט פרעגן פאַר וועמען ער טראָגט די בלומען, וועט ער מוזן זאָגן ליגנט.

אָפּגעוואַרט ביז עס איז פינסטער געוואָרן, דאַמאָלס איז ער אַריין אין בלומען-געשעפט.

אַן אַלטע ציכטיקע קריסטין מיט אַ זילבער-ווייסן קאָפּ האָט אים געהאָלפן אויסקלויבן בלומען.

— דער בחור האָט זיך שוין פאַרליבט, דער בחור האָט שוין אַ כלה?

— ניין, האָט זעליק געענטפערט, איך האָב זייער ליב בלומען.

— באַ אונדז אין שטאָט זייַנען פאַרהאַן זייער ווייניק בעלנים אויף אַזעלכע זאַכן, האָט זיך די קריסטין באַקלאָגט און פאַרפּוצט זעליקס געקויפטן בלומען-טאָפּ מיט קאָלירט פּאַפּיר.

דערנאָך איז ער פאַרזיכטיק אַרויס פון געוועלב און דורך די שטילע זומפּיקע געסלעך געלאָפן אַ היים.

אין בלומען-געשעפט זייַנען געווען אַ סך בלומען און די אַלע ריחות האָבן זיך צונויפגעמישט אין איין געהיימען ריח... די אַלטע גרויע קריסטין האָט אויסגעזען ווי אַ צויבערין, וועלכע ווייסט אַלע וווּנדער פון ליבע און אַלע סודות פון די פאַרליבטע.

אַ נייע לייכטע אומרויִקייט איז אים צוגעקומען...

ער האָט אַוועקגעשטעלט די בלומען באַ זיך אויפן טיש. זיי האָבן געשמעקט מיט זייער אייגענעם ריח און מיט דעם ריח פון זייערע חברים, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון בלומען-געשעפט...

איצט, אין דער האַרבסט-נאַכט, האָט ער זיך געפילט אַזוי יום-טובדיק, ווייט און נאָנט האָט ער זיך געפילט צו יענעם קליינעם זעליקל, וואָס פלעגט לויפן צו גראַנאַוואָסקיס גאָרטן און אַרייַנקוקן אויף די בלומען, אויף דער ליכטיקער גרינקייט...

ווען אידאַ איז אַרייַנגעקומען, האָט זי אַ לייכטן געשריי געטון:

— יונגל, ווי קומען צו דיר די בלומען?

— פאַר דיר...

זי איז צוגעלאָפן צו די בלומען און ווי מען שעפּט אָן מיט די הויפּנס וואַסער פון אַ קוואַל, אַזוי האָט זי אָנגעשעפּט דעם ריח פון די בלומען און געשפּילט זיך מיט די בלעטער און פליטערלעך...

די בלומען האָבן זיי היינט ביידע רויִקער געמאַכט, פאַרטרוים-טער. אידאַ האָט אַ לאַנגע צייט גערעדט פון איר מאַן, ווי שווער

עס איז איר צייטנווייז מיט אים, ווי פרעמד זי פילט זיך מיט אים...

און זעליק האָט דערמאָנט זיינע קינדער־יאָרן, זיין קאַמף מיטן טייערן ברודערל קובאַ...

ביידע האָבן זיי געפונען פאַר זיך היינט גוטע ווערטער, פריינט־שאַפט און יונגע... הייסע קושן.

דערנאָך איז זעליק געבליבן אַליין אין צימער, עס האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף קיין רגע דאָס ווינקעלע, ווו זיין חלום האָט זיך נאָר־וואָס געוועבט...

ער איז געווען רויק און ער האָט געטראַכט פון זיך אַליין, פון אידאַן און פון אַלע פרעמדע מענטשן, וועלכע ווייסן נישט זיין גליק.

ווייל...

געבליבן איז דאָס דערווייל אַ סוד. אידאַס קומען צו אים, אידאַס אַוועקגיין, דער באַלעבאָסטע זיינער — אַן אַלטע קריסטין — האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז די פאַני, וואָס קומט צו אים איז זיינע אַ שוועסטער, יענע האָט מער נישט איבערגעפרעגט.

געגלייבט צי נישט געגלייבט — איז, זי אויסגעווען די עט־לעכע רובל אַ חודש, וואָס זי האָט פאַרדינט פון זעליקן.

נישט זי האָט אים נאָכגעקוקט און נישט נאָכגעפרעגט. אַרום איז געווען אַ שטילע געגנט — מען האָט זיך געקענט פילן זיכער.

אַהיים פלעגט זעליק זיך אַריינכאַפּן יעדן טאָג. דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרדינסט, פלעגט ער זיי אויך אַצינד אַוועקגעבן, נאָר דער טאַטע איז געווען אויף אים אין כעס, פאַר וואָס ער איז אַוועק פון שטוב.

זיי האָבן געשוויגן איינער צום צווייטן. אין טאַטנס שווייגן איז געווען פאַרדרוס, אין זעליקס שווייגן — עקשנות.

— אַ מענטש געוואָרן, האָט איינמאָל דער טאַטע זיינער ביין אַ ברום געטון אים אין די אויגן...

— אוודאי אַ מענטש — האָט זעליק מיט דער זעלבער בייזקייט אָפּגעענטפערט, און מיט דעם האָט זיך געענדיקט.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, און גייענדיק האָט ער צו זיך אַליין געברעדט, זיך אַליין איינגערעדט:

— אוודאי אַ מענטש.

די גרעסטע באַשטעטיקונג, אַז ער איז שוין געוואָרן אַמענטש, איז פאַר אים געווען אידאַ, זי רופט אים טאַקע אָפּט „יונגל", נאָר צו דעם זעלבן „יונגל" גנבעט זי זיך אין די אָוונטן, צוליב דעם „יונגל" רעזיקירט זי מיט איר רו און ווילטאָג...

ער באַמערקט אַליין נישט, ווי שטאָלץ ער ווערט פון די לעצטע געדאַנקען, די פיס שטעלן זיך פעסטער אויף דעם טראָטואַר, דאָס האַרץ קלאַפּט פון אויפגעמונטערטקייט... וואָס איז דאָס: אים דאַכט זיך אויס, אַז ער וויל זיך שלאָגן מיט וועמען? אַלץ איינס מיט וועמען, די הענט ברענען, די פויסטן פרעסן זיך צונויף.

נאָר אויף דער גאַס גייען גלייכגילטיקע מענטשן, אַזוי ווי די שאָטנס איינגעבויגן.

קיינעם גייט נישט אָן, וואָס זעליק טראַכט איצט, וואָס זעליק פילט.

וואָס ווייטער ער גייט אויף די גאַסן און געסלעך אַלץ מער ווערט ער ענלעך צו די שאָטנס פון דער גאַס, די אַרומיקע האַרבסט-גרויקייט ציט אים אַריין אין זיך און ער אָטעמט איין די גרויקייט.

אויף דער גאַס איז שוין פינסטערלעך, האַרבסט, אָוונט-צייט. צו זיך אין צימערל גיין? דאָרט איז צייטנווייז אַזוי ליידיק, אַז עס נעמט אים דאָס האַרץ ווי טון פון דער ליידיקייט.

ווי דער ווינט אַזוי בייט זיך באַ אים די שטימונג...

דאָ איז ער מונטער און באַלד זינקט ערגעץ אַראָפּ דער מוט. ווייל אין זיין גליק איז ער נישט זיכער, ווייל זיין האָפנונג איז פאַרמשכנט באַ... באַ זיין באַלעבאָס פּומפּיאַנסקי.

יעדן טאָג ווילט זיך דאָך אַ ביסל וואַרעמקייט און ליכטיקייט, און יענע אָפּגעזונדערטקייט, אין וועלכער ער האָט אַמאָל גע־לעבט... ניין, היינט איז אים שווער צו זיין אַליין.

צו וועמען גיין? ווו געפינען אַ ביסל וואַרעמקייט און ליכטי־קייט?

חיים גאָלדבערג איז אַציַנד אוודאי בא זיין כלה, די איבע־ריקע חברים — אויך בא זייערע מיידלעך.

פאַר אים איז געבליבן איין אָרט, ווו עס איז אים ליכטיק, און איין אָרט ציט אים.

נאָר גיין גייט ער אַהין, גייט ער אַ סך מאָל ווי מיט געבונ־דענע פיס.

צו זיין באַלעבאָס.

יאָ, ער באַדאַרף אים דאָך איבערגעבן, אַז ער איז געווען בא וויעטשאָרעקן אין פאַבריק, אין דער אייזן־פאַבריק. דער די־רעקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז די זעקס הונדערט טירלעך צו די אייוונס וועלן זיין פאַרטיק אין צוויי חדשים אַרום.

זעליק ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער קען דאָס איבערגעבן פומ־פיאַנסקין מאָרגן, די זאַך איז נישט אַזוי איילנדיק, אָבער, אַן אויס־רייד איז דאָס אַ גומער.

ער קומט צום באַלעבאָס און טרעפט אים בא דער טיי.

— גוטן אָוונט, געווען בא וויעטשאָרעקן, ער אַרבעט. די זעקס הונדערט טירלעך וועלן זיין פאַרטיק אין צוויי חדשים אַרום.

— דאָס איז גוט! ענטפערט פומפיאַנסקי און פאַרזופּט מיט טיי.

זעליק באַמערקט היינט, אַז זיין באַלעבאָס איז אַ מיאוסער נפש, דער בויך זיינער ליגט שוין כמעט אויפן טיש און ער שוויצט כסדר אָטעמט שווער און בלאָזט מיט דער נאָז

ער רייסט זיך אָפּ פון זיינע געדאַנקען, ער הערט אויף צו באַטראַכטן דאָס „גוטמוטיקע חזיר".

און ער נעמט רעדן פון זייטיקע זאַכן:

— באַ וויטעטשאָרעקן אַ גרויסע פאַבריק, רעדער פליִען, האַמערס קלאַפּן און צעשמאָלצן אייזן לויפט אַרום אין אַזעלכע שמאָלע און ברייטע ריִנעס, רעלסן גיסט מען דאָרט...

עס האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרטן. אינטערעסאַנט...

זעליק דערציילט, און פּומפּיאַנסקי טרינקט טיי, דערנאָך נעמט ער די רוסישע צייטונג און לייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע.

לייענט און סאָפּעט שווער:

זעליק שווייגט, קוקט אַרויס אין פענסטער — עס רעגנט, די דעכער זיינען נאַס.

שטענדיק, ווען עס קומט דער האַרבסט, דאַכט זיך אים אויס, אַז קיין זומער מיט זון וועט שוין קיינמאָל נישט זיין, קיינמאָל נישט...

און דאַמאָלס איז דאָך אַזוי בייטיק צו האָבן אַ וואַרעם ווינקעלע, אַן אמתן פריינט...

פאַרהאַן לענדער, ווו עס איז אייביק, אייביק זון... פאַרוואָס איז ער נישט געבוירן געוואָרן אין אַזאַ לאַנד?

ווי אַ שווערע לאַסט ליגט אויף אים דער בלייערנער הימל, פאַרוואָס איז ער נישט קיין פויגל, ער וואָלט אַוועקגעפלויגן פון דאַנען... אַזוי שווער.

און זעליק טראַכט באַ זיך, אַז דער גרעסטער, דער ווייטיקסטער רחמנות איז דער, ווען אַ דערוואַקסענער האָט אויף זיך אַליין רחמנות, אויף זיין אייגענער מאַכטלאָזיקייט...

יאָ, ווו איז אידאַ? אָן איר איז די שטוב אַזוי ווי ליידיק. אידאַ איז ערגעץ אַוועק צו באַקאַנטע און פון דריטן צימער האָט שוין עטלעכע מאָל געגומען ווייבען דאָס קינד...

לויפט די דינסט עס באַרויקן און פּומפּיאַנסקי רייסט זיך אָפּ פון זיין צייטונג.

פאַרמאַטערט געוואָרן, נעבעך, פון ליגן און ליינען.

עס ווילט זיך אים אַ ביסל באַוועגן מיט די ליפּן, אַ ביסל שמועסן מיט זעליקן...

— די טירלעך צו די אייוועלעך, זאָגסטו וועלן אין צוויי הדשים פאַרטיק ווערן...

— יאָ, ענטפערט זעליק. ער איז פאַרטראַכט און אומרויק, וואָס אידאַ איז נישט פאַרהאַן, די גאַנצע שטוב איז אים ליידיק...

— פאַרוואָס קומט עפּעס נישט מיין ווייבל? פרעגט פּומפּיאַנסקי, אַ מאָדנע זאַך, אַז איך בין אין דער פרעמד, בענג איך נישט נאָך איר, נאָר בעת איך בין אנדערהיים, וואָלט איך וועלן, אַז זי זאָל שטענדיק זיין לעבן מיר... די צימערן, אַלע ווינקעלעך זיינען מיר ליידיק אָן איר...

— זי וועט אוודאי באַלד קומען, זאָגט זעליק און עס איז אים שווער צו געפינען ווערטער.

פּומפּיאַנסקי רוקט זיך אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע, ער זוכט זיינע סיגאַרעטן...

— אָבער אַ ווייבעלע באַ מיר, אַ ווויל ווייבל, אמת? זעליק! באמת געטראָפן! דו ביסט נאָך יונג, דו קענסט זיך נאָך נישט מיטן לעבן, ברודערקע, אַז מען טרעפט נישט מיט אַ ווייב איז, שלעכט...

— איך רעכן, אַז ס'איז שלעכט.

— זייער שלעכט! — זאָגט פּומפּיאַנסקי און פאַררייכערט אַ ציגאַר...

— דיר געפעלט זי, מיין ווייבל? האַ, זאָג! זי איז אַ שיינע?

זעליקן פאַלט דאָס האַרץ אַראָפּ, אַ סעקונדע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער אַלטער נעמט אים אויספאָרשן...

— יאָ, זי איז אַ שיינע, אָבער קיין גרויסער מבין בין איך נישט.

די לעצטע ווערטער רעדט שוין זעליק אַרויס מיט מער דרייסטקייט, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז פּומפּיאַנסקי איז גאָרנישט אויסן מיט זיינע פראַגן.

פּומפּיאַנסקי איז זייער אויפגעלייגט, אויסגערוט איז ער, עס ווילט זיך אים פּלאַפּלען:

— און דו, זעליק, קענסט זיך נישט צופּאַסן אַ מיידל און טאַקע אַ רייכע, חתונה האָבן באַדאַרף מען מיט אַ רייכע און אַ שפּיל טון מעג מען מיט אַן אָרעמע אויך, אַבי עפּעס רעכטס.

— איך בין נאָך יונג, איך וועל נאָך באַווייזן.

זעליק פּרובט רעדן צום אַלטן אין זיין טאָן, אָבער פּומפּיאַנסקי איז אַרויס מיט לשון:

אין דיינע יאָרן, דו נאַר, אין דיינע יאָרן! ווי די פליגן זיינען זיי פאַר מיר געפאַלן... ער האָט זיך גענומען באַרימען, ער האָט גענומען רעדן נישט מיט אַזאַ איידעלע שפּראַך ווי שטענדיק, אַ מיידל האָט ער אָנגערופן: „מויד", „פּאַווע"...

אַן אַנדער מאָל וואָלט עס זעליקן אימפּאָנירט, וואָס דער „אַלטער" איז מיט אים אַזוי אויפגעלייגט און אַזוי אָפנהערציק, נאָר איצט האָט ער געהאַט אַ שווער געמיט...

אַזעלכע מעשיות האָט ער שוין געהערט פון לייבעטשקע ראָזנבלום, פון חיים גאָלדנבערג, פון באַראַשן.

אַלע האָבן זיי זיך ליב צו באַרימען, און וואָס האָט מען פון באַרימען זיך?

ער דערמאָנט זיך, אַז אויך אים ווילט זיך אַמאָל אויסשרייען וועגן זיין געשיכטע מיט דעם באַלעבאָס ווייבל, אָבער בײַ אים קומט עס גאָר פון אַן אַנדער סיבה; זיינע חברים האַלטן אים פאַר אַ יאָלד, וואָלט ער זיי וועלן ווייזן, אַז ער איז נישט קיין יאָלד.

אויפגערעגט איז זעליק און אומרויק, נאָר ער באַמקעט צו דעם באַלעבאָס זיינעם -- אַ ברירה האָט ער?

צום גליק עפנט זיך די טיר און אידאַ קומט אַריין פון גאַס אַ ביסל פאַרענדערט און אַ ביסל פאַרויטלט פון גיין.

מיט אַ סך פעקלעך איז זי געקומען.

זי האָט זייער ליב געהאַט צו לויפן איבער די קראָמען און איינהאַנדלען אַלץ, וואָס מען באַדאַרף און וואָס מען באַדאַרף נישט.

ווו ביסטו געווען אַזוי לאַנג, אידאָטשקע?

— באַ דער מומען געווען און איבער די קראָמען געגאַנגען, איינגעקויפט פאַר דיר וווּרשט, שפּראָטן... וואָס, אפשר אַ שלעכט ווייבל?

— אַ גאָלד, אַ געווינס, זאָג איך דיר...

זי לאַכט און מיטן לאַכעדיקן פּנים קוקט זי אויף זעליקן. באמת באַדאַרף ער אויך לאַכן, בשעת באַלעבאַטים לאַכן, באַדאַרף ער, דער משרת, אויך לאַכן, נאָר די ליפּן זיינע האָבן זיך אַזוי ווי פאַרשלאָסן.

— וואָס שווייגסטו עפּעס, זעליק? דערמאָנט זיך פּלוצלינג אידאַ... טיי האָסטו געטרונקען?

זיין גלאָז טיי, וואָס דער „אַלטער" האָט אים פריער אָנ-געגאָסן, שטייט נאָך נישט גערירט און איז שוין קאַלט.

אידאַ לויפט אין קיך אַריין צום דינסט-מיידל, מען דאַרף וואַרעם מאַכן די טיי, מען דאַרף נעמען צוגרייטן צום אָוונט-ברויט...

די גאַנצע שטוב האָט אויפגעלעבט. זעליק פילט, אַז זיין כעס און אומרויקייט איז ערגעץ אַרױפּגעפאַלן...

נישטאָ...

ליכטיק איז דאָ, היימלעך און וואַרעם, גוט, טויזנט מאָל גוט צו זיצן לעבן די מענטשן און נישט פילן דעם עלנט.

געוואָלט האָט ער דאַמאָלס צוגיין צו דער ביכער-שאַנק און אַרויסשלעפּן אַ בוך, אַלצאיינס וועלכעס בוך, אַבי עפּעס לייענען. זעליק האָט געקענט נאָר דאַמאָלס לייענען, בשעת ער איז געווען גוט גע-שטימט.

קלינגט ווער אין טיר און אין עס-צימער קומט צו אַ נייער פּאַרשוין.

דער?... ווי קומט ער אַהערצו?

דאָס איז דאָך שמערקעס! דער גרעסטער שאַרלאַטאַן אין שטאָט, נאָך אַלע ווייבלעך יאָגט ער זיך נאָך און מען זאָגט, אַז זיי לויפן נאָך אים אויך.

זעליקן דערלאַנגט אַ צופּ באַם האַרץ, פּונקט, ווי דער מלאך-המות וואָלט דאָ אַריינגעקומען.

שמערקעס...

אַ מאָל האָט ער געלעבט אַ לענגערע צייט אין פּאַריז און פון דאָרט געבראַנגט אַ ביסל פראַנצויזיש, אַ ביסל טענץ און אַ סך חוצפּה...

מיט קליינטשיקע וואָנסעלעך, מיט טיפע שוואַרצע אויגן און מיט אַ מאַטאָווע געזיכט.

ער איז געווען אַ שיינער יונג.

פלעגט גוואַלטיק היטן דעם קנייטש פון זיינע הויזן, דעם גלאַנץ פון זיינע שיך.

ער פלעגט שפּרייזן אויף די גאַסן מיט לאַנגזאַמע טריט ווי אַן אַריסטאָקראַט און שמייכלען צו יעדער שיינער פרוי.

אין שטאָט האָט מען אים גערופן „שאַרלאַטאַן", און געווען איז ער דער בעסטער „טאַנצמייסטער". אַלע זיינען געלאָפן צו אים זיך לערנען טאַנצן.

אויסער דעם האָט שמערקעס געשפּילט קאָרטן און לעצטנס האָט מען דערציילט, אַז ער האָט געוווּנען אַ סך געלט. ער אַליין

פלעגט דערציילן, אַז ער האָט באַקומען אַ גרויסע ירושה פון אַמע-ריקע.

צו וועמען איז ער דאָ געקומען? וואָס? אוודאי געוואָרפן אַ אויג אויף אידאַן...

דאָס זיינען געווען די ערשטע געדאַנקען זעליקס, בעת ער האָט אים דערזען. באַלד האָט ער זיך געגומען טרייסטן מיט דעם געדאַנק, אַז שמערקעס איז געקומען צוליב אַ געשעפט.

מען האָט גערעדט, אַז שמערקעס וויל ווערן אויס טאַנצמייס-טער און אויס שאַרלאַטאַן, ער זוכט אַ תכלית, ער וויל ווערן אַ שותף מיט עמעצן און פירן גרויסע געשעפטן...

אפשר? אפשר וויל ער צושטיין צו פּומפּיאַנסקין און ווערן מיט אים אַ שותף?

פּומפּיאַנסקי האָט שוין עטלעכע מאָל גערעדט, אַז ער אַליין קען זיך נישט צערייסן, אַז עס וואָלט גוט געווען אַ שותף צו האָבן...

שמערקעס האָט זיך פיין פאַר אַלע פאַרנייגט, פיין זיך אָוועקגעזעצט און באַ יעדער געלעגנהייט אָפּגעענטפערט מיט אַ סאַמעטענעם קול;

— מערסי!

עס זיינען געקומען נאָך עטלעכע געסט, פון די שטענדיקע, מיט וועלכע דער גביר פלעגט שפּילן אין קאָרטן און פאַרברענגען באַ אַ גלעזל טיי.

זעליק האָט זיך געוווּנדערט, וואָס קיינער פון די אַלע אָנגע-קומענע ווונדערט זיך נישט, ווען זיי דערזען דאָ דעם פאַרשוין.

שמערקעס דאָס איז דאָך דאָס ערגסטע, וואָס די שטאָדט באַרמאָגט.

דאַכט זיך, אַז מיט אים שרעקט מען קינדער, קיין אַנשטענ-דיקער מענטש דערלאַנגט אים די האַנט נישט און דאָ איז ער

אַרײַנגעקומען אין אַן אָנשטענדיקע שטוב, מען האָט פֿאַר אים ברייט געעפֿנט די טיר...

אוועקגעזעצט אויפֿן בעסטן פּלאַץ.

אַלע זײַנען געזעסן בײַ איין טיש און אַלע האָבן נײַגעריק געקוקט אויף דעם טאַנצמײַסטער, וואָס האָט געלעבט אַ לענגערע צײַט אין פּאַריז.

מער פֿאַר אַלע איז מיט אים פֿאַרנומען געווען אידאַ, זי האָט די אויגן פֿון אים נישט אַראָפּגעלאָזט.

זעליק האָט גאָרנישט געוווּסט און גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס אידאַ קוקט אַזוי פֿיל אויף שמערקעסן...

נאָר געזעסן איז ער, ווי אײַנגעביסן פֿון אַ שלאַנג, און אומרויִק איז ער געווען, ווי אַ פֿאַרמשפּטער.

קיינמאָל האָט ער זיך אַזוי פֿרעמד נישט געפֿילט צווישן מענטשן און דאָ האָט מען זיך מיט אים אַפֿילו נישט גערעכנט, הײַנט האָט ער דאָס דײַטלעכער באַמערקט; פֿאַר דעם טאַנצמײַסטער האָט מען אים נישט פֿאַרגעשטעלט...

אַ משרת בלײַבט אַ משרת, האָט זעליק בײַ זיך געטראַכט, עס וועט קומען דער אָנהייב-זומער, וועט ער ווידער לויפֿן אַרויף און אַראָפּ פֿון די רושטאָוואַניעס, פֿאַרשטויבן זיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס... אָט אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר... אַ ביטערניש האָט גענומען טרינקען זײַן האַרץ.

שמערקעס האָט דערציילט עפּעס אַ מעשה און דער גאַנצער עולם מיטן בייכיקן פּומפּיאַנסקי האָט גענומען לאַכן, אויפֿן קול לאַכן, עס איז ענלעך געווען צו אַ הירזשען פֿון פֿערד...

פּלוצלינג האָט אים פֿאַרפּעלט לופֿט, ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און זיך גענומען געזעגענען.

— וואָס איילסטו? ווערסט עסן מיט אונדז, — האָט פּומפּיאַנסקי זיך אָנגערופן.

— ניין, איך דאַנק, איך פּיל זיך נישט גוט.

ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, אידאַ איז אים נאָכגעגאַנגען.

פּילסט זיך טאַקע שלעכט? האָט זי בּאַ אים נעפרעגט.

ער איז געווען צעטומלט און כמעט נישט געהערט איר פראַגע.

איך פּיל זיך נישט גוט, איך וויל גיכער זיין אינדערהיים...

אין איילעניש האָט זי אים אַ זאָג געטון, אַז מאָרגן וועט זי זיין בּאַ אים, ער זאָל וואַרטן, ווי שטענדיק, זעקס אַ זייגער.

נאָר אין טאָן אירן האָט ער געפילט, אַז זי וויל זיך אַזוי חי פאַרענטפערן, ער האָט געפילט, אַז זי וויל גיכער זיין אין עס-צימער, וווּ שמערקעס איז געזעסן אויבן-אָן און געהאַלטן אַלעמען פאַראינטערעסירט מיט זיינע מעשות און פלאַכע וויצן...

ער איז געלאָפן איבּער די גאַסן, ווי אַ משוגענער...

אַ פרעמדער מענטש, אַ נייַ פּנים האָט זיך אַריינגערוקט אין זיין לעבּנס-גאַנג... שמערקעס! כאַ, כאַ...

ווי בּרייט ער איז געזעסן אויף זיין שטול, ווי זיכער ער האָט גערעדט, ער, זעליק האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי זיכער נישט געפילט מיט פרעמדע מענטשן... און מיט אייגענע? ווער זיינען זיי עס די אייגענע זיינע? די אויסגעמאַטערטע טאַטע-מאַמע? אָדער חיים גאָלדנבּערג מיט זיין רבקה, וואָס האָבּן זיך אַזוי ליב, וואָס טראַכטן נאָר, ווי אַזוי רייך צו ווערן... קיינער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט אָוועקגעגעבּן קיין טראָפּן אמתן געפיל.

נאַכט! מיט דיינע פאַרלאָשענע פענסטער, מיט דיינע צוגע-מאַכטע לאָדנס... ווי אַ פינסטערער וואַלד זעסטו אויס, שטאָט! און גייט אַרויס אָן איינזאַמער מענטש אויף דיינע גאַסן, ווילט זיך אים יאָמערן, ווי אַ הונגעריקן וואָלף.

קאַלטע שטיינער, בּאָסע ווענט פון די מויערן! אויף אייך פאַלט נאָר דער בלייכער שאָטן פון דעם מענטש, נאָר נישט זיין נשמה, וועלכע איז פאַרסמט און צעבלוטיקט פון אומצופרידנהייט און זוכעניש...

מיט געוואַלט רייסט זעליק אַרויס פון דער נשמה די שוואַר־צע געדאַנקען.

ער נעמט טראַכטן פון אידאַן... נעכטן איז זי געווען בּאַ אים...

יעדעס וואָרט, יעדער קוש, יעדע באַוועגונג אירע ברענגט ער אַרויס איצט אויף דער פינסטערער גאַס און עס דאַכט זיך אים, אַז די שוואַרצע גאַסן ווערן באַלויכטן, פאַקעלן צינדן זיך אָן...

ניין, אויב זי איז נעכטן געווען אַזוי גוט צו אים, וועט זי מאָרגן אויך זיין דאָס זעלבע?...

ער קאָנטראָלירט זיך אַליין; צי וואָלט ער געקענט צוגיין צו אַ פרוי, צו דער שוועסטער, צו דער בעסטער? צו וואָלט ער זיך געקענט פילן מיט איר, אַזוי ווי ער פילט זיך מיט אידאַן? טויזנט מאָל ניין...

און זי, אידאַ? זי נאַרט דאָך שוין איינעם... איר מאַן נאַרט זי צוליב אים, צוליב זעליקן... ער דערמאַנט נאָך, צענדליקער מאָל אירע רייד צו אים, אירע קושן...

איצט איז זי אים נאָך טייערער געוואָרן, זי איז אים דאָך נאָכגעגאַנגען בעת ער האָט גענומען אַוועקגיין פון פּומפּיאַנסקין, זי רעכנט זיך מיט אים...

ער האָט זיך באַרויִקט און דאָך האָט זיך אים אַ גאַנצע נאַכט געחלומט דער אויסגעפוצטער שמערקעס מיט זיין „מערסי“, מיט די גאַלאַנטע טריט, וואָס ער שטעלט...

אַ „קאָמעדיאַנט“ האָט זעליק אים געדאַנקלעך אָנגערופן...

ער וואָלט שוין אָבער וועלן זען אידאַן און הערן, וואָס ער זאָגט וועגן אים, וועגן דעם טאַנצמייסטער שמערקעס.

עטלעכע מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און יעדעס מאָל האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט וועגן שמערקעסן. ער האָט אַ סך פון אים געהערט — חיים גאָלדנבערג פלעגט וועגן אים אָפט רעדן.

אַ יונגערמאַן אויף וועלכן אַלע צעלאָזטע מיידלעך און ווייבלעך קוקן דורך די גאַרדינען, געהיים כאַפּט מען אַ קוק אויף דעם טאַנצמייסטער.

נישט אַלע האָבן זיך דערלויבט אָפן מיט אים צו שפּאַצירן איבער דער ניקאָלאַיעווסקע גאַס, אָדער אין שטאָט-גאָרטן — דאָס וואָלט קאָמפּראָמיטירט.

ער איז טאַקע געווען אין פּאַריז און קען אַ ביסל פראַנצויזיש רעדן.

אָבער ער איז נישט מער ווי אַ טאַנצמייסטער.

און דערצו...

מען האָט אויף אים גערעדט פאַרשידענע זאַכן, מען האָט דערציילט, אַז די זעלבע יונגעלייט, וואָס לערנען זיך טאַנצן בּאַ אים, העלפט ער צו באַפרייען זיך פון סאָלדאַטן.

ער איז אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם פּאָליציימייסטער און טוט אַמאָל אַ טובהלע. ווען עס פאַלט אויף וועמען אַ שטראָף פון דער פּאָליציי.

פאַרשטייט זיך, אַז שמערקעס טוט עס פאַר געלט.

געווען שטענדיק אַ רויקער, אַ זיכערער אין זיך.

אַ באַליידיקטער מאַן האָט אים געפּאַטשט, ווייל ער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך זיין ווייב — שמערקעס איז אויף מאָרגן ווידער געגאַנגען אויף דער גאַס שפּאַצירן מיט אַ דין שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט די אויסגעפּרעסטע הויזן און גלאַנציקע לאַקערקעס.

מען האָט אים אַמאָל אַרעסטירט עפּעס פאַר אַן אַפּערע אויף טעלעכע חדשים.

געקומען פון תפיסה און באַלד אויף דער גאַס.

ווי נישט מיט אים האָט עס פּאַסירט.

פּריש, יונג, מיט „אַריסטאָקראַטישע" טריט שפּרייזט ער שוין ווידער אויף ניקאָלאַיעווסקע, קומט אין קלוב שפּילן אין קאָרטן און באַגעגנט זיך אין די פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון שטאָט מיט פאַר-שלייערטע פרויען.

ווי אַ באַל, אַ מאַסקאַראַד... שמערקעס איז דער ערשטער, מען האַלט זיך צום אַנהייב ווייט פון אים, דערנאָך דערנעג-טערט מען זיך — אַרום שמערקעסן איז שטענדיק פריילעך, פרויען לאַכן און קוקן אים אין די אויגן.

אַ קאָמפּראָמיטירטער מענטש און דאָך אַ „ליבלינג".

און דער „ליבלינג" האָט אַצינד גענומען גיין צו פּומפּיאַנסקין.

צוליב וואָס?

זעליק האָט זיך לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, יעדער בליק אידאַס צו שמערקעסן, יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט אויסגערעדט צו אים, אַלץ האָט ער איצט געמאָסטן און געוואויגן... ביז ער איז איינגע-שלאָפן.

און אַצינד...

אַ שעה צייט פאַרבערענגט שוין בײַ אים אידאַ, די ליפּן טון שוין ווי פון אירע קושן און די גאַנצע צייט ווילט זיך אים פרעגן בײַ איר איין פראַגע:

„צוליב וואָס קומט צו איר אין שטוב שמערקעס?"

דאָך זעליק פאַרשטייט נאָך אַליין נישט איבעריק גוט צו-ליב וואָס ער וויל דאָס פרעגן בײַ אידאַן: וואָס אינטערעסירט טאַ-קע אים דער כאַנצמייסטער מיט די קליינע וואָנסעלעך? און ווייל ער

ווייסט נאָך נישט אויף קלאָר די סיבה פון דעם, האָט ער נישט קיין דרייסט צו דערמאָנען דעם נאָמען „שמערקעס״.

צו הילף קומט אים אידאַ אַליין. פּלוצלינג פאַלט איר איין אַריינצוּוואַרפן אַזאַ פראַזע:

— ווי געפעלט דיר שמערקעס? אַ שיינער, אמת?

— אַ שאַרלאַטאַן, — רייסט זיך בײַ זעליקן אַרויס מיט כעס.

— וואָס האָסטו צו אַ מענטש? ער האָט דיר עפּעס שלעכטס געטון?

— ניין, ער האָט מיר גאָרנישט געטון, נאָר מען קען פיינט האָבן אָן אַ סיבה אויך.

— האָסט אים פיינט, זעליק?

איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז פאַר אַ געפיל. איך קען אים נישט אָנזען, דער גאַנצער שמערקעס מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, ווי אַ גוטער קאָמעדיאַנט, אַ פּוסטער יונג, אַ גלאַנציקער שיך און מער נישט.

— און מיר געפעלט ער, דו ווייסט, מיך פאַרדריסט צייטנווייז, וואָס דו ביסט אַזאַ...

— וואָס הייסט אַזאַ? אַ טאַנצמייסטער ווילסטו זאָל איך ווערן?

— ניין, שמערקעס איז שוין אויך נישט קיין טאַנצמייסטער, ער ווערט אַ שותף מיט מיין אַלטן, וועסט האָבן נאָך אַ באַלעבאָס...

וואָס? מער האָט אים שוין נישט געפעלט זעליקן? שמערקעס זיין באַלעבאָס! און שמערקעס וועט שמייכלען צו אידאַן... אַ פלאָנטער כאַפּט אַרום זיינע געדאַנקען. צוויי קאָנקורענטן וועט ער האָבן: פּומפּיאַנסקין מיט שמערקעסן, און ביידע וועלן זיין הערשער איבער אים.

זעליקן איז ענג געוואָרן זיין צימערל. ער קען קיין ווערטער נישט געפינען. און אידאַ רעדט ווייטער.

— אַ מענטש! ער איז אַ מענטש, ער האָט שוין געזען אַ וועלט, ער ווייסט זיך ווי צו האַלטן.

כעס און שרעק האָבן זיך געראַנגלט אין זעליקס ברוסט: איצט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער דיספּוטירט מיט אַן איינגעשפּאַרטן חבר, און ער, זעליק, פילט זיך גוואַלטיק גערעכט. ער מוז דעם חבר איבערצייגן:

— אידאַ, דו וואָלסט וועלן איך זאָל זיין אַזאַ ווי שמערקעס? אַ שאַרלאַטאַן, אַ טאַנצמייסטער, אַ מענטש, וואָס מאַכט מיאוסע געשעפטלעך מיט פּאָליציי...

— ניין, זייַנע געשעפטן גייען מיך נישט אָן, — האָט אים אידאַ איבערגעריסן זייַנע היציקע רייד.

נאָר זעליק קאָכט זיך ווידער:

— וואָס דען? זייַנע ביליקע שמייכעלעך און פראַזן? זיין שאַרקען מיט די פיס, ווי אַ ליאַלקע? אידאַ! איך בין דאָך גאָר אַן אַנדערער, איך וויל דאָך זיין אַן אַנדערער...

— וואָס ווילסטו זיין? וואָס אַזוינס? זע נאָר ווי ער האָט זיך צערעדט?

זי האָט איראָניזירט פון זייַנע ווערטער, זעליקן האָט עס אויפגערעגט, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט איבערצייגן, באַווייזן, אַז ער איז גערעכט און שמערקעס איז אַ גאָרנישט...

— וואָס איך וויל זיין? אידאַ, דו פרעגסט וואָס איך וויל?

— יאָ!...

— איך וויל זיין אַן אָרנטלעכער מענטש.

אידאַ האָט אַ שמייכל געטון.

— וואָס שמייכלסטו? — האָט זעליק געפרעגט, און געפילט האָט ער, אַז ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, וואָס זי שמייכלט:

— אַן אָרנטלעכער, זאָגסטו, ביזט טאַקע אַן אָרנטלעכער

מענטש, אַ סך אָרנטלעכער ווי אַנדערע און דאָך טוסטו אויך נישט קיין ערלעכע זאַכן.

זעליק האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס זי מיינט, און דאָך האָט ער געפרעגט, שטיל געפרעגט, ווי אַ פאַרמשפּטער:

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין דאָס, וואָס איך, דיין באַלעבאָס ווייב, בין דאָ באַ דיר. און דו גנבעסט, מיר ביידע גנבענען. דו מיינסט, אַז דאָס איז אָרנטלעך?

— דו האָסט דאָך שטענדיק געלאַכט פון מיין שוואַכקייט, ווען איך פלעג דאָס דערמאַנען.

— איך לאַך אויך איצט...

— אידאַ, וואָס וועט זיין פון דעם?

— גאָרנישט, מען באַדאַרף לעבן כּל-זמן מען לעבט.

דעם אָוונט איז זי געבליבן לענגער, ווי אַלע מאָל, דער אַלטער איז אַוועק צו באַקאַנטע שפּילן אין קאָרטן, און זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט.

זעליק האָט לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך פון די אַלע געשפּרעכן, פון שמערקעסן, פון זיין נישט-אָרנטלעכקייט.

ער האָט ארומגעשפּאַנט איבערן צימער, ווי אין אַ תּפיסה-קאַמער, לופט האָט אים פאַרפעלט.

„פאַרפלאָנטערט זיך", אויף אייביק פאַרפלאָנטערט. און דאָרט אין ווינקל איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן אידאַ און געשמייכלט פון אים:

— ווי לאַנג וועסטו אַזוי אַרומפליִען איבערן צימער?

זעליק איז צו איר צוגעגאַנגען, עס איז אים געווען ביטער אויף דער נשמה...

און אין דער זעלבער צייט האָט אים איר אָנוועזנהייט אַ ביסל באַרויִקט; זי איז דאָך באַ אים, באַ אים אין צימער... קיין

שרעקלעכע זאַך איז דאָך נישט געווען... באשר זי האָט געקוקט אויף שמערקעסן און געשמייכלט צו אים! ער איז צוגעגאַנגען צו איר האַלב פאַרלוירן, האַלב מונטער:

— אידאַ!

— וואָס ווילסטו?

— מיר איז נישט גוט, אידאַ. איך וועל משוגע ווערן.

— יונגל!

דאָס איז געווען עפּעס אַ מאַגישער קלאַנג, אַ וואָרט, וואָס נעמט צו אַלצדינג, אַלע ווייטיקן, אַן אָנזאָג, אַ דערנענטערונג פון עפּעס צאַרטס, האַרציקס. די פינגער אירע האָבן גענומען גלעטן זיינע באַקן, אונצו די ליפּן האָט זי צוגעטראָגן אירע פינגער, און ער האָט זיי געקושט, ווי אַ געהאָרכזאַם קינד, ווי מיט אַ סך יאָרן וואָלט ער יינגער געווען פאַר איר. זי האָט זיינע האָר געגלעט מיט די פינגער, עפּעס געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, גערופן אים בענטער צו זיך מיט אַ קעצישער בויגיקייט, מיט דער דרייסטקייט און חוצפּה פון דער ליידנשאַפט. דאָס שווערע, וואָס האָט געדרוקט זעליקס ברוסט, איז ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן, ער האָט דערפילט אירע הייסע ליפּן, האָט אָנגערירט מיט זיינע הענט דעם וואַרעמען גאַקעט פון איר לייב...

ווי אַ גרויסע באַפרייונג וואָלט זיך צו אים דערנענטערט אַזעלכע שווערע קייטן האָט ער געטראָגן אויף דער נשמה און אַלץ, אַלץ פאַלט אַראָפּ.

עפּעס האָט נאָך געעגבערט אין די געדאַנקען פון דעם לעצטן געשפּרעך. אַ קליין ספק האָט נאָך געוואָלט אָפּקילן זיין היציקייט. נאָר דאָס ספק מיט אַלע ווייטיקן, מיט אַלע אומרוען זיינען דערשטיקט געוואָרן אין זייערע געמיינזאַמע אָרעמס...

דערנאָך האָט זי ווידער בעגלעט זיינע האָר און גערעדט:

— אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלטן זיך דאָך געשעצט גליק־לעך, זעליק, און דו ביסט שטענדיק אומצופרידן.

— מיט וואָס באַדאַרף איך זיין אַזוי גליקלעך? — האָט זעליק מיט אַ שמייכל געפרעגט.

— דו פרעגסט נאָך: דו באַליידיקסט דאָך מיך מיט דיינע פראַגן... דו נאַר! אַזאַ יונג ווייבל ווי איך בין... קומט צו דיר אין שטוב, דאָס איז נאָך ווייניק? איך בין דאָך נישט קיין מיאוסע, אַנדערע זאָגן, אַז איך בין שיין... איך בין אַ שיינע, זעליק?

— פאַר מיר די שענסטע!

— ניין, שמערקעס האָט אַנדערע ווערטער צו אַזעלכע פראַגן. ער זאָגט, אַז איך זע אויס, ווי אַ פראַנצויזין. די פיגור, זאָגט ער, די פיסלעך, די טריט ווי איך שטעל — אַלץ ווי בײַ אַן עכטע פראַנצויזין.

זי האָט גערעדט, געפּלאַפּלט און נישט באַמערקט, אַז זעליק איז שטיל געוואָרן, שטום...

זי האָט דערמאָנט שמערקעסן, און בײַ זעליקן איז דאָס האַרץ אַראָפּגעפאַלן.

— וואָס שווייגסטו, זעליק? שוין ווידער ברוגז?

— דערמאָן מיר מער נישט דעם טאַנצמייסטער...

— וואָס איז מיט דיר? ביסט אייפערזיכטיק... דאָס געפעלט מיר! הער אויף! איך לאַך זיך אויס פון אים...

— לאַכסט זיך אויס און יעדער רגע דערמאַנסטו אים.

— נו, לאָז, מאַך זיך פון דעם גאָרנישט... דו מיינסט, אַז איין מאַן און איין געליבטער איז נישט גענוג?

— ווען איך וואָלט דיך נישט ליב געהאַט... איך איינע האָב דיך דאָך באַמערקט, דו ביסט בעסער פאַר זיי אַלע...

אָט מיט אַזעלכע פלינקע פראַגן און תשובות פלעגט זי אים איינגאַנצן פאַראַלעזירן, זי האָט אים אין אַזעלכע רגעס אויס־

געזען ווי די קליגסטע אין דער וועלט און ער אַליין האָט אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ נאַר...

הערסט? נאָך ווייניק באַווייזן האָט ער פון איר, אַז זי איז אים אַזוי געטריי. זי גיט אים דאָך אָפּ דאָס בעסטע, גנבעט שעהן, זאָגט צוליב אים ליגנט...

יאָ, זי איז גערעכט. נאָר דער עיקר, וואָס אידאַן פּייניקט, וועגן דעם עיקר וויל זי נישט רעדן. באַ זעליקן האָט זיך שוין איינמאָל אַרויסגעריסן אַזאַ פראַזע:

— אידאַ! לאָמיר אַנטלויפן פון מאַן, פון קינד, פון אַלע. אידאַ! איך וועל אַרבעטן, איך וועל די וועלט איבערקערן פאַר דיר. אַלץ פאַר דיר.

יענע אָבער נעמט לאַכן פון אַזעלכע ווערטער.

— אין אַ בוך האָסטו דאָס אוודאי געלעזן, דאָס לעבן איז אַנדערש, און זי פלעגט גלייך אַוועקלייגן אויפן טיש אַזעלכע אַר־גומענטן, אַנטקעגן וועלכע דער נישט פראַקטישער זעליק האָט גע־מוזט שווייגן...

איצט, ווען זי איז אַזוי גוט צו אים, ווילט זיך אים ווידער אויסנוצן די געלעגנהייט און רעדן וועגן דער זעלבער זאַך.

רעדן וועגן דעם, אַז דאָס איז מיאוס, וואָס זיי נאַרן ביידע, אויסדערציילן איר, אַז ער בענקט אַציגד, ווען זי איז נישטאָ, ער בענקט אַ סך מער, ווי פריער, אַז ער האָט איבערגעריסן מיט היים און מיט חברים, אַז נאָר זי איז באַ אים דער עיקר.

נאָר אידאַ פּומפּיאַנסקי האָט אַזוי ווי דערפילט, וואָס אין זעליקן קומט פאָר און זי האָט זיך געכאַפּט:

— דו ווייסט, עס איז שוין שפּעט, דער אַלטער איז שוין אוודאי אינדערהיים.

און איינס, צוויי.

זי נעמט זיך גרייטן אין וועג אַריין, זעליק באַגלייט זי ביז

דער טיר און דערנאָך באַטראַכט ער זיין אויסגעליידיקט צימער.

אינגאַנצן ליידיק איז נישט דאָס צימער, עס שוועבן דאָ נאָך אידאַס בליקן, די קלאַנגען פון אירע ווערטער.

קוקט אַרום זיך...

זיין האַרץ איז פול.

איין האַלב האַרץ איז פול מיט פרייד, וואָס זי איז דאָ געווען, מיט די טייערע שעהן, אויף די ליפן גליען נאָך אירע קושן...

און די צווייטע העלפט האַרץ בונטעוועט זיך און פייניקט: זי איז מיינע און נישט מיינע, איך בין גליקלעך און נישט גליקלעך...

פלוצלינג האָט אים אין האַרץ אַ דריי געטון... אָט דאָס אַלץ, וואָס דאָ איז מיט אַ האַלבער שעה צוריק געשען, מיט מינוטן צוריק...

איז דאָס נישט קיין חלום? ער וואָלט זיין לעבן אָפּגעגעבן, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז אַלץ איז טאַקע אַזוי געווען...

אַ מאָדנער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן.

אָן אַ היטל איז ער אַרויסגעלאָפן פון צימער, אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און געגומען זוכן מיט די אויגן אידאַן. די גאַס איז קוים באַלויכטן געווען, ער האָט קיינעם נישט געזען. לויפט ער אָפּ עטלעכע טריט אויפן טראָטואַר און אָט...

אידאַ וויל זיך שוין אַריינזעצן אין אַ דראָזשקע.

— אידאַ, וואַרט אַ רגע...

זי קוקט זיך אַרום, קוקט אים אָן און פאַרשטייט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר:

— איך האָב עפּעס פאַרגעסן? זעליק!

— ניין?

— טאָ וואָס ביסטו אַזוי אַראָפּגעלאָפן צו מיר?...

ער האָט געקוקט אויף איר מיט צעטומלטע אויגן:

— קום אַרויף צו מיר, נאָך אויף איין האַלבע שעה, איך וויל דו זאָלסט אַרויפגיין, איך האָב קיינמאָל נישט געבענקט נאָך דיר אַזוי ווי אַצינד...

אָבער עס איז שוין שפּעט, דער אַלטער איז שוין אוודאי אינדערהיים... וואָס איז מיט דיר?

— קום, קום... ער האָט זי כמעט מיט גוואַלט אַרויסגע־פּילט פון דער דראָזשקע, אויף די טרעפּ האָט ער זי אונטערן האַנט געפירט און געקושט, געקושט...

זיי זיינען צוריק אריין אין צימער.

— וואָס איז מיט דיר, זעליק?

— גאָרנישט... זאָג מיר, דו ביסט שוין דאָ היינט געווען? דאָרט אין ווינקעלע אויף מיין געלעגער, האָסטו מיך אַזוי געקושט, זאָג?

— זעליק, ביסט נישט געזונט? וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אין די עטלעכע מינוט?

— אידאַ...

אויף דער קני האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און צוגעטוליעט זיך מיטן קאָפּ צו איר... אידאַ! עס האָט זיך מיר נישט געגלייבט אין מיין גליק, בשעת דו ביסט אַראָפּגעגאַנגען, האָב איך גענומען צווייפ־לען, צי דאָס איז נישט קיין חלום, איך בין אַזוי אָנגעשראָקן, אַזוי קליין באַ זיך שטענדיק, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך זיץ אַ פאַר־טריבענער אין אַ ווינקעלע, אין אַ ווינקעלע... אַזוי ווי אינדערהיים באַ דער מאַמען...

אויסגעדאַכט האָט זיך דאַמאָלס, אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען, מיט צערטלעכע פינגער האָט זי אים גענומען גלעטן און ווידער רופן „יונגל!".

— מען דאַרף זיין שטאַרק, דרייסט, זעליק! ביזט דאָ שוין נישט קיין קינד...

— איך בין גאָרנישט אַזוי שוואַך, אידאַ!

דאָס, וואָס זי האָט אים געפּאָלגט און צוריק אַרויף צו אים, דאָס, וואָס זי רעדט צו אים מיט אַזאַ גוטער שטימע... אַלץ אײנײנעם האָט אים מיטאַמאָל אַזוי פיל מוט געגעבן, ער איז אויפֿ־געשפּרונגען פון אָרט:

— װען איך זאָל גליבן, איין ביסעלע גלײבן אין אַ צװײטן, אין אַ פרײנט, די װעלט, זאָג איך דיר, װעל איך איבערקערן. װאָס דו װילסט! אַ סוחר, אַ פּאָדריאַטשיק, אַ פּאָעט... איך װעל װערן דער גרעסטער, דער שטאַרקסטער...

זי האָט אים געקוקט אין די אויגן און געלאַכט פרײנטלעך צו אים. בײדע זײנען זײ געװען יונג אין דער רגע, זי איז גע־װען איבעראַשט פון זײן אײנפֿאַל;

— לויפן אויף דער גאַס און ברענגען מיך צוריק, איך װאָלט עס אויף דיר נישט געגלײבט...

— אָבער אַצינד גלײבסטו, האַ! גלײבסט?...

ער האָט זי געכאַפּט אויף די הענט און עטלעכע מאָל אַרומ־געלאָפן מיט איר איבערן צימער. לײכט האָט ער זי געטראָגן אויף בײדע הענט, און דער בחור האָט געפילט, אַז ער האָט באמת פליגל. זי האָט געלאַכט, געלאַכט אויפן קול און אויסגעשריגן אײן פּראַ־זע עטלעכע מאָל.

— װאָס איז דאַ פאָרגעקומען מיט דיר, זעליק!

— דאָס האָסטו מיך משוגע געמאַכט...

זײ האָבן זיך שוין װידער געפונען אין װינקל פון חדר, דאָרט װו עס איז געשטאַנען זעליקס בעטל.

— אָט זײנען דײנע הענט און אָט זײנען מײנע הענט...

— דײן קאָפּ און מײן קאָפּ.

— דײנע ליפּן און מײנע ליפּן... אמת, אידאַ!

— דײן האַרץ און מײן האַרץ...

זײנע װערטער זײנען געפאַלן צוזאַמען מיט הײסע קושן...

זי האָט אים נישט דערקענט: ער, וואָס איז שטענדיק געווען כמעט ווי צוריקגעהאַלטן און ווען זי אַליין פלעגט צערייצן מיט אירע קושן, מיט איר באַנטקייט... זי איז איצט אומגעריכטערהייט מיט פייערדיקן אימפעט באַזיגט געוואָרן אין זיינע אָרעמס...

וואָס דאַרט מאַן, קינד, היים?

די שעה, וואָס זיי האָבן איצט פאַרברענגט, איז דורכגעלאָפן, ווי אַ פאַרכישופטע רגע... ביז זי האָט די ערשטע זיך אויפגעכאַפּט:

— וואָס פאַר אַ ליגנט טראַכט מען אויס פאַרן אַלטן?

געזאָגט איז דאָס געוואָרן מיט אַ לייכטן טאָן און געפילט האָט זיך אין אירע ווערטער, אַז זי וועט זיך שוין אַן עצה געבן.

איצט האָט זי זעליק נישט באַגלייט ביז דער טיר, ער איז געבליבן אויף זיין געלעגער און מיט איבערגעגעבענע אויגן גע־קוקט אויף אידאַן, ווי זי גרייט זיך אַוועקצוגיין פון אים...

— און איך האָב זיך ערשט דערוווסט, אַז דו ביסט אַזאַ פייערדיקער.

געשמייכלט צו אים פונדערווייטנס, צוגעגאַנגען צו אים, דער־לאַנגט אים די האַנט און די ליפּן. נאָך איין לאַנגן קוש... זעליק האָט צוגעמאַכט די אויגן...

ווען ער האָט זיי אויפגעעפנט, איז שוין אידאַ אין צימער נישט געווען.

ער האָט אַליין צו זיך אַ שמייכל געטון, געוואָלט זיך פונאַנ־דערלאַכן פון פרייד, אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און גענומען צוטאַנצנדיק זינגען...

אָט וואָס ער האָט היינט אָפּגעטון!... משוגע איז ער גע־וואָרן, וואָס? שמערקעס האָט אים איצט אויסגעזען, ווי אַ גאָרנישט... ער וואָלט זיך אַליין קליין געמאַכט, ווען ער וואָלט צו אַזאַ גע־אייפערט... אַפאָר לאַקירטע פּ אַנטאָפל און עטלעכע פּראָנצוויזישע פראַזן... אַ גאָרנישט.

ער האָט איצט געגלייבט אָן אידאַן, אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז ערשט היינט האָט ער זי באַגעגנט און באַזיגט.

געווען מונטער, ווי קיינמאָל נישט. דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן מיט פעסטע טריט, נישט באַמערקט, אַז עס איז נאַס, נישט געפילט דעם טיפן האַרבסט... ריטמיש האָבן די טריט צוגעקלאַפט צו זיינע מונטערע געדאַנקען...

שפּעטער איז ער אַריין צו „שרהלען". דאָס איז געווען אַ רעסטאָראַן מיט אַ קרעמל אינייגעם, דאָרטן פלעגט אים אָפט פאַרשלעפן חיים גאָלדנבערג.

די דאָזיקע שרהלע איז שוין אַלט געווען אַ יאָר פופציק און ערשט נישט לאַנג האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ יונגנמאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פון קאַזאַרמע... אַ געזונטער יונג, ווי אַ ביק. ער האָט זיך געיאָגט נאָכן גוטן פרעס, וואָס זי האָט אים געגעבן...

דאָרט פלעגן אַריינקומען אַ סך יונגעלייט, די אָנגעשטעלטע פון די נאָנטע געשעפטן, און חברה האָט געוואָרפן גראָבע וויצן צו דער יידענע, יענע פלעגט אָפּענטפערן ציניש, עקלהאַפטיק...

די לופט אין דעם דאָזיקן קרעמל איז שטענדיק געווען אָנגעזאַפּט מיט פאַרדאָרבענע געדאַנקען, מיט עזות און מיט אָפּשפּאָשונג פון יעדער ערלעכקייט...

זעליק האָט דאָ בלויז געוואָלט טרינקען אַ גלאָז טיי, עפּעס אָפּעסן. ער איז געזעסן פון ווייטן און געקוקט אויפן עולם, צוגעקוקט זיך צו זייערע פנימער...

ער האָט זיך דערפילט גליקלעך. וואָס די אַלע מענטשן מיט די פלאַכע וויצן זיינען אים ווילד פרעמד, ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט באַלד אַרויסגיין פון דאַנעט אויף דער גאַס און ער וועט ווידער זיין אַליין מיט די געדאַנקען זיינע, מיט די געדאַנקען וועגן אידאַן...

נאָך איינס האָט ער דערפילט, אַז אפילו אין די וואָכעדיקע פּנימער פון שרהלעס געסט באַדאַרף מען אויך גוט אַריינקוקן, מען באַדאַרף זיי לייענען...

ער איז זיך איין וועלט...

זיי זיינען אַ צווייטע וועלט...

חיים גאָלדנבערג איז אַריינגעקומען מיט נאָך אַ בחור. יענע ביידע זיינען געווען צעהיצט און אויפגעמונטערט, אוודאי געווונען געלט אין קאָרטן.

זיי האָבן באַמערקט זעליקן און גאָלדנבערגס מיטבאַגלייטער האָט זיך אָנגערופן:

— די צניעה איז פאַרהאַן...

גאָלדנבערג האָט אַ מאָדנעם שמייכל געטון:

— מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ צניעה...

זעליק האָט געהערט, ווי מען רעדט וועגן אים... וואָס מיינט ער גאָלדנבערג מיט זיין שמייכל און מיט זיין פראַזע?

צו אים איז גאָלדנבערג נישט צוגעגאַנגען, ער האָט דאָ געהאַט בעסערע און נענטערע חברים...

די אַלע, וואָס זיינען דאָ געזעסן און געלאַכט, האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו ווירקן אויף זיין שטימונג...

ער האָט זיך אויף גיך אויפגעהויבן, באַצאָלט און אַוועקגעגאַנגען.

ווען ער איז אַרויס אויף די טונקעלע געסלעך, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַן אַלטער, גוטער פרייגט האָט אים אַרומגענומען אונטערן אָרעם און ער שפּרייזט מיט אים שווייגנדיק, רעדט מיט אים שווייגנדיק...

דאָס איז געווען די נאַכט...

## X.

# אויס סוד.

איינמאָל אין אָוונט, אידאַ קלויבט זיך אַוועקצוגיין פון זעליקן, ס'איז דאַמאָלס דער ערשטער שניי אַרויסגעפאַלן און זי איז געווען אַזוי אויפגעמונטערט.

מיט דעם ראַזאָוון פרעסטל אויף די באַקן איז זי היינט געקומען צו זעליקן. געווען אַזוי ווי אַלע מאָל גוט און... דרייסט. געווען רגעס, ווען זעליקן האָט זיך פשוט נישט געגלייבט, אַז צוליב אים, צוליב דעם קומען אַהער, איז זי אַזוי מונטער, אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז די פרייד קומט פון אַנדערשוואו... און ער האָט געצייפערט צום פרעסטל, צו שמערקעסן, צום מאַן, צו איר וואַרימער היים, נאָר דאָס אַלץ האָט ער פאַרשוויגן.

היינט גראָד האָט זעליק שטאַרק געוואָלט זי באַגלייטן, נאָר אַזוי ווי שטענדיק, האָט זי אים אַצינד אויך נישט דערלויבט דאָס צו טון.

— זעליק, דו פאַרגעסט, אַז מיר מוזן זיך היטן, אויב דו ווילסט נאָך בלייבן אויף דיין שטעלע, מיר האָבן דאָך ביידע איין באַלעבאָס...

— דער שניי ציט מיך אין גאַס אַריין...

— וועסט שפּעטער אַרויסגיין.

און זי רוקט זיך שנעל אַרויס פון צימער, וואַרפט צו אין אײלעניש אַ גוט וואָרט.

זעליק בלײבט אַלײן, אירע טריט אויף די טרעפּ קלאַפּן שוין נישט.

ער גײט צו צום פענסטער. אין דעם טונקל פון דער נאַכט זען זיך די װײסע דעכער, עטלעכע דורכזיכטיקע רױכעלעך ציִען זיך צו דער לבנה...

ער װיל נאָך אָפּװאַרטן אַ ביסל און באַלד װעט ער זיך לאָזן שפּאַצירן... ער װעט שפּרײזן אויף דעם פרישן שנײ און טראַכטן פון אידאַן.

ער איז הײנט געװען רויִק, װי קײנמאָל נישט.

מיטאַמאָל דערהערן זיך האַסטיקע טריט אויף די טרעפּ, און גאָלדנבערג לויפט אַרײן אין צימער.

ער? װאָס טוט ער דאָ?

אפשר װידער באָרגן אַ רובל. חיים פלעגט פון צײט צו צײט באָרגן בא אים געלט, נאָר לעצטנס האָבן זײ זיך אַזוי װײניק געזען.

זעליק פלעגט אים אויסמײדן, װײל זײן חבר האָט בא אים שטענדיק געפּאָרשט:

— װוּ װערסטוּ פאַרפאַלן, זעליק?

— װאָס מאַכט עפּעס דײן באַלעבאָסטע?

מאָדנע פראַגן פלעגט ער אים אַרײנװאַרפן... איצט איז ער אַלײן געקומען.

— גוטנאָװנט, װאָס מאַכסטוּ?

— מען לעבט, — ענטפערט זעליק, — איך לײען אַ סך.

האָט זיך חיים גאָלדנבערג פונאַנדערגעלאַכט:

— אַזוי לײענען קען איך אויך... ביסט אַ גנב, ברודערקע, ביסט אַ גנב!

פאר חיימען איז דאָס וואָרט „גנב״ געווען אַ וויץ, אַ שפּאַס, זעליקן אָבער האָט עס אַ ריס געטון אין האַרץ.

דעם „גנב״, וואָס ער האָט אין די קינדער-יאָרן געהערט.

ער האָט אויפגעציטערט:

— וואָס מיינסטו חיים?

— גאָרנישט... ביסט אַ וווילער יונג, ביסט גאָר אַ פיינער מענטש! הע-הע! ווער האָט זיך דאָס געקענט רעכטן אויף אַזאַ שטילינקן זעליק? ביכלעך לייענט ער, שרייבט לידלעך, און דאָ מיט אַמאָל...

— רעד שוין אַרויס אַמאָל! וואָס איז געשען? זעליק האָט געקענט גוט אין כּעס ווערן. דאָס פלעגט טרעפן בײַ אים זעלטן, נאָר בעת ער פלעגט אַריין אין צאָרן, איז ער גאָר אַן אַנדערער זעליק געוואָרן, ער האָט זיך דאַן מיט גאָרנישט גערעכנט..

— שאַ! ווער נישט אין כּעס, — האָט חיים אָנגעהויבן.

— רעד וואָס דו האָסט צו רעדן, אָדער גיי צו אַלדי שוואַר-צע יאָר!

גאָלדנבערג האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און האָט זיך אָוועק-געזעצט:

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר וועל איך נישט גיין, נאָר איינס וועל איך דיר זאָגן, אַז מיט אַזאַ חבר, ווי איך בין דיר, האָסטו נישט געטאָרט אַזוי זיך באַגיין...

— וואָס איז? וואָס האָב איך דיר געטון?

ער האָט געפילט, זעליק, אַז עפּעס רוקט זיך אָן אויף זיין קאָפּ, ער האָט מיטאַמאָל מורא באַקומען פאַר דעם חבר זיינעם, וועלכער האָט שטענדיק געהאַט געהיימע געשעפטן: מיט קאָרטן, מיט געבאָרגט געלט, אָט דער גאָלדנבערג מיט די ראָזאָווע זאַטע בעקעלעך האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט, ער איז גרייט געווען אויף אַלע נישט שיינע מעשים.

ער קוקט אויף זעליקן און רעדט אַרויס:

— האָסט מיך געגאַרט!

— איך דיך?

— יאָ.

— ווען? ווו? מיט וואָס?

— מאַך זיך נישט פאַר אַזא לעמעלע... ווער איז דאָ בײַ דיר געהען היינט? ווער איז גאַר-וואָס אַרויסגעגאַנגען פון דיר?

— וואָס איז דאָס דיין עסק? ערשטנס... צווייטנס, איז בײַ מיר קיינער נישט געווען און קיינער איז פון דאַנעט נישט אַרויסגעגאַנגען...

— שקר!... דיין באַלעבאָסטע איז דאָ בײַ דיר געווען, די מאַדאַם פּומפּיאַנסקי.

זעליק האָט זיך דערפילט אומגליקלעך אין דער רגע. עס האָט אים שרעקלעך וויי געטון, וואָס אַ פרעמדער מענטש קריכט אים אין דער נשמה און נאָך מער ביטער איז אים געווען פון דעם געדאַנק, וואָס דער ערשטער און גרעסטער סוד פון זיין לעבן איז אַנטדעקט געוואָרן... ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין, ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אידאַן, פאַר איר קינד, דער גאַנצער באָדן אונטער אים האָט זיך גענומען טרייסלען. ער האָט געפרואווט זיך ראַטעווען:

— זי איז דאָ געווען, מיין באַלעבאָס ווייב, ווייל ער אַליין איז קראַנק, זי איז געקומען צוליב זיינע געשעפטן.

— אַי, אַי, אַי... און פּומפּיאַנסקי האָט שוין קיין אַנדערע שלוחים נישט געהאַט צו שיקן צו אַזאַ פריץ ווי דו...

— וואָס ווילסטו?

— איך וויל, דו זאָלסט מיר כאָטש איצט זאָגן דעם גאַנצן אמת, דעם גאַנצן אמת...

— וועלכן אמת?

— פאַרשטיי, קיין סודות זיינען נישטאָ אויף דער וועלט, נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מיר איינער איבערגעגעבן, אַז צו דיר קומט אין די טונקעלע שעהן אַ פרוי. דאָס איז מיר אַריין אין קאָפּ. „צו דיר אַ פרוי?" מיר האָבן דאָך אַלע געמיינט, אַז דו קענסט מיט אַ מיידל נישט רעדן. האָב איך היינט גענומען און געלויערט, געוואַרט עטלעכע שעה, ביז איך האָב דערזען, ווער די פרוי איז... מיך האָט עס שטאַרק אינטערעסירט.

— דו מיינסט, אַז דאָס איז זייער אָרנטלעך?

— איך האַלט נישט פון אָרנטלעכקייטן, — דאָס האָסטו אונדז שטענדיק געפּריידיקט.

— דו מיינסט, אַז דאָס איז אָרנטלעך, — האָט זעליק נאָכאַמאָל מיט פאַרקריצטע ציין איבערגעפרעגט... אָט אַזוי זיך אַ וואָרף טון אויף דעם חיימען און אים איינבייסן, ווי אַ חיה, צעטרעטן אים מיט די פיס, צעהאַקן, צעביילן...

די שרעק זיינע האָט אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל זיך האַלטן רויק, ווייל ער איז איצט באַ זיין חבר אין די הענט.

און חיים גאָלדנבערג פרעגט אים מיטן זעלבן טאָן:

— און ד אָ ס איז אָרנטלעך?

— וואָס?

— אָט אַזוי אָפּנאַרן אַ מענטש, דעם באַלעבאָס דיינעם, מיין איך, אָט אַזוי... פאַרדרייען אַ קאָפּ... זע נאָר אַ לעמעלע, אַ יאָלד, האָסט דאָך דאָס געמאַכט קליגער ווי מיר אַלע...

זיי האָבן זיך לאַנג אַזוי געאַמפּערט, ביז זעליק האָט גענומען דערציילן. ער האָט געפּלאָנטערט, געדרייט מיט דער צונג, נאָר דעם עיקר האָט ער אויסגעזאָגט: „יאָ", אידאַ פּומפּיאַנסקי קומט צו אים, ליב, שוין אַ יאָר צייט ציט זיך דאָס.

— אָבער חיים! דו וועסט שווייגן, דו מוזסט שווייגן, דו

דאַרפסט פאַרשטיין, אין וואָס פאַר אַ סכנה דו שטעלסט אַוועק אַ פרוי, מיט איין וואָרט קענסטו זי אומגליקלעך מאַכן.

— זיי נישט קיין יאָלד! איך וועל באַשטימט שווייגן, ווען דו פאַרטרויסט מיר אַלץ פריִער, וואָלט איך אויך געשוויגן.

דערנאָך האָט זעליק גערעדט פון זיין אומרו, אַז מיט דעם גאַנצן גליק, וואָס ער האָט, איז ער אומגליקלעך.

ער האָט אפילו געגומען פילן צוטרוי צו חיימען: טאַקע, וואָס האָט זיך יענער אַזוי פאַרינטערעסירט מיט זעליקס ענינים? ער האָט דאָך דערביי נישט קיין שלעכטע כוונה. וואָס דען? ער האָט אים דאָך קיין שלעכטס נישט געטון.

ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין, געליטן און גערעדט:

— חיים, פאַרשטיי! איך גנבע באַ אַ מענטש, וואָס האָט מיר אַלץ אָנפאַרטרויט...

— אַלץ, אָבער נישט דאָס ווייב זיינס, דאָס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן, — האָט חיים געפרווט זיך וויצלען.

ער האָט זיך געלאַכט, נאָר זעליק איז אין דער רגע געווען ווי אַ קינד: צעטומלט און פאַרלוירן, ער האָט זיך געסטאַרעט צו באַהערשן און געגני באַטראַכטן, ווי אַזוי איינצוהאַלטן דעם גאָלדנ-בערגן, אַז יענער זאָל נישט צעפּלאַפּלען דעם גרויסן סוד.

אין לעבן איז אים דאָס געגאַנגען.

און אפשר וועט טאַקע חיים שווייגן און זעליק וועט פון היינט אָן האָבן אַזאַ איינעם, מיט וועמען מען קען אַלץ אַרומרעדן און אַמאָל זיך מישב זיין. זעליק טראַכט אַזוי און ער נעמט רעדן, דער-ציילן פאַר זיין חבר פאַרשידענע איינצלהייטן פון דעם יאָר.

ער רעדט, דערציילט און פאַרענטפערט זיך, אין זיינע ווער-טער פילט זיך אַ טרויער.

— זעליק! איך אויף דיין אָרט וואָלט געשפּרונגען פון פרייד, הער זיך נאָר איין, משרת דו איינער, דו מיינסט טאַקע,

אַז אַלעמען טרעפט אַזעלכע גליקן, אַ באַלעבאַסטע, אַ יונגע, אַ שיינע פאַרליבט זיך אין אים, און ער גייט אַרום און פייניקט זיך.

אַלע אַרגומענטן זיינע ברענגט זעליק:

— ס'איז מיאוס...

— פון מיר גייט זי דאָך אַוועק צו אים, צום מאַן, צו דעם דיקן פּאַס און קושט אים, ער קושט זי.

— ווער טראַכט דאָס פון אַזעלכע זאַכן? — האָט חיים גע-קוועטשט מיט די פּלייצעס.

וואָס הייסט, ווער טראַכט עס? ער, זעליק, טראַכט זייער פיל פון דעם, ער שלאָפט קיין נעכט נישט, צי דען טראַכטן אַנדערע באמת פון דעם נישט? גנבענען און נישט טראַכטן אפילו, אַז דו גנבעסט...

ווער איז גערעכט: ער צי די אַלע?

ער וואָלט זייער וועלן מיט עמעצן רעדן וועגן דעם... נאָר דער חיים גאָלדנבערג האָט פיינט צו שמועסן וועגן אַזעלכע ענינים.

אָט האָט ער זיך אַריינגעריסן צו אים, צו זעליקן אין דער נשמה: צעטרייסלט, באַליידיקט... וואָס האָט ער דערפון גאָלדנבערג? צוליב וואָס האָט ער דאָס געטון?

אים האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין — שפּרה וואַרט אויף אים. זעליקן האט זיך זייער נישט געוואָלט אים אָפּלאָזן, פונקט ווי דער גאָלדנבערג וואָלט מיטגענומען מיט זיך זיין גאַנץ לעבן.

ער איז אים נאָכגעגאַנגען באַגלייטן. אויף דער גאַס איז געלעגן אַ יונגער ווייסער שניי. אויף אַלע ראַנדן, אויף אַלע קאַרביזען און ראַמען פון די פענסטער האָבן זיך אויסגעלייגט אַזעלכע ווייסע װעװיערקעס און געשמייכלט. יונג, מונטער האָט אויסגעזען די גאַס. קינדער האָבן זיך געכאַפּט וואַרפן מיט שניי. זעליקן האָט זיך איפגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן שמייכלען און צו אים האָט זיך אויך

געגנבעט אַ פרייד, אָבער ער האָט עפּעס אויפן האַרץ, אַ שטיק בליי, ער וויל עס אַרויסוואַרפן, ער וויל זיין איינגאַנצן זיכער:

— חיים! זאָג מיר נאָכאַמאָל. ווע‏סט פאַר קיינעם נישט רעדן...

— פאַר קיינעם נישט.

— גיב מיר דיין האַנט!

חיים שטרעקט אים אויס די האַנט.

זיי געזעגענען זיך.

חיים לויפט צו זיין כלה און זעליק בלייבט אַליין, ער האָט אויך ליב, נאָר זיין געליבטע איז איצט בײַ איר מאַן, בײַ איר קינד, אין אירע וואַרימע צימערן.

וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע?

אָבער אויך אַזאַ ליבע גיט אַ סך פרייד, מאַכט ציטערן די נשמה און ברענגט אַזוי פיל יסורים...

די גאַנצע וועלט האָט זיך געפלאָנטערט אין זיין נשמה, נאָר די וועלט אַליין פאַר זיך איז געווען זייער רויק, רויק און ווייס. מענטשן זיינען אַלץ ווייניקער געוואָרן אויף די גאַסן. יעדער איי־נער פון זיי האָט צעטרעטן אַ ביסל זילבער און איז אַוועק צו זיך.

אַנדערע, געציילטע, האָבן מיטגענומען מיט זיך אַ ביסל ווייסן חלום פון דער ערשטער ווינטער־נאַכט.

נישט קוקנדיק אויף זיין אומרויִקייט, איז דאָך זעליק געקו־מען אַ פאַרטרוימטער אַ היים. איבערגעשלאָפן די נאַכט און אָנגע־הויבן ציִען ווייטער די טעג אויף זיין דינעם שנירעלע...

לעצטנס האָט ער ווידער גענומען לייענען ביכער, געלייענט האָט ער נאָר ראָמאַנען, געשיכטעס, אין וועלכע עס האָט זיך דער־ציילט עפּעס ענלעכעס צו זיין פלאָנטער, אַ סך מאָל פלעגט אים זיך אויסדאַכטן, אַז אַלץ, וואָס ער לעבט איבער, האָבן שוין אַנ־דערע פאַר אים דורכגעלעבט און ער, זעליק, איז געקומען אויף דער וועלט דאָס איבערצוחזרן, און דאָס פלעגט אים פאַרדריסן...

פונקט ווי ער וואָלט זיי געאייפערט, די אַלע העלדן פון די געלייענטע ראָמאַנען...

זיי האָבן אויך געהאַט האַרץ, נשמה, זיי האָבן געליטן, געלעבט און איצט לייענט ער זייערע נאַרישע זיפצן און טראַגעדיעס.

צו וואָס איז דאָס אַלץ?

ער איז איצט מער געזעסן אין צימער, וואַרעם, רויק, ער האָט אַ גוט בוך, ער לייענט

און וואָס וועט זיין מיט גאָלדנבערגן?

ער וועט שווייגן, צי נישט שווייגן?

יעדע פּאָר מינוט פלעגט אים דער דאָזיקער געדאַנק אַ ביס טון...

אין זיינע איינזאַמע שעהן פלעגט ער אַליין פאַרגרעסערן די סכנה. יעדער בליק פון באַלעבאָס האָט אים אויסגעזען פאַרדעכטיק, יעדער וויץ פון אַ באַקאַנטן האָט אים געשראָקן: וואָס האָט געמיינט דער און וואָס האָט געמיינט יענער מיט זיין וואָרט?

צו אַ פרעמדן, צו אַ דריטן איז איבערגעגאַנגען זיין טיפסער סוד. נישטאָ מער קיין זיכערס. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דאָס שרעקלעכסטע, און מער פאַר אַלץ האָט אים געשראָקן אידאַס צוקונפט... וואָס וועט דאַמאָלס זיין מיט אידאַן? געוועז מינוטן, ווען ער האָט זיך אינגאַנצן באַשולדיקט און געוועז רגעס, בעת אידאַ פלעגט אַרויסקומען די זינדיקסטע אין דער וועלט... זי אַליין, זי האָט אים דאָך לעבן נישט געלאָזט.

אָבער אין אַלע פאַלן איז ער גרייט צו נעמען די גאַנצע שולד אויף זיך, ער איז גרייט אויף דער גרעסטער שטראָף, אויף די גרעסטע צרות...

אָבער וואָס?

ווער? ווער ווייסט פון זייער געשיכטע? קיינער רירט אים נישט אָן און אַלצדינג גייט ווי פריער...

נאַר...

גאָלדנבערג איז איצט געוואָרן אַן אומגעוווּנשענער שותף צו אַלע זעליקס איבערלעבונגען. זעליק האָט זיך נישט געקענט אַרויס־דרייען פון אים. ער פלעגט ליידן, בעת גאָלדנבערג פלעגט אים נעמען אויספרעגן.

און יענער איז געקראָכן אין די ביינער, אין דאָס סאַמע אינטימסטע. אויסגעפרעגט און געפאָרשט, געשמייכלט מיט אַ מיאוסן שמייכל, בעת זעליק פלעגט עפּעס יאָ אויסזאָגן, און געבייזערט זיך, בעת זעליק פלעגט שווייגן.

און פאַרוואָס האָט ער אַזוי נישט ליב אידאַן? דאָס ערגסטע רעדט ער אויס אויף איר, נוצט אויס יעדע געלעגנהייט זי אין עפּעס צו באַשולדיקן...

גאָלדנבערג, וועלכער האָט נאָך מיט אידאַן קיינמאָל נישט גערעדט — וואָס האָט ער צו איר? זעליק האָט דאָס נישט פאַר־שטאַנען, געמיינט האָט ער, אַז דאָס איז אַלץ פון פרייינטשאַפט.

אַז גאָלדנבערג האָט דערביי אַ פינסטערע כּוונה, דאָס איז זעליקן נישט איינגעפאַלן, דאָס האָט ער זיך ערשט אין אַ צייט אַרום דערוווּסט.

אידאַן האָט זעליק נישט דערציילט, אַז גאָלדנבערג האָט זיך דערוווּסט פון זייערע באַגעגענישן, ער האָט פּשוט מורא געהאַט צו רעדן וועגן דעם.

געשטאַנען איז שוין ווינטער, מיט אַ פראָסטל, מיט אַ דינער קאָרע פון די ערשטע שנייען, וועלכער האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. די זון פלעגט וואַרעמען דעם שניי, און דאָס האָט נישט געהאָלפן, קיין טראָפּן פלעגט נישט צערינען. דער ווינטער האָט זיך שוין פעסט איינגעבירגערט, וועגן אַרבעטן, בויען די אָנגעהויבענע מויערן, איז איצט קיין רייד נישט געווען. די גאַנצע אַרבעט האָט זיך געשטעלט. זעליק האָט איצט געהאַט פרייע טעג.

דער באַלעבאָס זיינער, פּומפּיאַנסקי, איז אַליין געפאָרן קיין ווילנע און קיין וואַרשע אויף „טאַרגעס", אָנגענומען נייע אונטער־נעמונגען.

אין די טעג, ווען ער פלעגט אַוועקפאָרן, איז זעליק לענגער געזעסן בײַ אידאַן, האָט דאָרט געגעסן און געטרונקען.

געזעסן אַנטקעגן אויוון און זיך געוואַרעמט, געלייענט ביכער.

אידאַ האָט דאַמאָלס געהאַט אַ שטיקל אַרבעט, מען האָט אַריינגעשטעלט אַ קלאַוויר, און זי האָט זיך גענומען לערנען שפּילן.

שמערקעס האָט זיך נישט באַוויזן לעצטנס, נאָר זעליק האָט געוווסט, אַז דאָס גאַנצע לערנען שפּילן איז צוליב שמערקעסעס ווירקונג. אידאַ האָט איינמאָל אויסגעפּלאַפּלט, אַז אַ „מאָדערנע" פרוי מוז קענען שפּילן. אידאַ האָט זיך זייער שטאַרק איבערגענומען מיט יעדער פראַזע וועגן דער מאָדערנער פרוי. דער מאַן האָט פאַרדינט אַ סך געלט און זי האָט זיך געקענט דערלויבן צו זיין „מאָדערן".

געווען אין איר אַ שיין ביסל לייכטזיניקייט צונויפגעמישט מיט דרייסטקייט. זי האָט געהאַט אַמביציע און געהאַט פעיקייטן.

האָט זי זיך גענומען צום קלאַוויר...

יעדן טאָג איז געקומען אַ לערערין אויף צוויי שעה. אין צווייטן צימער, אין „זאַל", איז זי געזעסן מיט אידאַן און יענע האָט כסדר געקלאַפּט נאָטן, האַלבע מוזיקאַלישע פראַזן, און צייטנוויין אויסגעשפּילט אינגאַנצן אַ לייכטע טאָג-מעלאָדיע.

זעליק פלעגט זיצן מיט אַ בוך באַם אויוון און נישט ווילנדיק זיך צוהערן.

ער האָט זייער ליב געהאַט די גאַמען, די נישט פאַרענדיקטע מעלאָדיעס, עפּעס וועקט זיך אויף פון די קלאַנגען און פאַרשווינדט אין אויגנבליק. די קינדער-טעג פלעגן קומען צו שווימען, די

ניי-וועלט-גאַס, ווו רייכע מענטשן האָבן געלעבט, וווּ אין צוגעמאַכ־טע הייזער מיט אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן האָט מוזיק געשפּילט.

האַלבע טענער, האַלבע קלאַנגען טראָגן זיך פון צווייטן זייט און דאָ ברענט דאָס קנאַקעדיקע האָלץ אין אויוון.

אַ זיסע פוילקייט באַהערשט זעליקן, ער באַמערקט נישט, ווי אידאַ גנבעט זיך אונטער. שוין אַ סך מינוטן, ווי זי האָט אויפגע־הערט צו שפּילן — די מוזיק-לערערין איז שוין אַוועק.

— חלומסט, יונגל! דיר איז דאָך וווּיל, ווי די וועלט, אַלע אַרבעטן איצט און ער זיצט דאָ ווי אַ פּרינץ און וואַרעמט זיך.

— וואָס בין איך שולדיק, אַז ווינטער קען מען נישט מויערן.

— אָבער דערפאַר קען מען זיך קושן.

די חנעוודיקע קאָץ זיצט שוין אויף זיינע קני און קושט זיך און ווערט משוגע פון ליידיק אַרומגיין, פון ווילטאָג.

זי טראַכט, זי קלערט אַלץ, ווי מען פאַרברענגט בעסער. אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן בעלער מיט טענץ און אָן טענץ. אַ טרופּע איז געקומען פון פּעטערבורג מיט אַקטיאָרן פון קייזערלעכן טעאַטער.

ווען זי פלעגט בעמען רעדן וועגן די טענץ, וועגן די בעלער און טעאַטער, האָט מען דאַמאָלס געזען, אַז די פרוי פאַרגעסט, דאָס זי האָט אַ מאַן, אַ קינד און...אַ געליבטן. זי וויל טאַנצן און פאַר־ברענגען. אויסער דעם עקזעסטירט קיינער נישט.

זי איז לעצטנס עטלעכע מאָל שוין געווען אין טעאַטער. גע־גאַנגען אַהין מיט אַ פריינדין, מיט אַ שוועסטער, און לעצטנס האָט זי דארט באַגעגנט שמערקעסן.

אָ, שמערקעס איז אַ גרויסער ליבהאָבער פון טעאַטער, אַ גרויסער מבין...

דאָס אַלץ פלאַפּלט אים אויס אידאַ אין דער צייט, ווען זי זיצט אויף זיינע קני, זעליק ווערט עפּעס מאָדנע אומרויק:

— לאָז, אידאַ! מען באַדאַרף פאַריכטן דאָס פייער אין אויוון.

ער כאַפּט דאָס אײַזן, וואָס שטייט דערבײַ און נעמט שאַרן, צונױפשאַרן די האַלב-אויסגעברענטע שטיקלעך האָלץ, די רויטע לײַכטע קוילן פון דעם סאַסנאָוון שײַטער.

פּונקט ווי אין פייער ליגט באַהאַלטן זײַן ווייטיק, ער קלאַפּט זיי, די קוילן, מיט אַזאַ כּעס, די רויטע פונקען שפּריצן אַרויס, און איינס טרעפט אידאַן אין געזיכט.

אַ לײַכטער קוויטש און באַלד אַ לאַך — עס האָט איר גאָר־נישט געשאַדט.

יאָ, וועגן וואָס האָט זי נאָר־וואָס גערעדט? וועגן טעאַטער. די אַרטיסטן שפּילן זעלטן גוט, די שטאָט וועט זיי אַזוי גיך נישט לאָזן אַוועקפאָרן.

זאָלן זיי אַוועקפאָרן, נישט אַוועקפאָרן, אים, זעליקן, איז אַלץ איינס, אַלציינס, אָבער שמערקעס, וואָס טוט דאָ שמערקעס? דאָס טעאַטער האָט זעליקן איצט אויסגעזען ווי אַ גיהנום מיט שדים און דער גרעסטער שד איז שמערקעס. ער טאַנצט איבער אַלע און שטעקט אים, זעליקן, אַרויס אַ מיאוסע צונג.

ווי אַזוי? מיט וועלכע מיטלען קען מען אים פאַרטרײַבן פון טעאַטער?

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ביידע לאַכן פון אים דאָרט, ביידע פאַרברענגען זיי, און צו וואָס באַדאַרפן זיי אים, זעליקן? צו־וואָס זעצט זי זיך אים אויף די קני? וואָס קומט דאָ פאָר?

אין פײַניקן זיך טראַכט ער:

אידאַ קומט אין טעאַטער אַן אויסגעפּוצטע, זי זיצט זיך אויף איינעם פון די ערשטע ערטער און דערבײַ זיצט שמערקעס, דער גלאַנציקער, אייביק גלאַט־צוגעקעמטער שמערקעס, מיט זײַנע שיי־נע קליינע אייגעלעך און וואָנסעלעך.

ער רעדט נאָר צו אידאַן און קוקט נאָר אויף אידאַן. זיי לאַכן ביידע איינער צום צווייטן... שמערקעס... ער האָט דאָך שוין באַקוקט אַזוי פיל פרויען אין שטאָט — פאַרוואָס זאָל אידאַ זיין אַן אויסנאַם?...

פלוצלינג רייסט ער איבער זיין טראַכטן און וואַרפט אַריין א פראַזע:

— איך וועל אויך נעמען גיין אין טעאַטער, איך האָב דאָך נאָך כמעט גאָרנישט געזען.

— טאַקע אַזוי, — ענטפערט אידאַ, און זעליקן דאַכט זיך אויס, אַז דאָס האָט אויף איר נישט געמאַכט קיין איינדרוק. זי האָט זיך באַדאַרפט דערפרייען, וואָס זיי וועלן איצט מער זיין צוזאַמען. כמעט יעדן אָוונט גייט זי אין טעאַטער, און ער, זעליק, וועט זיין לעבן איר.

— דו ווילסט אפשר נישט? — פרעגט ער מיט אַן אומזיכערער דרייסטקייט.

— ניין, קום, די אַקטיאָרן שפילן גרויסאַרטיק, אָבער וואָס וועט זיין מיט בילעטן?

—וואָס הייסט? איך וועל קויפן אַ בילעט

אין די ערשטע רייען איז זייער טייער און איך וועל אין די לעצטע נישט גיין... פאַרשטייסט!

אַ ביטערער שמייכל האָט זיך אויסגעקרומט אויף זעליקס ליפּן:

— דו ביסט גערעכט... שמערקעס איז רייכער פאַר מיר.

— ביסט אַ נאַר, זעליק!

— פאַרוואָס?

— ווייל דו האָסט עס געזאָגט.

— איך האָב גאָרנישט מיט דעם געמיינט. — זעליק האָט געזאָגט ליגנט, ער האָט איצט געוואויגן איר יעדעס וואָרט, עס איז

אים נאָך נישט געווען קלאָר פון וואָס ער ליידט, וואָס עס מאַכט אים אַזוי אומרויִק.

ער איז אָבער געווען פול מיט פאַרדאַכט.

אייפערזוכט... צו דעם געפיל באַדאַרף מען זיך אויך צו־געוויינען, מען מוז קאָנטראָלירן זיך אַליין און באַרויִקייט געווינט מען אַ סך. זעליק האָט נאָך זיין געפיל נישט פאַרשטאַנען, און רויִק איז ער נישט געווען.

איינס האָט ער געפילט: עפּעס באַהאַלט אידאַ פון אים...

דאָס צערודערטע פייער אין אויוון קנאַקט און קנאַקט און שפּריצט. אידאַ איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער און צוריק איז זי געקומען מיטן יאַטל אירן, געשפּילט זיך מיט אים, גערעדט צו אים און געפרייט מיט יעדן אומפאַרשטענדלעכן קלאַנג, וואָס זי האָט פון אים אַרויסבאַקומען.

דאָס קינד איז געווען נישט קיין געראָטנס, אָן אַ שמייכל, אָן יענעם קינדערישן בליק, וואָס רופט צו זיך, די שווערע אומגעלומפּערטע פיסלעך האָבן ערשט נאָך צוויי יאָר זיך גענומען רירן.

נאָר די מאַמע האָט זיך געפרייט און געפּאַטשט מיט די הענט, דאָס קינד האָט געגלאָנצט מיט די אויגן און קוים־קוים באַוויזן אַ טעמפּ שמייכעלע:

— יאַשאַ, יאַשקאַ, יאַשקעלע...

— זעליק, שפּילסט זיך גאָרנישט מיט מיין יאַטל?...

זעליק האָט זיך אָפּגעריסן פון פייער, אויף וועלכן ער האָט געהאַלטן די אויגן און אַזוי ווי נישט ווילנדיק האָט ער זיך גענומען שפּילן מיט פּומפּיאַנסקיס בנעק...

— גאָרנישט געראָטן אין דער מאַמען, — האָט ער זיך אָנגערופן צו אידאָן, — אַ שמייכל זאָל דאָס געבן!

דאָס קינד האָט זיך אָן אילן געצויגן צו אים מיט קעלבי־
שע באַוועגונגען.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ פּעס צו דעם פרעמדן קינד, אַ פרעמדשאַפט צו דער גאַנצער שטוב, ווי אַ זומפּ האָט עס אים אַריינגעשלעפּט, ער... ער האָט דאָך אַמאָל פון עפּעס געחלומט, געוואָלט ווערן אַ מענטש, געוואָלט שטייגן, איבערשטייגן אַלעמען, און אַצינד זיצט ער דאָ בא פּומפּיאַנסקין, עסט פרעמדע מיטאָגן און וואַרט, אַז דאָס ווייבל זאָל צוגיין צו אים, כאַפּן אַ קוש פון איר, און קושן, קושן ברענען פון ליידנשאַפט ביז פאַרגעסונג, אָבער נאָך דער פאַרגעסונג קומט אַ גרויסע ליידיקייט. געדאַכט האָט זיך אים, אַז אויף זיינע יונגע אַקסלען האָט מען אַ שווערע לאַסט אַרויפ־געלייגט.

באַפרייען, ברייט אָפּעטעמען...

ווי פיל מאָל שוין האָט אין אים די נשמה געשריגן;

— גיי אַוועק!

ער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָרט אויף יענער זייט פון מאָרגן וואַרט אויף אים, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער אַליין פאַרלאַנגט, נאָר דאָ איז דאָך אַלץ אַזוי קליין...

און אַז אידאַ זאָל שוין אינגאַנצן אַוועק פון איר מאַן?

און קיין שמערקעס זאָל נישט זיין...

וואָס דאַמאָלס?

גאָרנישט, ליידיק, פּוסט...

און דאָך, אַוועקגיין פון דער ליידיקייט האָט ער נישט גע־קענט, בא אידאַן אין שטוב האָט ער שיינע פלענער וועגן אנטלויפן געפּלאַנט. און אויסער איר שטוב, פלעגט ער אומגעדולדיק דער־וואַרטן די רגע, זי שוין צו זען.

דריי מאָל האָט שוין די דינסט געבראַכט האָלץ, און דאָס פייער פלאַקערט אויפסניי.

אידאַ קומט אַריין און גייט אַרויס פון צימער, זי איז באַ־שעפטיקט מיט דער שטוב.

דערנאָך, ווען מען גרייט צום טיש, ווערט אַזוי ליכטיק אין צימער, אַזוי יום־טובדיק.

אידאַ גיסט אַרײַן אין שפּייז־שאַנק דעם אַלטנס אַ פלעשעלע מיט קאָניאַק און ביידע טרינקען צו גלעזלעך און זיי בייסן צו...

זי באַמערקט נישט ווי זעליקן שטעלט זיך דער ביס אין מויל.

עס... ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט: פּומפּיאַנסקיס דיקע פּנים איז אים דורכגעשוועבט פאַר די אויגן:

— מיין גאַנץ פאַרמעגן וואָלט איך דיר אָנגעטרויט, מיין ווייב און קינד.

אַזוי האָט ער צו אים איינמאָל געזאָגט, דער באַלעבאָס זיי־נער, ער איז דאַמאָלס געווען אין אַ גוטער, גאָר געהויבענער שטימונג...

און אָט זיצט דאָס ווייב פון זיין באַלעבאָס און גיסט אים אָן נאָך אַ גלעזל:

— טרינק, זעליק! דעם אַלטן וועט דער שוואַרץ יאָר נישט נעמען, ער וועט קויפן אַנדערע פלעשלעך.

זי פלעגט דעם מאַן אירן זייער אָפט באַליידיקן, זעליק האָט נישט געהאַט קיין מוט אים צו פאַרטיידיקן...

און עס וואָלט אויסגעזען נאַריש

נאָר דערפאַר האָט ער אַליין מיט קיין איין וואָרט אים נישט פאַרקלענערט אין אירע אויגן...

נאָך לאַנגע שעהן גייט זעליק אַראָפּ אין גאַס אַריין. דער אַלטער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, אַן ענין צו דערליידיקן.

דעם ערשטן, וועמען ער באַגעגנט לעבן פּומפּיאַנקעס וווינונג, איז חיים גאָלדנבערג.

— דו האָסט אויף מיר געוואַרט? — פרעגט זעליק.

— ניין, איך בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען צופעליק.

זעליק דערלאַנגט אויף אים אַ קוק טיף אין די אויגן... צי דען שפּיאָנירט אים חיים? צוליב וועלכע צוועקן?... חיים האַלט אויס דעם בליק און נעמט רעדן וועגן זייטיקע זאַכן ביז זיי צעשיידן זיך. עטלעכע מאָל דערמאַנט זעליק שפּעטער די באַגעגעניש... ער קען זיך אָבער נישט פאָרשטעלן צוליב וואָס גאָלדנבערג זאָל אים שפּיאָנירן, און ער באַרויִקט זיך אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס אַלץ איז אַ צופעליקייט.

XII.

# אין טעאַטער...

זעליק איז איצט געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער פון טעאטער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען עלטער פון צוואַנציק יאָר, האָט ער נאָך זייער ווייניק געזען. דאָס לעבן איז אים באַקאַנט געווען בלויז פון ביכער, און דאָס, וואָס ער האָט נישט געזען אַליין, האָט ער זיך אַלץ פאָרגעשטעלט אין דער פאַנטאַזיע.

פאַר יעדער נייער זאַך פון דער ווירקלעכקייט האָט ער מורא געהאַט, צוגעגאַנגען זייער פאָרזיכטיק, פונקט, ווי ער וואָלט דאַרפן אַריבערגיין אַ טייך אויף אַ שמאָל און דין ברעט.

ער האָט איצט אָנגעהויבן צו קומען יעדן אָוונט אין טעאַטער און דאָס אָרט איז פאַר אים געוואָרן אַ ניי גיהנום.

גאַנץ איינפאַך: אין טעאַטער איז אויך געקומען אידאַ פומ-פיאַנסקי, זי פלעגט זיצן אין די ערשטע רייען און זעליק אין די לעצטע — ער האָט קיין סך געלט אויף אַזעלכע ענינים נישט גע-קענט אויסגעבן.

אָט אָ, דאָס קלייניקייט האָט אים פיל יסורים געבראַכט, ער האָט זיך פלוצלינג דערפילט אָפגעטיילט פון אידאַן, אפגעטיילט און אַראָפגעוואָרפן אין די לעצטע רייען פון דער גרויסער ליכטי-קער טעאַטער-געביידע.

און זי אַלײן פלעגט נישט קומען שטענדיק מיט בײע באַקאַנטע יונגעלײט און אַמאָמײסטן מיט שמערקעסן.

דער לעצטער פלעגט טאַנצן אַרום אידאַן מיט זײן גאַנצער העפלעכקײט, מיט געמאַכטע קאָמפּלימענטן.

זעליק באַטראַכט אים, אַלע בײזע פאַרגלײכונגען געפינט ער אין דער רגע. — איך האַרץ רופט ער אים אָן: „ליאַלקע", „לאַקירענע נשמה", „גאַספּאָדין מערסי". ער זידלט אים אין זיך, נאַר וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעם? שמערקעס זיצט לעבן אידאַן און ער ערגערט זיך דאָ אין אײנער פון די לעצטע רײען.

זעליק האָט זיי נאָכגעפאָרשט. אײפערזוכט, אוודאי אײפערזוכט! נאַר ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, ווען ער וואָלט אים נישט געאײפערט?... דער געדאַנק אַלײן, אז זי, „זײן" אידאַ, אַז זי, זי... רעדט מיט אַזאַ נפש און לאָזט אים טאַנצן אַרום זיך — דאָס אַלײן האָט אים שוין געקענט משוגע מאַכן

זי פלעגט באַמערקן פון װײטן זײנע בליקן אויף איר. זעלטן, ווען זי פלעגט אין אַזעלכע פאַלן ענטפערן מיט אַ בליק.

ווי אַזוי קען מען „דאָרט" באַ אים אין צימערל זײן מיט אים אַזוי נאָנט און דאָ אין טעאַטער אַזוי ווילד-פרעמד? ער פלעגט נעמען פאַרגעסן צײטנװײז ווער ער איז און ווער זי איז. איר גלײכגילטיקײט דערמאַנט עס...

פרעמד זײנען זײ איצט.

פילט ער דאַמאָלס, אַז ער איז נישט מער, ווי פּומפּיאַנסקיס אַ משרת...

ער פלעגט שוין דאַמאָלס נישט זען און נישט הערן, וואָס אויף דער סצענע טוט זיך אָפּ.

באַ אים אין האַרץ איז אַ גיהנום, ער האָט זײנע אײגענע דראַמעס. וואָס גײט אים אָן דער אָדער יענער גראַמירטער מענטש, וועלכער קרימט וועמען נאָך?

אַ סך מאָל פלעגט ער נישט אויסהאַלטן און אַרויסגיין אינ־מיטן שפּילן, אָבער אינגאַנצן אַוועקגיין אַהיים, אויף דעם האָט ער קיין כוח נישט געהאַט.

בלייבט ער שטיין אויף דער גאַס, ווינטער, קאַלטלעך, אַ שניי פאַלט און דעם שניי באַלויכטן עטלעכע גרויסע לאָמפּן באַם טעאַטער־אַריינגאַנג...

און אַ גרויסע שילד פון עלעקטרישע לעמפּלעך: „טעאַטער־האַרמאָניאַ".

שפּרייזט ער אַזוי לאַנגע, שווערע מינוטן און הערט אויס די אַפּלאָדיסמענטן, וואָס הילכן אינעווייניק, ביז ער דערוואַרט זיך, דער עולם נעמט זיך פונאַנדערגיין.

מענטשן רוקע, זאַטע, אין רייכע פעלצן, גייען אַרויס, אַנדע־רע מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אַנדערע רעדן וועגן דעם שטיק, וועגן די אַקטיאָרן. דער פראָסט כאַפּט אונטער — זיי טוליען זיך בעסער אין די פעלצן און פאָרן אַוועק.

ער וואַרט...

נאָך אַ פּאָרל באַדאַרף אַרויסגיין.

ביז ער דערוואַרט זיך: אידאַ און שמערקעס קומען אַרויס. זי גייט אין אַזאַ שיינעם מאַנטל מיט טייער פוטער באַפּוצט.

און „ער" אויך אַזוי אויסגעפּוצט, דער שמערקעס..

אונטערן אָרעם האַלט ער זי.

זעליק שטייט פון ווייטן. אין שאָטן האָט ער זיך באַהאַלטן און לויערט מיט די אויגן.

ער זעט דייטלעך, ווי די צוויי סילועטן טיילן זיך אָפּ פון אַלע. דאָס האַרץ קלאַפּט באַ אים: צי זיי וועלן זיך דאָ געזעגענען, צי זיי וועלן ביידע צוזאַמען אַוועקפאָרן.

אַ רגע אַ שווערע דויערט, שמערקעס רעדט צו איר און ...

לאַכט זיך פֿונאַנדער אויפֿן קול... פּונקט ווי אים אויף צולהכעיס האָבן זיי זיך דאָ אַוועקגעשטעלט, און איר לאַכן באַליידיקט זעליקן טיף אין האַרץ... ער ליידט דאָך, און אַזוי לאַכן, ווי זי לאַכט, קען נאָר אַ מענטש, וואָס דער צווייטער גייט אים גאָרנישט אָן.

אפשר אַרויסגיין פֿון באַהעלטעניש, צוגיין צו זיי ביידע, נע-מען אידאַן אונטערן אָרעם און זאָגן: „קום"! רעכט אויף דעם האָט ער נישט וויניקער, ווי שמערקעס.

דאָס פּאָרל זעצט זיך אָבער דערווייל אַוועק אין אַ שליטן און זיי פֿאָרן אַוועק.

הא!

וווהין פֿאָרן זיי?

ער ווייסט נישט וואָס מיט אים טוט זיך, ער ווייסט און פֿילט נאָר איין זאַך, ער מוז דערגיין וווהין זיי פֿאָרן.

גיך זיך אָריענטירט און באַשלאָסן זיי נאָכצופֿאָרן.

אָבער ווו? אַלע שליטלעך זיינען שוין פֿאַרנומען געוואָרן, אַלע שליטלעך אַוועקגעפֿלויגן... העט ווייט קלינגען זיי מיט די גלעקלעך.

זיינע אויגן האָבן אָבער נישט אָפּגעלאָזט דאָס שליטעלע, אין וועלכן „זיין" אידאַ האָט זיך אַריינגעזעצט מיט שמערקעסן.

[illegible] ער אים נאָך, דעם שליטן, מיט אַ געוואַלטיקן אימפּעט [illegible] זעליק, ער האָט שוין באַלד קיין אָטעם נישט, דאָס האַרץ שפּרינגט אים אַרויס...

וווהין פֿאָרן זיי? יאָ, צו דער ניקאָלאַיעווסקער.

צי דען?

ער מוז זיך איבערצייגן צי אידאַ וועט איצט אַזוי שפּעט אַרויפֿלאָזן צו זיך אין דערהיים דעם שמערקעס.

ווער ווייסט וואָס דאָס איז פֿאַר אַ פֿרוי? ווער ווייסט...

פּיִאַנסקי איז אין ווילנע...

ווער ווייסט?

באַגאָסן מיט שווייס, אָן אָטעם שטעלט זיך זעליק אָפּ נישט ווייט פון דעם אָרט, וווּ זיין באַלעבאָס לעבט. אידאַס שליטן האָט זיך נאָך פריער אָפּגעשטעלט...

אָט גייען זיי ביידע אַרויס פון שליטעלע. עפּעס רעדן זיי, שמערקעס קושט זי אין האַנט און געזעגנט זיך...

יאָ, יאָ, יאָ...

ער געזעגנט זיך מיט איר און גייט אַוועק.

זעליק באַהאַלט זיך טיפער אין אַ טויער און לאָזט אים דורכגיין...

יענער גייט פאַרביי און פייפט צו זיך אַליין, צו דער ליידיקער גאַס.

אַזוי נאָנט פון זעליקן איז ער פאַרבייגעגאַנגען. זעליק האָט געשפּירט פּערפום פון אים, און אַן אומפאַרשטענדלעכן עקל האָט ער דערפילט צו דער דאָזיקער ליאַלקע...

ער האָט שוין גענומען שאַפן אַ נייע צונעמעניש פאַר זיין קאָנקורענט.

נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין צייט און נישט קיין געדולד צו טראַכטן פון אַזאַ שמערקעס איצט.

ער איז געווען גליקלעך, טויזנט מאָל גליקלעך, וואָס אידאַ האָט זיך מיט אים דאָ אויף דער גאַס געזעגנט.

ביז די שוועל האָט זי זיך געלאָזט באַגלייטן און נישט מער.

זעליק איז געגאַנגען אַהיים אַ פריילעכער, צעטראָגן מונטער איז ער געווען...

פלוצלינג גיט ער אַ קלער: ווי וואָלט געווען, ווען די זאַך וואָלט געווען פאַרקערט? ווען שמערקעס גייט אַרויף אויבן, אַ קעלט נעמט אים דורך פון אַזאַ געדאַנק.

„איך וואָלט משוגע געוואָרן", טראַכט ער בײַ זיך און דער־פרייט זיך נאָכאַמאָל פון דעם גליק, וואָס אים האָט געטראָפן.

לאַנגזאַם שפּרייזט ער, די שנייעלעך טאַנצן אים פאַר די אויגן אויף די באַלויכטענע ערטער פון דער גאַס, און דאָרט וווּ קיין לאַמטער ברענט נישט, פילט ער ווי זיי גלעטן אים, די שניי־עלעך, און עס דאַכט זיך אים, אַז זיי שלאָפן שוין אויך, און אַזוי שלאָפנדיק פאַלן זיי אויף זייער גרויס געלעגער, אויף דער ערד...

ער איז שוין געווען מיד פון טאָג, פון אַזוי פיל אויפרעגונג, די רויקייט האָט אים געבורענגט אַהיים און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

פינסטער שוין געווען אין זיין חדר, נאָר אין דער פינסטער האָט געשוועבט זיין שמייכל, צו זיך אַליין האָט ער געשמייכלט, און געטראַכט האָט ער, אַז מאָרגן וועט ער אַ סך, א סך רעדן מיט אידאַן. ער וועט איר אָנווייזן אויף דעם אָרט, וווּ זיין האַרץ קלאפּט און זאָגן:

— אידאַ, אָט דאָ לעבט פאַר דיר אַ גאַנצע וועלט מיט ליבע.

מאָדנע פּלענער האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ. די גוטע נאַכט האָט אים אַזוי פיל צוגעזאָגט.

געטראַכט, געחלומט און פאַרלאַנגט פון עמעצן, אַז דער מאָרגן זאָל נישט ענלעך זיין צום נעכטן, דאָס גאַנצע לעבן גייט ער אַזוי, ווי צווישן הויכע גרויסע ווענט. אָבער די ווענט מוז מען פונאַנדעררוקן, ער זאָל קענען פריי אָפּעטעמען.

ער האָט דעם הויפּט־געדאַנק זיך אַליין נישט אָנגעצייכנט, נאָר דאָס געפיל איז געווען בײַ אים, אַז אידאַ... זי זאָל אים צו־העלפן, דורך איר זאָל ער געראַטעוועט ווערן פון דעם שטענדיקן בלײַ, וואָס דריקט זיין נשמה...

און ער האָט זיך אַזוי ווי בײַ עמעצן געבעטן, געוואָלט, אַז

יענער זאָל מיט אים איינשטימען: „איך וויל דאָך נישט קיין סך אין לעבן, נאָר איין פּריינט, איין זיכערן פּרייגט...

אַלץ איז אים ליב געווען אין דער רגע פאַרן שלאָף. ער האָט זיך דערמאָנט דאָס באַליכטענע שטיק גאַס, וואָס לעבן טעאַטער, די שנייעלעך, די גלעקעלעך פון די שליטנס.

און די שמאָלע אידאַ מיט איר שיינעם מאַנטל.

ס'איז דאָך גוט, וואָס זי זעט אויס אַזוי ריין און אַזוי ווייט פון אים. ער איז אַ געוויינטלעכער משרת און זי זעט אויס, ווי אַ פירשטין.

און זי קומט צו אים אין זיין אָרים בחורישן צימער. זי איז זיינע.

נישט אַלע איז באַשערט אַזאַ גליק.

חיים גאָלדנבערג איז טאַקע גערעכט, בעת ער שטראָפט אים. דו באַדאַרפסט זיך פילן גליקלעך, אַזוי זאָגט ער צו אים. זעליק גיט געדאַנקלעך אַ שמייכל:

ווי נעמט מען דאָס און מען פילט זיך גליקלעך? האַ! גאָלדנבערגס געזונט פּנים קוקט אויף אים, און צו וואָס טראָגט ער היינט, דער גאָלדנבערג, אַ ווייס שייטל מיט קורצע הויזן, מיט ווייסע זאָקן?

שנייעלעך...

וואַרעמע שנייעלעך, פליִען, און דורך די ציטערדיקע גאַרדינען פון די שנייעלעך קוקט אַרויס אידאַ פּומפּיאַנסקי און לאַכט...

אין דעם דאָזיקן קול פון שטיקלעך געדאַנקען און ברעקלעך בילדער שלאָפט זעליק איין...

אינדערפרי עפנט זיך די טיר פון זיין צימער און די מאַמע קומט אַריין מיט אומעטיקע אויגן און מיט בלייכע ליפן.

וואָס איז געשען?

— גאָרנישט... אין שטוב איז קאַלט, די קינדער וואַנגערן.

זי שטוב, די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט נעמט אים שוועבן פאַר די אויגן... יעדער קלייניקייט: די אַלטע קאַנאַפּע, אויף וועלכער עס פעלט אַ שטיק סעראַטע און ברוינע שטרוי קריכט דאָרט אַרויס, די צעריסענע גאַרדינען, דער זייגער אויף דער וואַנט, וואָס גייט שוין נישט עטלעכע יאָר, ווייל מען קען נישט אָפּרייסן עטלעכע גילדן, כדי אים צו פאַריכטן...

די דאַרע פּנימלעך פון זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך... אַזעלכע אַנגעשראָקענע אויגן... זיינע אייגענע ברידער... כמעט פרעמדע, און דאָך אַזעלכע נאָענטע...

ער איז אַוועק פון זיי, ווייל ער איז אַ שלעכטער ברודער.

זעליק האָט באַ זיך עטלעכע רובל, גיט ער עס אַוועק דער מאַמען און ער דערפילט זיך זינדיק קעגן דער גאַנצער שטוב זיינער.

אין טעאַטער ווילט זיך אים גיין, ער פטרט געלט אויף נאַשיקייטן און אין שטוב הונגערט מען.

די מאַמע גייט אַוועק, און ווען ער טוט זיך אָן, באַמערקט ער סאַראַ אומאָרדנונג באַ אים אין צימער איז.

אַ דריי, פיר ביכער ליגן געעפנט און נישט דערלייענט, דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך שטיקלעך פּאַפּיר, אויף וועלכע ער האָט גענומען שרייבן און נישט דערשריבן.

וואָס איז פון אים געוואָרן?

אַ סך באַקאַנטע רעכענען אים, צי ער שרייבט נייע זאַכן, ער האָט זיך דאָך שוין געדרוקט, מענטשן האָבן פון אים געהאַלטן, געלייגט האָפנונג אויף אים.

אַלץ אידאַ. ווען נישט דאָס פאַרפלאָנטערניש, וואָלט ער געשריבן און געאַרבעט.

ער דערמאָנט זיך איצט דעם נעכטיקן אָוונט, זיין נעכטיקע

פרייד, און אלץ זעט אים אויס אזוי בלייך, גארגישט און גאר־נישט...

פויל, אן ווילן גייט ער אוועק איבער די גאסן. ער האט צו דערליידיקן פומפיאנסקיס ענינים: ערגעץ אויפמאנען א פארעלטערטן חוב, דא און דארט באשטעלן מאטעריאל אויף זומער.

די עטלעכע חדשים פון ווינטער וועלן זיך אוועקרוקן, מען וועט זיך ווידער נעמען צום בויען. פאר פומפיאנסקין ארבעטן אויך ווינ־טער א סך מענטשן.

סטאליארס גרייטן צו טירן־פענסטער, די קאכעל־פאבריק ארבעט און וויעטשארעקס אייזן־פאבריק.

אבער די אלע ענינים דערליידיקט זעליק זייער שנעל און צו מיטאג־צייט איז ער שוין א פרייער מענטש, ער האט שוין גארנישט וואס צו מאכן.

דרייט ער זיך ארום א ביסל אויף דער גאס, באגעגנט עטלעכע באקאנטע, נאר דער עיקר, ווו וועט ער זיך אהינטון א גאנצן טאג?

צו זיך, אהיים אין גרויען צימערל, ווילט זיך נישט און אזוי שפרייזנדיק, קומט ער ווידער צו דער גוט־באקאנטער טיר פון זיין באלעבאס און באלעבאסטע...

— ביזט נעכטן נישט געווען אין טעאטער? — דאס איז די ערשטע פראגע, וואס זי ווארפט צו זעליקן.

— געווען און אוועק אין מיטן שפילן.

— פארוואס? ס'איז דאך געווען אינטערעסאנט.

— מיר איז געווען אומעטיק.

— דיר איז שטענדיק אומעטיק.

— און א יי ך, פרוי פומפיאנסקי, איז שטענדיק פריילעך.

מיט דעם „אייך" וויל ער זי א שטאך טון. אבער יענע לאכט אויס פון דעם:

— פארוואס אזוי אין כעס? פארוואס אזוי ברוגז?

טראָגט אים צו אַ פינגער צו די ליפּן און מאַכט אים מיט איר טאָן אַזוי קליין, קינדיש במעט.

שטענדיק געפינט זי עפּעס אַ וואָרט. אַ באַוועגונג, מיט וועלכער זי אַנטוואָפנט אים.

איצט, מיט דער דאָזיקער פּרעטענזיע צו אים, האָט זי אַרויסגערופן אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן

ער איז גלייך געוואָרן אַנדערש. גענומען רעדן און באַקלאָגן זיך, אַז אין טעאַטער האָט אַרום איר כסדר געטאַנצט שמערקעס און דערנאָך איז זי מיט אים אַוועקגעפאָרן אויף איין שליטעלע.

— ער האָט מיך באַגלייט ביזן שטוב... איז וואָס?

— גאָרנישט.

נאָר קיין כעס איז נישט געווען בײַ אים — דאָס האָט שוין אידאַ אַליין געווירקט אויף אים אַזוי.

זי האָט אים דערביי אויך דערציילט, אַז מאָרגן-איבערמאָרגן קומט שוין דער „אַלטער" צו פאָרן.

און היינט גייט זי ווידער אין טעאַטער.

זעליק האָט אַ ציטער געטון.

— מיר וועלן גיין צוזאַמען, איך וועל קויפן צוויי בילעטן פאַר דיר און פאַר מיר.

וואָס איז איר איינגעפאַלן? פריער האָט זי דאָס גאָרנישט פאַרגעלייגט.

ער האָט זיך נאָך געפרווט דינגען מיט איר צוליב די בילעטן.

— איך ווייס דאָך דיינע קאַפּיטאַלן, — האָט זי אים אַ זאָג געטון.

און זעליק האָט אויפגעהערט וועגן דעם צו רעדן, עס האָט אים געפרייט, וואָס זי זאָרגט אַזוי פאַר אים.

— שמערקעס וועט אייך זען? — זעליק האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט עס געפרעגט.

— ניין, שמערקעס איז היינט באַגינען אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע צום אַלטן, זיי מאַכן ביידע אַ גרויס געשעפט און מאָרגן איבערמאָרגן קומען זיי ביידע צוריק.

זעליקן איז די: שמחה אביסל צעשטערט געוואָרן: הייסט עס דערפאַר גייט זי מיט אים צוזאַמען, ווייל זי האָט היינט נישט קיין באַגלייטער, נאָר דער אָוונט האָט אים גערייצט און אַזוי פיל צוגעזאָגט — ער האָט איצט נישט געוואָלט טראַכטן פון שמערקעסן, פון קיינעם נישט.

זי וועט זיצן מיט אים אין די ערשטע רייען, צווישן די רייכסטע און אונטערעסאַנטסטע מענטשן פון שטאָט. אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז היינט אין אָוונט גייט ער אַרויף מיט אַ טרעפּל העכער אין לעבן...

געהען רויק אַ גאַנצן טאָג, און די רויקייט האָט אים געבראַכט אויף דער סטאַרא-באַיאַרסקע גאַס, צו דער מאַמען, צו זיין היים, ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט, אויסגעהערט אַלע נייעסן: דער טאַטע פאָרט אַרום און זוכט פּרנסה, קובאַ לערנט אין פּעטערבורג און איז דאָרט אַ גאַנצער מענטש געוואָרן, ער האָט רייכע לעקציעס און פאַרדינט מער, וויפיל ער באַדאַרף.

זעליק האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— האָט ער כאָטש אַריינגעשיקט אַ פּאָר גילדן?

— ניין, — האָט די מאַמע געענטפערט, — דו קענסט דאָך קובאַן.

— אָ קען איך אים...

דערנאָך איז זעליק אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן איבער די „באַיאַרעס", אַ קלאָרער ווינטער-טאָג איז געשטאַנען. יעדעס הויז באַזונדער האָט זיך איינגעדעקט אין איר שניי-קאָלדרע. יעדער

בוים באַזונדער האָט פאַר זיך געשוויגן און געפּרווירן אין זיין באַקעטקייט.

פלוצלינג האָט זעליק באַמערקט אין קלאָרן הימל אַ קאַראַ-האַד פון קאָלירטע טויבן... „אוודאי יאַנעקס", האָט ער אַ טראַכט געטון און ער איז אַוועק צו דעם אָרט, וווּ יאַנעק שוסטער האָט געלעבט...

יאַנעק איז געשטאַנען מיטן קאָפּ פאַריסן צום הימל, אַזוי ווי שטענדיק.

ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט ער באַמערקט זעליקן לעבן זיך...

— הע! וואָס מאַכסטו, כראַביע!

און עס איז אַוועק צווישן די צוויי מענטשן אַ גרויסער שמועס וועגן די טויבן.

די גאַנצע חתונה פייגל איז שוין געשטאַנען אויפן דאַך און וועגן יעדער טויב באַזונדער האָט מען געהאַט צו רעדן...

— יאַנעק, דאָס איז יענע ווייסע „זי", וואָס מיר האָבן גע-כאַפּט מיט זיבן יאָר צוריק?

— יאָ, — ענטפערט יאַנעק, — זי לעבט נאָך...

— און דער קאָסמאַטער רויטער „ער", דאָס איז דער זעל-בער, וואָס איך האָב אויסגעהאָדעוועט... איר געדענקט, יאַנעק, ווי איך האָב אים ווינטער פון טויבן-שלאַק אַראָפּגענומען, ער איז דאַ-מאָלס געווען האַלב פאַרפרוירן, קוים דערוואַרעמט...

— דער זעלבער רויטער. — מען האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן „נעווקעס", „שצאַלקעס", „וואַרשאַווסקע" און „פאָטשטאָווע"... ביז יאַנעק האָט אַ פרעג געטון בײַ זעליקן:

— און דו, זעליק, דו האָסט שוין עפּעס אַ „זי"?

זעליק איז געוועזן מונטער פון דעם זוניקן פרעסטל און ער האָט אין זעלבן טאָן געענטפערט:

— פאַרהאַן, יאַנעק... אי פאַרהאַן... ווען איר וואָלט וויסן אין וואָס פאַר אַ געשיכטע איך האָב זיך פאַרפּלאָנטערט.

באַלד האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין; מיט דעם יאַנעק איז ער שטענדיק געווען אָפנהערציק, אָבער אויסצופּלאַפּלען זיין סוד האָט ער נישט געוואָלט.

געגנוג שוין וואָס חיים גאָלדנבערג ווייסט שוין פון דעם אַלעם.

ער איז געגאַנגען צוריק אַ מונטערער. ס׳קען זיין, אַז אים האָט געטרייסט דאָס, וואָס ער איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ מענטש.

דאָ אויף די „באַמורעס" איז ער אַרומגעלאָפן אין אָפּגעריסענע בגדים, דאָ האָט אים קיינער נישט באַמערקט...

איצטער איז ער אַ געליבטער פון אַ שיין ווייבל, זיין באַלעבאָס ווייב...

היינט גייען זיי צוזאַמען אין טעאַטער.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט דעם אָוונט. געפיבערט אַ גאַנצן טאָג, אַריינגעגאַנגען און געקויפט זיך אַ נייעם קראַוואַט, און אפילו געקוקט אין שפּיגל.

שפּעטער איז ער געקומען צו אידאַן.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז זי האָט זיך אויסגעפּוצט. דערנאָך, ווען זי איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער אין איר שוואַרצן קלייד, שיין פאַרקעמט און צוגעפּאַרבט, האָט זעליק אַ לייכטן ציטער געטון.

זי האָט אויסגעזען אַנדערש ווי אַלעמאָל... שטאָלצער, שענער און ווייסער. אַ ריח פון פּערפום האָט זיך געטראָגן פון איר.

— איך געפעל דיר, זעליק!

— אַ שיינע באַלעבאָסטע האָב איך, איך האָב מורא פאַר איר מער, ווי פאַר מיין באַלעבאָס.

— גאַרעלע, קום!

אַ שליטעלע האָט זיי אוועקגעטראָגן האַסטיק צום טעאַטער.

אַלץ איז דאָך אַזוי פריילעך אין לעבן... אפשר ניין? אָט די אַלע לאָמפּן, וואָס באַלויכטן די גאַסן און באַזילבערן דעם שניי, די גלעקלעך פון שליטעלע, וואָס קלינגען אַריין אין דער טיפע־ניש פון דער נשמה און דאָרטן צעקלינגען זיי זיך נאָך צאַרטער, ווייכער... אויף דעם לויטערן דעק פון דער נשמה.

די פרוי, וואָס זיצט לעבן אים און שמעקט מיט דעם פּער־פום, וואָס פאַרשיכורט, דאָס אַלץ האָט זעליקן געמונטערט... דאָך, ווי ער איז צוגעפאָרן צום סאַמע טעאַטער, ווו די עלעקטרישע שילד „האַרמאָניאַ" האָט געלויכטן, האָט ער זיך אַזוי ווי דערשראָקן פאַר די צופיל ליכט, פאַר די אַלע מענטשן, וואָס זיינען מיט אַזעלכע זיכערע טריט אַריינגעגאַנגען אין דער גרויסער געביידע. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערמאַנט, אַז אין די טונקעלע ווינקעלעך פון די גאַסן פילט ער זיך בעסער, ווי אין די באַלויכטענע ערטער און גוט וואָלט געווען, ווען אידאַ פאָרט מיט אים צוריק אַוועק אַהיים, אָדער צו אים אין צימערל...

אָבער אידאַ... זי איז מיט די אויגן שוין געווען אינעווי־ניק, זי האָט מיט די אויגן געוואָרפן אויף רעכטס, אויף לינקס... געפילט זיך, ווי באַ זיך אינדערהיים, ווי אַ פישעלע, וועלכעס מען האָט צוריק אַריינגעלאָזט אין וואַסער...

אויסגעדאַכט האָט זיך זעליקן, אַז זי שווימט אַוועק פון אים. זיי זיינען ביידע אַריין אין פאָיע... זי האָט געשוועבט, האַסטיק אַרויפגעלאָפן די עטלעכע טרעפּלעך, דערביי געכאַפּט אַ בליק אין רעכטן און אין לינקן שפּיגל...

ער... ער האָט קוים באַוויזן זי אָנצויאָגן... און איינמאָל איז ער שיער אומגעפאַלן... עמעץ האָט אַ לאַך געטון, דער צווי־

טער — אַ שמייכל... און זעליקן איז דאָס בלוט אין פּנים אַריין — ער וואָלט שוין מוחל געווען דאָס גאַנצע פאַרגעניגן.

שטילערהייט האָט אים אידאַ געלערנט, בעת זי האָט אויס־געטון איר מאַנטל:

— דו באַדאַרפסט מיר העלפן באַם אויסטון דעם מאַנטל, דו באַדאַרפסט באַצאָלן פאַר דער שאַטניע, פאַרן פּראָגראַם — פאַר אַ קאַוואַליער איז נישט שיין, ווען די דאַמע צאָלט.

דער „קאַוואַליער" האָט אַלץ געפאָלגט, נאָר ער איז געווען פול מיט מורא, טאָמער מאַכט ער עפּעס אַ טעות.

דאָ דערבײַ האָבן אַ סך „קאַוואַלערן" געטאַנצט אַרום זייערע דאַמען. אַראָפּגעצויגן באַ זיי די מאַנטלען. צוגעהאַלטן די לאָרנעט קעס מיט די רידיקולן, פאַרנייגט זיך באַ יעדער קלייניקייט, באַ יעדעס וואָרט און גערעדט אַזוי העפלעך, אַזוי איידל, ווי זיי וואָלטן די אַלע ווערטער טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד געלערנט און איצט קומט עס אַרויס, ווי באַ די קינסטלער.

גאָט צו דאַנקען זיי זיצן שוין אויף זייערע פּלעצער אין דער דריטער ריי.

אידאַ און זעליק...

זי דערלאַנגט אַ שמייכל צו זעליקן, פּונקט ווי זי וואָלט פרעגן:

— ביסט צופרידן, האַ?

זעליק קען אָבער אַליין נישט באַשטימען באַ זיך, צי ער איז צופרידן. מיט איר, לעבן איר איז אים גוט, אָבער דער גאַנ־צער עולם מיט דער גלאַנציקער יום־טובדיקייט פאַרבלענדט אים די אויגן... ער זיצט און האָט זיך מורא אויף אַ רגע אויפצוהייבן און ווען ער הייבט זיך אויף, האָט ער זיך מורא אָוועקצוזעצן.

ער קוקט אין די הינטערשטע רייען אַריין... דאָרט האָט ער דערקענט באַקאַנטע: חיים גאָלדנבערג מיט שפרהן און נאָך עט־לעכע פון זייער חברה.

גאָלדנבערג האָט די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט פון זעליקן. אידאַ איז פאַרנומען מיט אירע באַקאַנטע.

אַרום זיי שאַרכט זייד און דער געמישטער ריח פון פּערפום ווערט אַלץ געדיכטער.

מיט אידאַ פּומפּיאַנסקי קענען זיך כמעט אַלע פון די ערשטע רייען. מען גייט צו צו איר, מען באַגריסט זיך מיט איר פון ווייטנס, אַנדערע בלייבן לענגער שטיין לעבן איר פּלאַץ, מען קושט זי אין האַנט און מען רעדט וועגן די אַקטיאָרן.

זעליק קען די אַלע מענטשן פון זיין שטאָט, ער ווייסט, ווער זיי זיינען, די אַלע רייכע מענטשן. אויסגעפּוצט און אויסגעפּיינט. די רייכסטע, די גרעסטע יחסנים. זיי פאָרן קיין אויסלאַנד, זיי האָבן געלערנט אין די אוניווערסיטעטן, זיי האָבן חתונה מיט גרויסע יחסנים פון אַנדערע שטעט. איצט שטייען זיי לעבן אים, לעבן אידאַן און אַ סך מאָל שטעלט זי אים פאָר פאַר די מענטשן:

— זעליק קאַמיעניעצקי, מיין מאַנס רעכטע האַנט.

זי וויל נישט אַרויסרעדן דאָס וואָרט „פּריקאַזטשיק", דאָס וואָלט זי אַליין פאַרקלענערט.

זעליק זיצט לעבן איר און פּלוצלינג דערפילט ער, אַז עס איז אים ענג, פּונקט ווי מען וואָלט אים אין אַ שטייגל אַריינגעזעצט. דאָרט, אין די לעצטע רייען, האָט ער זיך דערפילט אַ סך באַקוועמער.

פרעמד...

די שטול, אויף וועלכער ער זיצט, איז אַ פרעמדע שטול, די מענטשן אַרום פרעמד און אידאַ אין איר שוואַרץ זיידן קלייד איז אים אויך פרעמד.

יאָ, אַ ביסל איז ער שטאָלץ, וואָס ער, זעליק... ער, זעליק, וועלכער איז פון קינדוויייז אָן אַזוי עלנט געווען איינדערהיים מיט

זיינע צעדרייטע שיך און צעפליקטע הויזן, וואָס ער זיצט דאָ איצט אין דער דריטער ריי — אַ גאַנצער יחסן.

ער, זעליק, וואָס איז אַרומגעלאָפן מיט אַלע גאַסן־יונגען, דעמאָלט... נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק, מיט די טויבן.

און איצט דערלאַנגט אים די האַנט דער יונגער טרילינג, וואָלקאָוויסקיס טאָכטער, העפנער, יאַנאָווסקי...

די גרעסטע גבירים און יחסנים שטייען לעבן אים...

נישט לעבן אים, נאָר לעבן אידאַן, ווייל איר מאַן רעכנט זיך איצט פאַר איינעם פון די רייכסטע אין שטאָט, ווייל זי אַליין איז אַ שיינע...

נישט דרייסט איז זעליק, ער האָט קיין מוט נישט אַריינצומישן זיך אין זייערע געשפּרעכן, אים דאַכט זיך, אַז ער האָט נישט קיין ווערטער פאַר זיי, פאַר די אַלע מיט די אויסגעשליפענע צונגען, מיט אַזעלכע מאַניערן.

אַלע, אַלע זיינען זיי אַ ביסל ענלעך צו שמערקעסן, אַ רגע, און ער דערפילט אַ כעס צו די אַלע מענטשן... עס לויפט אים דורך אַ געדאַנק, אַז זיי אַלע פלאַפּלען, אַז זיי ווייסן גאָרנישט. נאָר זיי האָבן אָנגעזאַמלט אַ קאָלעקציע פון פראַזן און בײַ אַ געלעגנהייט נוצן זיי דאָס אויס.

פונוואַנען קומט צו אים אַזאַ דרייסטער געדאַנק? מיט וואָס קען ער עס באַרעכטיקן? נאָר קוים איז דער געדאַנק שוין געקומען, טרעט ער שוין נישט אָפּ...

שפּעטער אַ ביסל, ווען אין זאַל ווערט פינסטער, איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף און אידאַ בלייבט זיצן לעבן אים און די אַלע פּלאַפּלער מיט די געפּרעסטע ווייסע העמדער, וואַרפט ער צו צו איר אַ פּאָר ווערטער:

— איך האָב זיי נישט ליב, די אַלע יחסנים...

אידאַן פאַרדריסט עס. זי מיינט, אַז זי האָט אים גליקלעך

געמאַכט מיט דעם, וואָס זי האָט אים דאָ אָנגעוואָרפן און געקוועטשט אויף די רייכע שטולן און מיט דעם, וואָס זי שטעלט אים פאָר פאַר די „בעסטע" מענטשן...

און דאָ קרומט ער זיך נאָך. ווער ווייסט, אפשר האָט זי אין דער רגע אַ טראַכט געטון וועגן אים, אַז ער איז נישט מער ווי אַ משרת, און אַ משרת באַדאַרף נישט צופיל פאַרייסן די נאָז.

די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט און אידאַ מיט זעליקן האָבן אויפגעהערט צו רעדן.

זעליקן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָרט פונדערווייטנס האָט ער בעסער געזען, געפילט און פאַרשטאַנען דאָס שפּילן. דאָרט האָט ער דייטלעכער געהערט, כאָטש איצט זיצט ער נענטער. די אַקטיאָרן האָבן אים פריער אויסגעזען ווי מענטשן, וואָס לעבן איבער און ראַנגלען זיך...

און איצט זעט ער דייטלעך דעם גרים מיט דער פאַרב אויף זייערע פּנימער..

דאָרטן איז ער געזעסן, ווי אים האָט זיך געוואָלט, און דאָ קען ער נישט פאַרלייגן אַ פוס אויף אַ פוס... דאָ זיצט ער צווישן די אַריסטאָקראַטן. אַזוי ווי די מאַנעקינען זיינען זיי אַלע, שטייף און אָנגעצויגן...

דאָ האָט ער געכאַפּט די ווערטער און דאָס שפּילן. יעדע נייע פראַזע האָט עפּעס אויפגעוועקט אין אים פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען...

ליבע, אייפערזוכט, שקר — אומעטום גייען די אַלע דריי מענטשלעכע געפילן צוזאַמען.

מיטאַמאָל גיט ער זיך אַליין אַ פרעג, צי אויף דער וועלט איז כאָטש פאַראַן איין אָרנטלעכער מענטש?

מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך, אַז מאָרגן קומט צו פאָרן פּומפּיאַנסקי און ער וועט זיך קושן מיט אידאַן. אידאַ וועט זיך אים

וואַרפֿן אויפֿן האַלדז, דערנאָך וועט זי גיין זוכן אין זיינע וואַליז־קעס, וואָס פֿאַר אַ מתּנות ער האָט איר געבראַכט.

אָבער אַ ציטער דערלאַנגט ער, ווען ער דערמאָנט זיך, אַז צוזאַמען מיט פּומפּיאַנסקין קומט אויך צו פֿאָרן שמערקעס.

ער פֿאַרטראַכט זיך און פֿאַרגעסט אינגאַנצן, ווו ער איז דאָ אין דער וועלט, ביז דער דונער פֿון די אַפּלאָדיסמענטן וועקט אים אויף פֿון זיינע געדאַנקען...

די אַקטיאָרן גייען אַרויס און פֿאַרנייגן זיך, דער עולם נעמט זיך רירן פֿון די בענקלעך.

אידאַ בלייבט אויפֿן אָרט, באַלד ווערט אַרום איר אַ נייער געזעמל און זעליק פֿילט זיך אַזוי ווי איבעריק.

לופּט האָט אים פֿאַרפֿעלט, באַוועגונג.

ער הייבט זיך אויף און גייט איבערן גרויסן טעאַטער־זאַל

גאָלדנבערג מיט זיין כּלה שפרה זיינען אויך אין טעאַטער

יאָך עטלעכע באַקאַנטע. זעליק גייט צו זיי. אויף אַ קורצער צייט בלייבט ער אַליין מיט גאָלדנבערגן.

יענער קוקט אים אַ רגע אָן מיט אַ שמייכל, דערביי גיט ער אַ גנבישן ווונק צו דעם פּלאַץ, ווו אידאַ איז פֿאַרבליבן מיט אירע באַקאַנטע:

— דו לעבסט אַ טאָג, זעליק! זיצסט אין די ערשטע רייען ביסט שוין באַלד אַליין אַ פּומפּיאַנסקי.

זעליק ענטפֿערט אים פּשוט:

— איך וועל דיר זאָגן דעם רעכטן אמת, אַז אויף די קבצני־שע פֿלעצער פֿיל איך זיך אַ סך באַקוועמער.

— ווו איז עפּעס שמערקעס, מען זעט אים נישט...

— ער איז אַוועקגעפֿאָרן צום אַלטן, זיי מאַכן ביידע גרויסע געשעפֿטן.

— אַזוי, דערפֿאַר...

— וואָס „דערפאַר״? — פרעגט איבער זעליק מיט אַ געוויסע אומרויִקייט. ער האָט געוווסט. אַז גאָלדנבערג טוט קיינמאָל קיין איין זאַך נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין און קיין ווערטער וואַרפט ער אויך נישט אומזיסט.

— דערפאַר איז זי היינט מיט דיר געגאַנגען, ווייל שמער־קעס איז אַוועקגעפאָרן.

אין דעם האָט מען גענומען קלינגען און דער עולם איז גע־לאָפן פאַרנעמען די פּלעצער.

באַלד נאָכן צווייטן אַקט איז זעליק ווידער געשטאַנען לעבן גאָלדנבערגן און ווידער גערעדט וועגן שמערקעסן.

— הער זיך איין, זעליק! דיין אידאַ איז אַ קלוג ווייבל און שמערקעס איז אַ דאָן־זשואַן. זיי וועלן דיר ביידע פאַרדרייען דעם קאָפּ, היט זיך פאַר זיי...

שפרה, גאָלדנבערגס כלה, מיט אירע באַקאַנטע זיינען צו זיי צוגעגאַנגען און דער שמועס וועגן אידאַן מיט שמערקעסן האָט גע־מוזט אויפהערן.

גיין!

וואָס שרעקט אים אַזוי גאָלדנבערג מיט שמערקעסן? וואָס שרעקט ער זיך אַליין מיט שמערקעסן?

אידאַ איז זיינע... אידאַ שושקעט זיך מיט אים, בעת אין טעאַטער ווערט פינסטער. די האַנט זיינע האָט זי געפונען אין דעם טונקל, די פינגער זיינע צונויפגעפלאָכטן מיט אירע פינגער און אַזוי געזעסן מיט די אויגן צו דער סצענע, געשלונגען די ווער־טער פון די אַקטיאָרן...

און נאָכפאָרשנדיק די באַוועגונגען פון די אַקטיאָרן, האָט זי אין דער שטיל אַריינגעוואָרפן צו זעליקן אַ פראַזע

— דו זעסט, ווי מען באַדאַרף זיך קושן, דו זעסט...

דערביי האָט זי אים שטאַרקער געדריקט זיינע פינגער.

אין די ווייטערדיקע אַנטראַקטן איז חיים גאָלדנבערג עטלע־כע מאָל צו אים צוגעגאַנגען און געפירט מיט אים אַ שמועס וועגן אידאַן:

יעדעס מאָל האָט ער אַריינגעפּלאָנטערט שמערקעסן.

— דו וועסט מיט אַזאַ נישט קאָנקורירן, זעליק! אַז ער נעמט זיך צו אַ ווייבל, וועט ער שוין נישט אָפּטרעטן.

— אָבער וואָס רעדסטו? זי פאַרברענגט דאָך מיט מיר, איז מיט מיר גוט, ווי קיינמאָל נישט.

— ביז אַ צייט, זי קען מיט אַמאָל פון דיר נישט פּטור ווערן.

— פּטור ווערן? פון מיר פּטור ווערן? איך בין דאָך צו איר נישט געקומען, נישט פאַרליבט זיך אין איר דער ערשטער.

— און איצט? איצט קענסטו שוין אָן איר נישט לעבן?...

— ס'קען זיין.

— זי האָט דיך אויסגענוצט, ברודערקע! און דערנאָך וועט זי דיך אַוועקוואַרפן, זי וועט אויסלאַכן דיין ליבע, דיינע געפילן, קענסט נאָך נישט אַזעלכע ווייבער.

זעליק האָט זיך פאַרטראַכט.

— וואָס הייסט, זי האָט מיך אויסגענוצט?

— פאַרשטייסט נישט... דו ביסט געזונט און גאָר נישט קיין מיאוסער בחור. נעמט זיך אַזאַ ווייבל, וואָס האָט אַ מאַן, וועלכער שפילט מער אין קאָרטן, ווי מיט איר... נעמט זיך אַזאַ ווייבל, און שפילט זיך אָפּ אַ ביסל צייט מיט איר מאנס משרת...

— קריכסט מיר אין די ביינער, חיים!

— ניין, איך בין דיר אַ פריינט.

— טאָ וואָס ווילסטו מיט דיין פריינטשאַפט?

— איך וועל דיר אַ צווייט מאָל זאָגן, וואָס דו האָסט צו טון...

אַ קלונג, דאָס ליכט אין טעאַטער לעשט זיך. זעליק געפינט

קוים זיין פלאץ. אידא ווארפט אים פאר שטילערהייט, וואס ער, א יונגער „קאוואליער", לאזט זיין „דאמע" אליין זיצן.

ער פארטיידיקט זיך:

— דו האסט דאך געהאט ארום זיך אזוי פיל באקאנטע.

— דאס מאכט נישט אויס, דו ביסט מיין באגלייטער, מוזסטו זיין אויפן פלאץ ביזן סוף...

פילט ער זיך מאדנע פארלוירן פון אירע פארווורפן. אלע לערנען אים.

חיים גאלדנבערג לערנט אים.

„זי" לערנט אים...

צי דען איז ער טאקע אזא שלימזל?

אין טעאטער איז פינסטער, די סצענע באלויכטן, און עטלעכע מענטשן לעבן דורך א טראגעדיע...

נאר זעליק פארגעסט און זעט נישט, וואס עס טוט זיך אויף דער סצענע...

אידאס פינגער האבן זיך ווידער צוגעשארט צו זיינע און זי האלט זיי אזוי פעסט.

דאכט זיך גארנישט... גארנישט... די עטלעכע פינגער אירע שפילן זיך מיט זיין האנט... איז וואס? אבער חיים גאלדנבערג איז א ליגנער און א בייזער יונג.

וואס איז ער אזוי אין כעס, גאלדנבערג, אויף אידאן?

זיי קענען זיך נישט, ער האט קיינמאל מיט איר נישט גערעדט און שטענדיק רעדט ער וועגן איר מיט אזא האס און פארביטערונג.

אמת... ער פארשטייט מער פאר אים, פאר זעליקן, ער איז פראקטישער, דערפארענער... נאר צי איז אים גאלדנבערג א פריינט און צי מיינט ער טאקע זיין טובה? עס גלייבט זיך אים נישט, זעליקן, ער קען נישט דאס גאנצע שלעכטס פון לעבן, נאר ער

פאר'שטייט, אַז גאָלדנבערג איז מיט עפּעס נישט אין אָרדנונג:

מיט שפּרהן גייט ער חתונה האָבן, ווייל זי איז אַן איינאייגציקע טאָכטער בײַ איר טאַטן, און דער טאַטע אירער האָט אַ פאַבריק און אַן אייגן הויז.

בײַ אַלע חברים באַרגט גאָלדנבערג געלט און גיט קיינעם נישט אָפּ צוריק.

אין קאָרטן שפּילט ער אויך מיט פרעמד געלט, שטענדיק קאָמבינירט ער, שטענדיק האָט ער עפּעס נישט קיין גאַנצע ריינע פּלענער.

עס בייגערט זעליקן גוואַלטיק, וואָס אַזאַ גאָלדנבערג וויל פון אידאַ פּומפּיאַנסקי...

אינמיטן טראַכטן ענדיקט זיך דאָס שפּילן און זעליק כאַפּט זיך, אַז ער האָט גאָרנישט געזען היינט, אַזוי צעטומלט איז ער געווען מיט גאָלדנבערגס ווערטער.

דאָס טעאַטער אַפּלאָדירט און באַוועגט זיך, פרייליכע געזיכ־טער קוקן צו דער סצענע, די אַקטיאָרן פאַרנייגן זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

צוזאַמען מיט אַלע גייען אויך אַרויס זעליק מיט אידאַן.

זי זעצט זיך אַריין אין אַ שליטעלע, ער לעבן איר.

בשעת מען פאָרט, רעדט זי וועגן טעאַטער און באַוואונדערט דאָס שפּילן.

מיטאַמאָל פרעגט זי זיך בײַ זעליקן:

— וואָס טוט מען איצט? שלאָפן ווילט זיך איצט נישט...

— שוין שפּעט — זאָגט זעליק נישט דרייסט, אין אידאַס ווערטער האָט ער שוין דערפילט, אַז זי פּלאַנט עפּעס.

— פאַר מיר איז נישט שפּעט, אָך, ווען אין שטאָט וואָלט געווען ־רגעץ אַ באַל מיט טענץ...

טענץ... פאַרברענגען...

די גאַנצע אידאַ פליט אים ערגעץ אַוועק פון די ווערטער עס פּאַרדריסט אים, וואָס ער, מיט זיין איבערגעבנקייט צו איר, איז בײַ איר נישט דער עיקר. זי האָט שטענדיק פאַרלאַנגען צו עפּעס אַנדערש...

אין זיין טראַכטן וואַרפט זי אים אַריין די עטלעכע ווערטער:

— וועסט אַרויסגיין צו אונדז, זעליק... יאָ?

— שוין שפּעט — ענטפערט זעליק און ער פילט שוין, אַז ער וועט גיין...

אידאַ שמייכלט און דערלאַנגט אים אַ גלעט מיט דער גאַנ־צער האַנט איבערן פּנים, די האַנט איז געווען אין אַ לעדערנער קאַלטער הענטשקע:

און זעליק האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעקילט.

— אידאַ, איך וויל נישט גיין צו דיר בײַנאַכט, געדענקסט איך האָב אַמאָל געשוווירן נישט צו בלייבן בײַ דיר בײַנאַכט, בײַ דיר אין שטוב נישט.

— ווער זאָגט דיר, אַז דו וועסט בלייבן, די דינסט וועט מאַכן טיי, וועסט אונטערזיצן אַ ביסל און דערנאָך וועסטו גיין אַהיים.

זעליק האָט טיף אין זיך פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט נישט זיין, נאָר ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געלאָזט אײַנרעדן פון אידאַן און פון זיך אַליין...

שטעלט זי זיך אַוועק אין אַ פּאַרטרויערטער פּאָזע און רעדט מיט בענקשאַפט אַרויס נאָכאַמאָל די זעלבע פראַזע.

— וועסט אַרויסגיין צו אונדז, זעליק, יאָ...

געריירט האָט אים דער „אונדז". פּומפּיאַנסקי, דער בעלעבאָס, האָט אויסגעזען אין דער רגע זייער ווייט, ס'איז גאָר קיין פּומפּ־יאַנסקי נישט געווען.

„אונדז"

דאָס זייַנען זעליק און אידאַ, אידאַ און זעליק...

זי האָט אָנגעהויבן שפּרייזן אויף די טרעפּ און ער איז אונ־טערטעניק, שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען...

די דינסט האָט געמאַכט טיי. אידאַ אין זיידן קלייד איז אוועק זיך איבערטון און צוריק איז זי אַריינגעקומען אין אַן עכטער יאַפּאַנער קימאָנאָ...

— דאָס האָט מיר דער אַלטער געבראַכט, ער האָט עס אויס־געבאַרט בײַ אַן אָפיציר, וואָס איז צוריקגעקומען פון דער יאַפּאַני־שער מלחמה.

דאָס קלייד אין אַלע סאָרטן בלומען, פליגן, פייגעלעך און שלאַנגען און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אַלע בלומען, שלאַנ־גען און פייגעלעך האָבן אויפגעלעבט און זיי פליען און שוועבן איבערן צימער...

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איצט איז נישט שפּעט בײַנאַכט, נאָר אָנהייב אָוונט, ווען די זון איז נאָך נישט אינגאַנצן אַוועק, ווען נאַכט איז נאָך אינגאַנצן נישט געקומען...

דאָס צימער האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ גאָרטן, צוליב אידאַס בונטן קלייד...

אַ פאַנטאַנישער גאָרטן...

און זי... יעדע רגע ווערט זי אַנדערש.

אָט איז זי באַשעפטיקט ערנסט מיט צוגרייטן די טיי, דער־לאַנגט יעדע רגע פון שפּייז־שאַנק פאַרשידענע זיסקייטן, טוט עס מיט אַזאַ ערנסט, ווי אַן אַלטע באַלעבאָסטע און באַלד קומט זי צו צו זעליקן, וועלכער זיצט אויף דער קאַנאַפּע און באַטראַכט אידאַן...

— נו, קום צום טיש טרינקען טיי...

רירט ער זיך נישט פון אָרט. זי, זי איז טאַקע אין דער רגע רייצנד און שיין, דאָס זיידענע קלייד מיט די משונהדיקע

בלומען און שלאַנגען מאַכט זי לייכט, דאָס קלייד שאַרכט די גאַנ־צע צייט בײַ יעדער באַוועגונג...

זייד...

נישט אַלע נשמות פאַרשטיין דאָס לשון פון ציטערדיקן שאָרך, דאָס לשון פון קאָלירטן, דורכזיכטיקן וועב, וואָס ליגט און ליגט דאַכט זיך נישט אויף דעם יונגן קערפּער פון דער פרוי.

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, זעליק?

— ביסט שיין...

— אַ נײַע אַמעריקע אַנטדעקט...

ער גיט אַ שפּרונג און וויל זי כאַפּן. זי אַנטלויפט און ער פאַלט אַראָפּ אויף דער קאַנאַפּע...

יונג און שטאַרק איז ער... ס'דאַכט זיך אים די לעצטע צייט, אַז ערשט איצט נעמט ער פילן אין זיך לעבן, דאָס בלוט ברענט אין די אָדערן, ווי קיינמאָל נישט.

פריִער איז דאָס מיט אים גאָרנישט געווען. אפילו דאַמאָלס, ווען אידאַ איז צו אים געקומען. אין יענער נאַכט, בעת ער איז גע־שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע.

איצט איז גענוג, ווען ער נעמט טראַכטן פון איר.

דאָס האָט זי אים צום לעבן אויפגעוועקט, אויפגעוועקט און אויפגעמונטערט...

אָט שטעט זי, ווי אַ שדל, ווי אַ ליכטיק מלאך־שדל און שמייכלט ווי אַ קליין, באַזוו מיידעלע.

איינער דעם צווייטן קוקט אָן, באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, מעסט שווייגנדיק אָפּ, וועגט און שאַצט אָפּ. אַ רגע דאַכט זיך, אַז זיי פאַרשטיין זיך ביידע, ווי צוויי אַלטע גוטע מבינים...

און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, נעמט זי, אידאַ, און שפּרייזט צו צו דער קאַנאַפּע...

נענטער צו זעליקן...

ציט אויס אַ שלאַנקן פוס צו אים...

— ווי געפעלט דיר, זעליק, ווי געפעלט דיר אזא פיסל?

איצט באַווייזט זי שוין נישט צו אַנטלויפן. ווי אַ ווילדער, כאַפּט ער זי און לאָזט זי שוין נישט אָפּ. עס איז ווידער געקומען די שעה פון פאַרגעסונג...

ווען ער איז געגאַנגען אַהיים, איז שוין די ווינטער-נאַכט געווען אַוועק, נאָר דער טאָג איז נאָך נישט געקומען. צווישן טאָג און נאַכט איז געלעגן אַ שטומע גרויקייט, וועלכע איז לאַנגזאַם געוואָרן אַלץ העלער. אין דעם צעשטערטן טונקל האָט זעליק באַמערקט סילועטן: דאָס זיינען אַרבעטער געגאַנגען צו די מאַשינען, ערגעץ ווייט און ערגעץ נאָנט האָבן פאַבריקן גערופן מיט זייערע סיגנאַלן די פאַרשלאָפענע.

„ווי זי האָט געביסן", „זי האָט מיך טאַקע ליב". ער איז געגאַנגען און געוואָרפן שטיקלעך געדאַנקען אויף די גאַסן, אויף דעם שוואַרצן שניי.

„באַלדנבערגן אויף צו להכעיס", „זי האָט מיך ליב".

די גאַנצע נאַכט, דער אָנהייב אָוונט — אַלץ האָט אים איצט אין די געדאַנקען דורכגעשוועבט...

איינמאָל האָט ער יאָ אַ ציטער געטון: פּלוצלינג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דאָס דינסט-מיידל דאָרט, אין קיך, האָט געמוזט אַלץ הערן... יעדע באַוועגונג, יעדן קוש.

נאָר באַלד קומט די דערינערונג, ווי זי האָט אים געביסן, ווי זי האָט אים געקושט און ער פאַרגעסט אַלע חשדים און אַלע ספקות.

שוין צוגעקומען צום טויער, וו ער האָט געוווינט. נישט געוואָלט אַריינגיין: צו ענג און קליין האָט אים איצט אויסגעזען זיין צימערל...

נישט ווייט איז געווען דער וואָקזאַל. לאָקאָמאָטיוון פייפן.

ער איז אַוועק אַהיים. דער וואָקזאַל, פון וואַנען מען קען אַוועקרייזן איבער דער גאַנצער וועלט, האָט אים שטענדיק גע־צויגן, מיט אַ מאָדנער נייגעריקייט פלעגט ער אָנקוקן די צוגן, וואָס גייען אַוועק.

אין דער מינוט, בשעת ער איז אַריין אין גרויסן בופעט־זאַל, איז אָנגעקומען אַ צוג.

מיט אימפעט איז צוגעלאָפן . דער צוג און מיט דעם זעלבן האַסט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

פון איין וואַגאָן איז אַרויסגעקראָכן אַ רונדער, אויסגעפּאַ־שעטער פּאַרשוין, נאָך אים איז געגאַנגען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ קליינעם לעדערנעם סאַק־וואָיאַזש...

פּומפּיאַנסקי און שמערקעס...

זעליק האָט זיך אויף גיך אָפּגערוקט, יענע האָבן אים נישט באַמערקט.

„זיי זיינען שוין דאָ", „זיי זיינען שוין דאָ".

ער האָט געוואַלטיק געוומען בענקען נאָך אידאַן, אַ שווערער פאַרגעפיל האָט אים געדריקט.

וואָס דאָס איז פאַר אַ געפיל, האָט ער נאָך נישט געוווּסט, ער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז ער האָט היינט פאַרברענגט די לעצטע נאַכט מיט זיין ערשטער געליבטער.

XIII.

## גאָלדנבערגס פּלאַן.

בּאַ די בּאַלעבּאַטים איז איצט אַ גאַנצער יריד.

לאַנגע טעג און אָוונטן זיצן זיי אָפּ, פּומפּיאַנסקי און שמער־קעס, מען שושקעט זיך, מען שיקט דעפּעשן, מען וואַרט אויף דעפּעשן.

טעג זיצט מען און מ׳חשבונט. עס קומען אויך פּרעמדע מענטשן, מען קומט בּאָרגן און פאַרבּאָרגן געלט. זעליק לויפט יעדן טאָג איבער די בּענק, ער שיקט געלט קיין ווילנע.

די סומען זייַנען גרויסע, און וואָס גרעסער זיי זייַנען, אַלץ מער דריקן זיי אים מיט זייער לאַסט. ער ווערט בּטל בּאַ זיך, בּעת ער טראָגט אַ סומע פון צוואַנציק טויזנט רובּל...

אין דער צייט, ווען איין רובּל איז בּאַ אים אַ מטבע...

ס׳איז אַ שווערער ווינטער. די הייזער, די נישט דערבּויטע, שטייען מיט פאַרקלאַפּטע פענסטער־לעכער.

די שטאָט איז ווי פאַרגליווערט פון פראָסט. און וואַרעמער, ליכטיקער ווי אומעטום איז, דאַכט זיך, בּאַ פּומפּיאַנסקין.

אין אַלע צימערן איז וואַרעם, און יעדעס ווינקעלע איז ליכטיק.

און פּומפּיאַנסקי גייט שטענדיק אַרום און מורמלט, אַז עס איז אים ענג.

ער האָט שוין אויף פּאָסט-גאַס געקויפט אַ שטיק פּלאַץ, וווּ ער גייט זיך בויען אַן אייגן הויז.

— שוין גענוג הייזער געבויט פאַר אַנדערע, — אַזוי זאָגט ער, — מען דאַרף אויך פאַר זיך עפּעס בויען.

דערביי קוועלט ער אָן פון זיך, פון זיין עשירות:

— מען מעג זיך שוין פאַרגינען...

און אידאַ פאַנטאַזירט אויף וועגן זייער אייגן הויז:

— זעליק, ווי דער פרילינג וועט קומען, וועסטו דעם אַלטן צויאָגן. אונדזער הויז מוז ווערן פאַרטיק דאָס ערשטע, מיר ווערן דאָ פּשוט דערשטיקט פון ענגשאַפט.

זעליק מעסט אָפּ מיט די בליקן דאָס גרויסע פרייע צימער, דערביי טראַכט ער אויך פון די איבעריקע פאַר גרויסע צימערן.

און ער שמייכלט:

מענטשן ווערן דערשטיקט פון ענגשאַפט. באַ זיי אין שטוב איז דאַכט זיך אַ ביסעלע ענגער...

נאָר צו פרילינג איז נאָך ווייט און דערווייל ליגט דאָ אַ שווערער ווינטער.

און דערווייל איז מיט אידאַן עפּעס געשען: זי מיידט אים אויס, זי קערט אָפּ דעם קאָפּ, ווען ער קוקט אויף איר צו לאַנג. וויפיל מאָל, ווען ער גייט אַוועק, וואַרט ער נאָך אָפּ אַ ביסל אין קאָרידאָר, טאָמער וועט זי צולויפן גגביש ווי פריער און אַ מורמל טון: „זעליק, מאָרגן, זעקס אַ זייגער".

ניין, איצט איז זי גאָר אַנדערש געוואָרן, זי האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. בעת זעליק בענקט נאָך אַ בליק פון איר, נאָך איין פינטל מיטן אויג, וואָס זאָל אים אויפלעבן און דערמאָנען דעם נעכטן, מיידט זי אָבער אַזאַ מאָמענט אויס מיט אַלע מעגלעכקייטן.

זעליק פאַרמשפּט זי באַ זיך אין האַרץ: זי האָט נישט קיין

הארץ, זי שפילט זיך. נאָר פאַרהאַן מענטשן, וואָס אויפן דעק פון דער נשמה איז דאָ באַ זיי אַ טראָפּן נשמה, באַ איר א׳ז דער טראָפּן אויך נישט פאַרהאַן.

קאַלט, אָפּיציעל איז זי מיט אים געוואָרן און יעדן טאָג ווערט די קאַלטקייט שטאַרקער.

אים איז איצט אַ סך ערגער. ער קען נישט מאַכן זיינע לאַנג-זאַמע שפּאַצירן איבער די גאַסן, ווייל דער פראָסט נעמט אים אַדורך.

עס בלייבן אים צוויי ערטער, ווו ער קען זיצן: באַ זיך אין צימערל, ווו עס איז נישט איבעריק וואַרעם און נישט איבעריק היימלעך...

דערנאָך ווידער באַ פּומפּיאַנסקין. נאָר באַ פּומפּיאַנסקין האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שווערע גיהנום פאַר אים.

שמערקעס זיצט דאָרט ווידער גאַנצע טעג, ער זיצט מיט דעם באַלעבאָס פּומפּיאַנסקי און נאָך מער מאָל מיט דער באַלעבאָסטע.

פּומפּיאַנסקי פיבערט איצט מיט די גרויסע פּאָדריאַדן, וואָס ער האָט אָנגענומען. יעדע פאַר שעה אַנטלויפט ער פון דער היים, ער ציט אַרויף אויף זיך זיין וואַרעמען פעלץ מיט דעם קאָטיק-היטל און קייקלט זיך אַוועק אין שטאָט צו די באַנקירן, צו די פאַבריקאַנטן.

ער באָרגט איצט גרויסע סומען געלד, וואָס ער באַדאַרף אויף קויציע פאַר דער רעגירונג.

שמערקעס האָט מער ליב צו זיצן אויף איין אָרט, ער איילט זיך נישט. די געשעפטן ווערט פּומפּיאַנסקי אַליין באַזאָרגן.

ווען זעליק קומט אַרויף און ער דערזעט זיי ביידע צוזאַמען, אידאַן מיט שמערקעסן, דאַמאָלס לאָזט זיך אים אַראָפּ דאָס האַרץ.

און דאָ איז דער שמערקעס נישט פויל, ער שיקט גלייך זעליקן אַוועק מיט אַ שליחות, ער איז דאָך אויך זעליקס באַלעבאָס.

זעליק פאָלגט. ער מוז פאָלגן, ער באַקומט דערפאַר געלט

זינט זיי זיינען געקומען, די שותּפים, פון ווילנע, דערקענט זי אים גאָרנישט. אומזיסט וואַרט ער אין אָוונט פון פינף ביז זיבן אין זיין צימער.

שטענדיק פלעגט זי קומען אין די שעהן און איצט, ווען ער האָט זי געכאַפּט אין קאָרידאָר און אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס קומסטו נישט, איך וואַרט אויף דיר יעדן אָוונט...

— אין אַזעלכע פרעסט, זעליק, ווילסטו איך זאָל לויפן צו דיר?

יאָ, פריִער האָט זי נישט געקוקט אויף אַזעלכע זאַכן...

און זעליק איז געלאָפן אויף דער גאַס, האָט געאָטעמט די לופט און אַלץ געוואָלט דער פראָסט זאָל שוין פּלאַצן...

דערווייל האָט אָבער אַ קאַלטער ווינט געבלאָזן, די אויערן האָבן זיך אין דעם צפון-ווינט געסמאַליעט און שמערקעס זיצט גאַנצע טעג בײַ פּומפּיאַנסקין.

דערנאָך, ווען דער פראָסט האָט געפּלאַצט, איז אידאַ אַלץ נישט געקומען.

אין איינעם פון די אָוונטן, וואָס זעליק האָט געוואַרט אויף איר, האָט ער זיך דערוואַרט אויף חיים גאָלדנבערגן.

זעליקן האָט עס נישט געוווּנדערט, ווייל גאָלדנבערג פלעגט אָפט צו אים קומען.

פאַרקערט, איצט האָט עס אים אַ ביסל געפרייט. ער האָט פאַר גאָלדנבערגן אויסגערעדט זיין האַרץ:

זינט דער שמערקעס איז געקומען צוריק פון ווילנע, איז זי צו מיר אַ פרעמדע.

גאָלדנבערג האָט טריומפירט:

— איך האָב דיר געזאָגט, געדענקסט, איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט: זי שפּילט זיך מיט דיר.

און דערנאָך:

— איך וואָלט שוין געוווסט, ווי זי צו האַלטן אין די הענט, פון מיר וואָלט זי זיך שוין נישט אַרויסגעגליטשט.

ביסלעכווייז האָט ער פּאַר זעליקן אַנטוויקלט אַ גאַנצן פּלאַן. זעליק האָט באַדאַרפט מיט עפּעס זי שרעקן, זי איז דאָך אַ פרוי פון אַ מאַן, ער האָט עס באַדאַרפט דערמאָנען און מיט דעם, מיט אַזאַ געווער...

— וואָס מיינסטו, איך האָב זי געדאַרפט פאַרמסרן...

— ניין, — האָט זיך חיים צוריקגעצויגן, בעת ער האָט דער-זען זעליקס בייזן בליק, — אָבער אָנשרעקן מעג מען...

— ס׳איז מיאוס, ס׳איז נידערטרעכטיק מיט אַזעלכע מיטלען.

— איך מיין דאָך גאָרנישט, איך וואָלט וועלן דיר זאָל גוט זיין...

„מיר זאָל גוט זיין". זעליק איז געזעסן אַ פאַרביטערטער, דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ווען איך וואָלט האָבן עטוואָס געלט, וואָלט איך אינ-גאַנצן אַנטלאָפן פון דאַנען. איך וואָלט אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, דאָרטן זיינען דאָ שרייבערס, צייטונגען. איך פיל, אַז איך מוז אי-בערבייטן מיין אָרט לעבן...

גאָלדנבערג האָט זיך געגנבעט ווי אַ קאָץ צו אים:

— ביסט אַ שלימזל, ווערסט נישט האָבן קיין געלט, ווערסט נישט פאָרן קיין ווילנע...

— פאַרוואָס טראַכסטו אַזוי?

— ווייס איך וואָס דאָרטן! איך האָב נישט מיט דיר וואָס צו רעדן, איך האָב קיין צייט נישט, אַ גוטע נאַכט!

און חיים גאָלדנבערג האָט גענומען גיין צו דער טיר. זעליקן האָט דערשראָקן דער געדאַנק, אַז ער וועט באַלד

ווידער בלייבן אַליין. חיים איז דאָך יאָ אויסן זיין טובה, אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געקומען אַהערצו. ער האָט אים אָפּגע-האַלטן:

— וואַרט, וווהין לויפסטו?

גאָלדנבערג איז געבליבן, נאָר אַ מינע האָט ער געמאַכט, ווי ער וואָלט האָבן גרויסע פּרעטענזיעס צו זעליקן:

— אַליין קענסטו גאָרנישט מאַכן און לערנען פון אַ גוטן חבר ווילסטו אויך נישט.

ער האָט שוין געפילט, אַז זעליק איז געוואָרן מער אונטער-געגעבן און ער איז צוגעטרעטן ענערגישער:

— געלט... דו זאָגסט געלט, אויף דיין אָרט ווען איך בין, וואָלט איך געהאַט אַ סך געלט.

זעליק האָט אָנגעשטעלט די אויערן:

— ווי אַזוי, חיים? פון וואַנען קען איך האָבן געלט?

— דו ווילסט מיך פאָלגן, ווילסט אויסהערן אַ חבר? דו האָסט נישט מער אַזעלכע פריינט, ווי איך בין דיר.

ער האָט גערעדט גנביש, צוגעפּאַסט זיך צו זעליקן, מיט פיקסישע ווערטלעך צוגעפּאַסט זיך צו אים.

געמאַכט זיך אַזוי, ווי ער איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צום ענין, אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און געלויערט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך שוין קענען דרייסט און זיכער וואַרפן אויף זיין קרבן:

— ביסט גרייט אויף אַלץ, זעליק?

זעליק האָט זיך נייגעריק צוגעהערט:

— הער זיך איין! נישט קיין ווילנע, נישט צו די שרייבערס באַדאַרפסטו אַנטלויפן. מיר קענען דאָ אויפן אָרט עפּעס מאַכן. וואָס מיינסטו חיים?

— איך מיין, אַז מיר וואָלטן דאָ אויפן אָרט געקענט מאַכן אַ פיין געשעפטל, אַ מאַנופאַקטור סקלאַד.

— מיט וואָס? ווי אַזוי?

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיך נישט בייזערן, אַז דו וועסט נישט זיין קיין יאָלד.

— איך זאָג דיר צו...

— הער זיך איין!

— איך הער...

— דו האָסט עפּעס בריוולעך פון דיין ווייבל?

זעליק האָט נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס חיים פרעגט עס, נאָר ער האָט געענטפערט:

— עטלעכע קליינע בריוו האָב איך, צעטעלעך, וואָס זי האָט מיר איבערגעגעבן, בשעת זי האָט צו מיר נישט געקענט רעדן...

— גוט...

— אָבער צו וואָס באַדאַרפסטו די בריוולעך?

גאָלדנבערג איז צוגעגאַנגען צו אים נענטער און גערעדט ערנסט, מיט איבערצייגונג:

— דיין ווייבל האָט פאַר דיר מורא און זי מוז פאַר דיר מורא האָבן, דו זאָלסט נישט אויספּלאַפּלען דעם סוד... דו האָלסט זי אין דיין האַנט.

— אָבער וואָס האָט עס צום מאַנופאַקטור-סקלאַד?

— וועסט באַלד זען...

— רעד קלערער, — האָט זיך זעליק געבעטן.

און חיים גאָלדנבערג האָט גערעדט:

— דיין ווייבל האָט אַ סך צירונג און זי מוז האָבן געלט אויך אַ ביסל...

— אָבער וואָס האָט עס צו מיר?

— פאַר דיין שווייגן זאָל זי דיר באַצאָלן, דו פאַרשטייסט?

זאָל זי נישט מיינען, אַז אַזוי לייכט פאַרדרייט מען אַ בחור דעם קאָפּ

זעליק האָט אַליין נישט געדענקט געגוי, וואָס דאָ איז פאַר־געקומען, אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט פאַרשטאַנען די נידע־ריקייט פון גאָלדנבערגס פאָרשלאַג, דאַמאָלס האָט ער אַלץ פאַר־שטאַנען...

דערפאַר האָט ער אַזוי נישט ליב אידאַן... גאָלדנבערג?

דערפאַר האָט ער שטענדיק געררייצט אויף איר.

וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט מינוטן צוריק? ער האָט גע־דענקט און נישט געדענקט, די הענט האָבן אים ווי געטון...

ער האָט עמעצן געשלאָגן. חיים גאָלדנבערגן? יאָ... די עמלעכע שטולן, דאָס טישל מיט די ביכער... אַלץ איז דאָ גע־ווען איבערגעקערט, ער האָט געשריגן, ווייזט אויס, ער האָט הויך געשריגן, זעליק, ווייל דער האַלדז טוט אים ווי.

דאַכט זיך, אַז גאָלרבערג האָט אים געסטראַשעט, בעת ער איז אַרויסגעלאָפן פון אים, — ער איז אויף אַלץ פעיק.

זעליקן האָט געברענט דער קאָפּ, די הענט האָבן זיך אים געריסן, עס האָט זיך אים געוואָלט אַרויסלויפן אויף דער גאַס און כאַפּן דעם גאָלדנבערגן און ווי־ער פּאַטשן, פּאַטשן ביז בלוט...

ער איז געבליבן אין צ... אַ באַליידיקטער, אַן איינזאַמער...

דער קרייז ווערט ק... וועמען האָט ער? קיין וואָרט נישטאָ מיט וועמען צו ... עמען פאַרטרויען כאָטש אַ ביסעלע אומרו:קייט פון זיין ... גשמה?

חיים גאָלדנבערג מיט זיין גאַנצער קאָמפּאַניע זיינען שוין אויף פאַר אים געשטאָרבן, אַ היים גייט ער נישט און בא פּומפּיאַנסקין זיצט שטענדיק שמערקעס...

די וועלט איז אים ענג געוואָרן...

דעם זעלבן אָוונט איז ער אַרו... ...כן חיימען. ער

האָט געוואָלט מיט אים רעדן, אפשר אויך איבערבעטן, אַז מע זאָל ניט ...
חעט באַדאַרפן.

צוליב אידאַן...

עס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז גאָלדנבערג זאָל נישט נעמען פלאַפלען פאַר מענטשן. אים האָט פאַרביטערט דער געדאַנק וואָס פון דעם קען אַרויסקומען.

ער האָט אָבער גאָלדנבערגן נישט באַגעגנט און דערנאָך איז ער פאַרבייגעגאַנגען פומפּיאַנסקיס הויז.

ער האָט אַלץ געציטערט... טאָמער? טאָמער ווייסט שוין דער אַלטער? נאָר די רויִקע פּייערלעך פון פומפּיאַנסקיס פענסטער האָבן אים אַ ביסל באַרויִקט.

אידאַ... וואָס וועט זיין מיט איר, ווען דער סקאַנדאַל וועט אַרויפשווימען? זיך האָט ער פאַרגעסן, ער איז גרייט געווען אויף אַלע צרות, אויף אַלץ...

דער אַלטער האָט אָבער פון גאָרנישט געוווּסט, ער האָט גאָרנישט געזען, וואָס אַרום טוט זיך, אויסער זיינע ריזיקע געשעפטן, וועלכע האָבן אים אינגאַנצן פאַרשלונגען...

מיט זעליקן האָט ער ווי פריִער געלעבט גוט און אַ סך מאָל אויסגערעדט זיך מיט אים גוטמוטיק:

— זעליק, עס וועט זיין גוט, דו וועסט באַ מיר גיין אין גאָלד. ער האָט זיך ליב געהאַט צו באַרימען פאַר זעליקן. ער פלעגט אים ווייזן די וויכטיקע קאָנטראַקטן, וואָס ער האָט געמאַכט מיט דער רעגירונג, ער פלעגט אים ווייזן בריוו פון „גרויסע מענטשן".

די גרעסטע מענטשן זיינען באַ פומפּיאַנסקין געווען די רוּסישע באַאַמטע, מיט וועלכע ער האָט קאָמבינירט זיינע געשעפטן...

— און ווי געפעלט דיר, זעליק, מיין שותּף שמערקעס? אַ טייערער שותּף, ער האָט אַ סך געלט, ער האָט אַ געוואַלטיקן כּוח

דער שמערקעס... אַלע ווייבער שטאַרבן דאָך פאַר אים. דעם ווילנער גובערנאַטאָרס ווייב האָט זיך אין אים פאַרליבט און גע־שריבן פערפומירטע בריוולעך צו אים, אַ פּאָלקאָווניקס ווייב אויך אַזוי... דו ווייסט זעליק, אַז מיט זיין פּנים און גלאַט צינגעלע טוט ער מער אויף, ווי מיט זיין געלט...

דערביי פלעגט ער לאַכן, דער באַלעבאָס, און זעליק האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שטומע פיינטשאַפט, געהאַסט און געשוויגן.

זעליקן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ רייצט זיך מיט אים, אַלץ טוט אים צו להכעיס.

טעג זיינען געגאַנגען, שווערע טעג פאַר זעליקן: אידאַ האָט אים אויסגעמיטן, איצט האָט ער דאָס שוין געזען דייטלעך. פריער האָט זי זיך פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס די פרעסט זיינען גרויס. איצט האָט דער פראָסט געפּלאַצט. עס זיינען געשטאַנען לינדע באַזוניקטע ווינטער־טעג, אין דער זונס וואַרעמקייט האָט זיך שוין עפּעס באַמערקט פון ערב־פרילינג.

יאָ, ווען זי וואָלט נאָר האָבן דעם קלענסטן חשק, וואָלט זי זיך אָונטס־צייט דורכגעשליטלט און געקומען צו אים...

אַזוי ווי אַמאָל...

אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז דאָס איז געווען שוין לאַנג, לאַנג...

יענע, יענע טייערע אָוונטן. איצט האָט עס אים אויסגעזען, ווי דער גרעסטער גן־עדן.

צו אים, צום פּשוטן בחור, איז זי געקומען אין אירע רייכע קליידער מיטן פּערפום־ריח... געקושט האָט זי אים, געביסן פון ליידנשאַפט...

איצט געפינט זי יעדעס מאָל אַ תּירוץ:

— דאָס קינד איז נישט געזונט...

אָדער:

— די שניידערקע נעמט צו מיינע פרייע שעהן.

אפשר איז דאָס געווען אַ חלום? אפשר איז זי גאָר קיינמאָל נישט געקומען... אַזוי ווייט איז זי געוואָרן מיטאמאָל פון אים, אַז זעליק האָט אַ סך מאָל אָנגעהויבן צווייפלען אין דעם, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען.

ווען ער פלעגט קומען אין צימער, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן אינמיטן, צווישן די פיר ווענט, און אָנגעהויבן דערמאַנען אַלע קלייניקייטן:

אָט דאָ איז זי געזעסן...

— אָט דאָ, אויף דער פאָדלאָגע, האָבן זיך געוואַלגערט אירע פעקלעך...

אויף זיין בחוריש בעטל האָט ער געקוקט און דערמאַנט זיך די שעהן, וואָס זיי האָבן פאַרברענגט צוזאַמען...

די פראַזן, די ווערטער, די קושן אירע... וואָס פאַר אַ ווערטער זי פלעגט עס אויסגעפינען אין יענע אָוונטן פאַר אים...

ער איז געווען אַ קליין יונגעלע און זי, די גרויסע, די קלוגע, האָט זיך געשפּילט מיט אים...

זי איז געווען דרייסט, מוטיק און ער האָט נאָך געהאַט אין הארץ אַ סך אָנגעשראָקנקייט פון זיינע נישט-פריילעכע קינדער-יאָרן...

ער פלעגט זיך פייניקן, טראַכטן כסדר: מיט וואָס האָט ער קענען איר פאַרזינדיקט? וואָס האָט ער געטון און וואָס האָט ער נישט באַדאַרפט טון, כדי זי נישט צו פאַרלירן?

און דאָ מוז ער יעדן טאָג, יעדער שעה פון טאָג קומען צו פּומפּיאַנסקין, באַגעגנען זיך מיט איר און זען, ווי זי מיידט אים אויס...

ער האָט זי געזוכט, געבעטן זיך מיט די אויגן בא איר, זי זאָל אריינקומען צו אים.

נאָר אײנמאָל. ער װיל זי האָבן באַ זיך אין צימער. זײן לעבן, זײן צוקונפט, זײן רויִקײט — אַלץ ליגט אין אירע הענט...

אײנמאָל זאָל זי זיך נאָך װײזן אין זײן אָרימען צימערל אויף דער אַלטער שאָסײ־גאַס.

עס װעט אים אױפהײבן פון דעם טיפן אומעט־גרוב, אין װעלכן ער איז אַראָפּגעפאַלן. עס װעט אים מאַכן װידער שטאָלץ...

זאָל זי קומען אויף אַ שעה, זאָל זי אים דערמאַנען, אַז דאָס, װאָס עס איז געװען, איז טאַקע באמת געװען, װײל ער איז אַזױ עלנט און אַנגעשראָקן, אַז ער גלײבט אפילו נישט אין דעם טײערן נעכטן, װאָס זי האָט אים געגעבן...

— אידאַ! פּלעגט ער שטיל אַ זאָג טון, בעת זי האָט זיך אַרומגעדרײט אין צימער. זי פּלעגט אָנשטעלן אַ פּאָר אויגן.

און די אויגן האָבן געפרעגט:

— װער ביסטו? װאָס װילסטו? פרעמדע, קאַלטע אויגן, אַזעלכע אויגן, װאָס האָבן דאַכט זיך קײנמאָל נישט געשמײכלט, װאָס זײנען קײנמאָל פרײנטלעך נישט געװען...

נאָר אַט קומט שמערקעס און פון איר צו אים גײט דורך אַ פרײלעכער שטראַל — איר בליק.

פון װאָס רעדן זײ?

ער פרעגט באַ איר, צי זי לערנט און װי גײט עס איר אין לערנען.

ער רעדט װעגן דער מאָדערנער פרוי, אַ מאָדערנע פרוי מוז קענען רעדן פראַנצויזיש.

אַ מאָדערנע פרוי מוז שפּילן קלאַװיר...

ער װאַרפט גאַנצע בערג מיט פראַזן און זי קוקט אויף אים נישט װי אויף אַ געװײנלעכן טאַנצמײסטער, נאָר װי אויף אַן עכטן אַריסטאָקראַט...

זעליק גײט אַװעק און קומט צוריק.

אַט זיצן זיי ביידע צוזאַמען אויף דער קאַלירטער קאַנאַפּע פון אַלטנס שרייב־צימער. שמערקעס האַלט אָפן זיין טאַשן־פּאָרטפּעל און ציט פון דאָרטן אַרויס בריוולעך, פאַרביקע שטיקלעך פּאַפּיר.

די בריוועלעך שמעקן.

ער דערציילט ניסים, זי גלאָצט מיט די אויגן, ער וואַקסט, ער וואַקסט... ער איז דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט אַזאַ דערפאָלג, און אויף זעליקן גיט זי שוין נישט קיין קוק... וואָס וויל ער פון איר דער משרת? זי קען אים נישט, זי ווייסט אים נישט.

אַט די גלייכגילטיקייט צו אים האָט זעליקן אויפגערעגט און פאַרביטערט. אין אַזעלכע רגעס פון איר פרעמדשאַפט איז ער גרייט געווען אויף אַלץ...

מיט ווייטיק האָט ער געטראַכט, אַז גאָלדנבערג איז געווען גערעכט.

נישט מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרגעלייגט אַרויסצוזאָגן געלט בײַ איר... ניין, פאַר דעם וואָלט ער איצט אויך געפּאַטשט. נאָר גערעכט איז גאָלדנבערג געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז זי שפּילט זיך מיט אים.

און זי האָט זיך שוין אָפּגעשפּילט...

נאָר אַן אַנדערע איז זי געוואָרן צו אים, פרעמד, פרעמד...

אין זעליקן האָט געשריגן זיין ווייטיק.

און ער קומט אַריין און זעט זי מיט שמערקעסן צוזאַמען. ער זעט אויך דעם מאַן, וואָס זיצט בײַם שרייב־טיש און עס אַרט אים גאָרנישט.

דאַמאָלס ווילט זיך אים אַרויסלויפן אין מיטן צימער און אויסשרייען.

אָנווייזן אויף אידאַן און אויסשרייען:

— איר זעט די אויגן אירע, די ליפּן, דעם האַלדז? דאָס האָב איך אַלץ הונדערט מאָל אויסגעקושט, איך, זעליק דער משרת, איך...

ער איז אָבער געבליבן בײַ דעם פֿאַרלאַנג דאָס צו טון, בײַ זײַן װײַטיק און פֿאַרביטערונג.

אָװנט־צײַט פֿלעגן זײ בײדע, אידאַ און שמערקעס, גײן אין טעאַטער, אויף קאָנצערטן.

אין שטאָט האָט שוין לאַנג זעליק געהערט צװײדײַטיקע װערטלעך:

— הע, דער שמערקעס...

— ער איז טאַקע פּומפּיאַנסקיס שותף...

— אין אַלץ...

— אפֿילו צו דעם װײַב אַ שותף.

דאָס אַלץ האָט אים אויפֿגערעגט ביז גאָר, ער האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפֿן, ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קרענקלעכער אָנשטרענגונג...

װאָלט כאָטש געװען אײן מענטש, אײן פֿרײַנט, פֿאַר װעמען זיך אויסצורעדן...

קײנער נישט. לײדיק איז זײַן צימער, לײדיק די גאַנצע װעלט. באַטאָג הײבט זיך אויף די זון און דער שנײ שמעלצט זיך, באַנאַכט כאַפּט אַ פֿרעסטל און דינע שטיקלעך אײַז־גלאָז קנאַקן אונטער זעליקס פֿיס...

אין די סאַמע פֿאַרװאָרפֿנסטע װינקעלעך פֿון שטאָט פֿלעגט ער אַרומבלאָנדזשען. באַנאַכט איז זי אים געקראָכן אין די געדאַנקען, געברײצט מיט די פֿאַרגאַנגענע שעהן פֿון איר לײדנשאַפֿט, פֿון איר נאַקעטקײט...

זי האָט אים דאָך נישט אָפּגעלאָזט אין יענע שעהן, ביז טויט־מיד אים פֿאַרמאַטערט.

פֿאַרװאָס איז זי איצט אַזוי קאַלט און פֿרעמד געװאָרן?

דערפֿאַר, װײַל דער טאַנצמײַסטער שמערקעס איז געקומען.

און ווי אַזוי קען מען דאָס? פריער אַלץ געבן און איצט אפילו קיין שמייכל נישט, אַפילו קיין וואָרט נישט.

ער פלעגט נאָכאַמאָל פאַרבלאָנדזשען אונטער פּומפּיאַנסקיס פענסטער באַנאַכט, נאָר גלייך פלעגט ער זיך פאַרשעמען פאַר זיך אַליין און נעמען לויפן צוריק.

ענג און קליין איז אים געוואָרן די וועלט, דאָס לעבן...
און דערצו נאָך אַזוי פיל זייטיקע טאָג-טעגלעכע צרות.
אינדערהיים איז שלעכט געווען...
יעדע פאָר טעג קומט די מאַמע און וויינט און בעט געלט,
וואָס איז ער, אַ גביר? אַ פּומפּיאַנסקי?

די לעצטע עטלעכע גילדן האָט ער שוין אָפּגעגעבן. עס וועט קומען דער זומער וועט ער מער פאַרדינען. דאַמאָלס, ווען מען בויט, באַקומט ער פּראָצענט. אָבער איצט איז ער אָרים. אַ סך מאָל פלעגט ער לויפן און באָרגן געלט. ער האָט געוואָלט העלפן זיינע פון שטוב, געמיינט, אַז פון דעם וועט אים לייכטער ווערן אויף דער נשמה.

איינמאָל איז ער אַוועק צו יוכוויצן, דעם מוליאַר. יענער איז דאָך אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, האָט ער געוואָלט פאַר אים זיך אויסרעדן.

געקומען און אַוועק מיט גאָרנישט, עס האָט זיך גישט גע־שמועסט אַזוי ווי זעליק האָט געוואָלט.

יוכוויץ האָט זעליקן ליב געהאַט, ער האָט אים שטענדיק אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט, נאָר ער האָט געהאַט אַ קראַנק ווייב מיט קינדער, איז ער שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיינע צרות.

אָנשטאָט צו געפינען בּאַ אים מיטגעפיל, האָט זעליק אַליין גענומען מיטפילן, ווען ער האָט דערזען דעם טרויעריקן דלות באַם מוליאַר אין שטוב.

אַמאָל פלעגט ער באַגעגענען אין גאַס חיים גאָלדנבערג מיטן

זיין חברה. זעליק גייט פאַרביי גלייכגילטיק און גאָלדנבערג גיט אויף אים אַ קוק מיט אַ פּאָר אויגן פון אַ שפּיאָן, פון אַ פאַרעטער אַ געמיינער. שמייכל לייגט זיך אויף זיין געוועזענעם חברס ליפּן.

קיינעם נישט... טעג גייען אַוועק, און ער האָט נישט גע־האַט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. איינמאָל איז ער געקומען אין דער גאָרקיך, ווו די אַרבעטער, די מאָליאַזשעס, עסן. ער איז אָפּ־געזעסן מיט זיי אַ שטיקל צייט, מען האָט גערעדט, אַז דער ווינ־טער רוקט זיך, מען וועט שוין באַלד ווידער קריכן אויף די רושי־טאָוואַניעס און לייגן אַ ציגל.

— טרינקסט אַ גלאָז ביער? זעליק, ביסט דאָך אַ נאַש בראַט...

זעליק האָט געטרונקען אַ גלאָז ביער, דערנאָך איז מען אויך איבערגעגאַנגען צו אַ שנאַפּס.

איינמאָל, צוויי מאָל... ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין דער גאָרקיך און אַן אָפּטער... טרינקער.

פּראָסטע, געזונטע מענטשן, זיי האָבן אויף אים געווירקט, ער האָט זיך פּשוט געשעמט פאַר זיי. חברה טרינקט אַ גאַנצן טאָג, מען וועט זיך: ווער מער...

געווען זיינען דאָרטן אַזעלכע, וואָס פלעגן אַריינגיסן אין זיך צו צוואַנציק גלאָז ביער באַ איין „זיץ". און ער קרימט זיך און „מיידלט" זיך, בשעת מען לייגט אים פאַר אַ גלאָז. זיי האָבן געלעבט מיט אים גוט, דערביי האָבן זיי געלאַכט פון פּומפּיאַנסקין און פון זיין בייעם שותּף שמערקעס...

ער פלעגט דערביי זיך נייגעריק צוהערן, טאָמער ווערט אויך זיין נאָמען דערמאַנט. ניין, קיינעם חלומט זיך נישט אים אַריינצומישן.

דערביי קלאַפּט אים ווער אין פּלייצע:

— זעליק, נאָך אַ גלאָז... טרינק!

די מענטשן האָבן געהאַט זייער פילאָזאָפיע באַם טרינקען:

— טרינקען באַדאַרף מען שטענדיק... איז גוט אויפן האַרץ,

באַדאַרף מען זיך דערפרייען מיט אַ גלעזל, איז ווידער שלעכט אויפן האַרץ, באַדאַרף מען דאָך אוודאי פאַרגיסן די צרות.

און זעליק האָט גענומען פאַרגיסן די צרות... ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם. עטלעכע וואָכן האָט עס געדויערט. נישט איינמאָל איז ער געגאַנגען אַהיים און די גאַנצע שטאָט האָט זיך פאַר אים גע־שאָקלט. שיכּור? אינגאַנצן שיכּור איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן, צו ווייטיקלעך האָט דאָס ווערעמל אים געעגבערט אין האַרץ.

אידאַ האָט זיך אינגאַנצן אָפּגערוקט פון אים. בײַ פּומפּיאַנ־סקין פלעגט ער איצטער זיין נאָר אין די נייטיקסטע מאָמענטן...

און דער זיכערער אין זיך באַלעבאָס פרעגט אים כּמעט יע־דעס מאָל:

— וואָס אַנטלויפסטו? זיץ אַ רגע, טרינק אַ גלאָז טיי!...

זעליק דרייט זיך אַרויס און לויפט ווי אַ משוגענער אַראָפּ פון די טרעפּ. דאָרטן אין צווייטן צימער זיינען געבליבן אידאַ מיט שמערקעסן,ביידע אויפגעלייגטע, זיי האָבן דאָרט געלאַכט אויפן קול — פאַר קיינעם קיין מורא נישט...

און וווּ לויפט מען פון ווייטיק און חרפּה?

צו דער גאָרקין, צו די טרינקערס...

ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געטרונקען, ווען נישט אַ צופאַל, וועלכער האָט זעליקן ניכטער געמאַכט.

איינמאָל אין אַ פייכטן פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. די ביינער, דער גאַנצער גוף זיינער האָט ווי געטון... ער עפנט אויף די אויגן, — ער איז נישט בײַ זיך אין צימער, נישט אויף זיין געלעגער, ער קוקט זיך אַרום געגויער און ציטערט אויף: ער איז געשלאָפן אויף פּומפּיאַנסקיס טרעפּ, בײַ דער טיר פון זיין באַלעבאָס.

ער האָט זיך דערשראָקן און גלייך פאַרשטאַנען, אַז [illegible]

איז ער דאָ געקומען אַ שיכּורער, עס האָט אים געצויגן אהער, צו איר...

ער האָט גענומען לויפן פון די טרעפּ. דער קאָפּ, דער גאַנ־צער קערפּער, אַלץ האָט געוויטיקט. ער האָט אָבער אין דער רגע געהאַט איין ציל: אָפּטראָגן זיך גיכער פונדאַנען, אַנטלויפן צו זיך אין צימערל, באַהאַלטן זיך.

אָט וואָס פון אים איז געוואָרן! ער האָט זיך אַליין גע־שטראָפט, געוואָרן קליין בײַ זיך, יענץ ביסעלע שטאָלץ און זעלבסט־ווירדע, וואָס ער האָט לאַנגזאַם געזאַמלט אין זיך, איז איצט אַזוי ווי צערינען געוואָרן...

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך: ער איז שוין אַמאָל געווען אין אַזאַ צושטאַנד, יאָ, דאַמאָלס, ווען ער האָט זיך געחברט מיט אַלע גאַסן־יונגען, מיט די טויבן־שלעגערס, מיטן גנב „גוזי" אין האַרץ האָט ער געפילט, אַז נאָר צו אַזעלכע מענטשן ציט אים, צו אַזעל־כע יאַנעקס, אברהמל סטאָליערס, אַזעלכע מענטשן, וואָס לעבן נישט אַזוי ווי אַלע, צו די נישט כּשרע ציט אים, און די טרינקערס אין גאָרקיך זיינען אויך אַזעלכע...

מער איז ער צו זיי נישט געגאַנגען.

אַרבעט איז שוין געווען מער, ווי אין מיטן ווינטער, מען האָט זיך שוין גענומען גרייטן צום בוי־סעזאָן. זעליק האָט געאַר־בעט, געלאָפן באַשטעלן ציגל, געהילץ און אייזען... נאָר צו דער גאַנצער זאַך האָט ער פאַרלוירן דעם חשק און דעם אַמאָליקן אינ־טערעס. ער האָט זיך געוואָרגן מיט זיין פאַרצווייפלונג. טעג פלעגן אַוועקגיין און מיט אידאַן אפילו קיין וואָרט נישט גערעדט, קיין בליק נישט באַקומען פון איר און דאָ קומט נאָך שמערקעס און ווייזט זיך פאַר אַ באַלעבאָס.

העפלעך, זיס־עלעגאַנט:

— איר וועט אַזוי גוט זיין, קאַמעניעצקי! ווען איר ווערט

האָבן צייט אַריינצוכאַפּן זיך אין „האַרמאָניע״ און קויפן צוויי ב
לעטן פאַר אונדז...

דער „פאַר אונדז״ גיט זעליקן אַ שטאָך אין האַרץ: דאָס מיינט ער, שמערקעס, זיך און אידאַן...

און ער, זעליק, איז דער שליח... ער ענטפערט אָפּ:

— איך האָב נישט קיין צייט, פּאַניע שמערקעס! איך בין זייער פאַרנומען און ער גייט האַסטיק אַוועק פון זיין בייעם באַלעבאָס.

זון האָט שוין מילד געוואַרעמט, נאָר עס האָט זיך נאָך געצויגן דער שיטערער ווינטער; שניי איז געפאַלן און באַלד זיך צעשמאָלצן. מענטשן האָבן נאָך געטראָגן פּעלצן, און שטאָט האָט זיך געבאָדן אין בלאָטע און נאַסקייט.

ער פלעגט זיך אָפטער אַריינכאַפּן אין דער היים, זעליק... צוליב וואָס? געזוכט אַ ביסל וואַרעמקייט צווישן אייגענע. און זייער ווייניק געפונען.

דער זעלבער דלות ווי געווען, די זעלבע פּאַרטרויערטע פּנימער.

פון פּעטערבורג איז אָנגעקומען אַ פאָטאָגראַפיע...

קובאַ אַלס סטודענט. אין אַ מונדיר מיט קנעפּ, אַ רונד, זאַט פּנים, אויסגעזען האָט ער ווי אַ יונגער אָפיציער פון רייכע טאַטע-מאַמע...

זעליק האָט גלייכגילטיק אָפּגערוקט פון זיך די פאָטאָגראַפיע... איצט האָט ער נישט געהאַט קיין כעס צו קובאַן. ער איז געווען פאַרביטערט אין זיך און קיין זאַך איז אים נישט אָנגעגאַנגען.

איצט ערשט האָט ער אָנגעהויבן בענקען נאָך אמאָליקע רוי-יקע טעג. אַלץ האָט אים אויסגעזען גוט און שיין פון דער פאַר-אַנגענהייט:

פּומפּיאַנסקי האָט אים צוגענומען צו זיך — ער איז גליקלעך. פּומפּיאַנסקי דערלייגט אים צוויי רובל אַ וואָך — ער איז צופרידן.

ער קויפט זיך פאַר זיין געלט קליידער, קראַוואַטן, ביכלעך — אים איז גוט.

ער גיט אַוועק עטלעכע רובל אינדערהיים און דאָס טוט אים אַ הנאה... ווייל ער, זעליק, איז אַ מענטש, ער, ער קען העלפן ראַטעווען פון הונגער די גאַנצע שטוב.

איצט טרייסט אים גאָרנישט.

דער איינציקער פאַרלאַנג זיינער איז געווען: כאַפּן ערגעץ-וווּ אידאַן אין אַ ווינקל און רעדן מיט איר, רעדן און פרעגן, וואָס דאָס איז אַזוינס? ווי אַזוי קען דאָס זיין?

ניין, נישט רעדן... אַ קוק טון מיט דער גאַנצער נשמה איר גלייך אין די אויגן אַריין, צי וועט זי אויסהאַלטן זיין בליק? צי וועט זי מיט גאָרנישט ענטפערן, ווען ער וועט זי פרעגן עטלעכע ווערטער, ווען ער וועט זי דערמאַנען כאָטש אין מאָמענט פון זייערע באַגעגעניש?

דאָך מיט דער זעלבער געשיקטקייט, ווי זי פלעגט אים פריער געפינען, מיט דער זעלבער פלינקייט האָט זי אים איצטער אויסגעמיטן...

ער קומט אַריין צו פּומפּיאַנסקין, זי רוקט זיך באַלד אַרויס אין אַ צווייטן צימער, זי קוקט נישט אין זיין זייט.

איינמאָל האָט ער באַמערקט, ווי זי גייט אַרויס פון אַ קראָם. ער האָט האַסטיק גענומען שפּרייזן צו איר... באַלד באַווייזט זיך פון זעלבן געוועלב שמערקעסעס פיגור... איר שטענדיקער באַגלייטער לאָזט זי נישט אָפּ.

זעליק האָט קוים געשלעפּט די פיס אין דער ערב-פרילינג בלאָטע, געווען אויסגעמאַטערט פון אומרו און מאַרנעטערטקייט.

מענטשן האָבן אים נישט דערקענט, נישט איינער האָט כּאַ אים בעפרעגט אין יענע טעג:

— וואָס איז מיט אייך, קאַמעניעצקי?

ער האָט געזוכט תּרוצים, געזאָגט איין ליגנט נאָך דער צווייטער און נישט געהאַט קיין איין מענטש, מיט וועמען אַן אמת וואָרט צו רעדן...

און...

די אמתע צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן.

איינמאָל אין אַ נאַסן טאָג, נאָכמיטאָג, איז ער געקומען צו פּומפּיאַנסקין. האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר...

געעפנט האָט אידאַ.

זי האָט אים נישט אַריינגעלאָזט:

— גיי אַוועק, אַנטלויף! — האָט זי אים האַסטיק אַ זאָג געטון.

זעליק האָט אויסגעגלאָצט אויף איר אַ פּאָר אויגן:

— וואָס איז געשען, וואָס?...

זי איז געווען פּאַרוויינט, נידערגעשלאָגן, בלייך...

— אַנטלויף! דער אַלטער האָט זיך דערוווּסט פון עפּעס, ער מאַכט סקאַנדאַלן... און די טיר האָט זיך פאַר זעליקן צוגעקלאַפּט.

די ערשטע רגע איז זעליק שטיין געבליבן, ווי אַ קינד, וואָס איז דערגאַנגען צו אַ טיפן גראָבן... זיך דערשראָקן און אַזוי ווי פּאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק.

ווי אַ קינד אַריינגענומען אַ פינגער אין מויל און ווילד זיך איינגעביסן.

דערנאָך לאַנגזאַם אַראָפּ פון די טרעפּ

וואָס איז דאַמאָלס געווען אויף די גאַסן? ליכטיק, צי פינסטער?

טויט, צי לעבעדיק? עטלעכע מאָל האָט ער זיך אזוי ווי אויפגע־כאַפּט פון הינער־פּלעט...

איינמאָל האָט ער זיך געפונען אין שטאַטישן גאָרטן, אייגער אַליין אויף די צעוויקטע אַלעען, דאָס צווייטע מאָל באַם וואַלד און דאָס דריטע מאָל, ווען עס איז שוין שטאַרק נאַכט געווען, האָט ער זיך דערזען אויף די „באַיאַרעס", באַ דער מאַמעס טיר־אַריין אין שטוב, גערעדט עטלעכע ווערטער און צוריק אַוועקגע־לאָפן אין שטאָט אַריין...

פאָרזיכטיק האָט ער זיך צוגעגנבעט צו דעם הויז, ווו פּומ־פּיאַנסקי לעבט.

שטיל... דאָס הויז ברענט נישט און פאַלט נישט איין. די פענסטער זיינען באַלויכטן, ווי אַלעמאָל...

אפשר האָט זי דאָס אויסגעטראַכט די גאַנצע געשיכטע, כדי פון אים פטור צו ווערן, פון זיינע בליקן און פראַגן?

זי איז דאָך אָבער געווען פאַרווייגט און שטאַרק צעטומלט.

וואָס וועט זיין מיט איר? מיטן קינד? ווו וועט זי זיך אַהינ־טון? ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי פּומפּיאַנסקי טרייבט זי אַרויס...

פון גרויס יסורים האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם לעצטן געדאַנק: ער, ער אַליין וועט זי ראַטעווען, ער וועט אַרבעטן, האָ־רעווען, אַבי זי צו פאַרזיכערן, ווייל צוליב אים ליידט זי. ער איז געלאָפן איבער די גאַסן, געבויט פּלענער, געשטאַרקט זיך אַליין...

שפּעט באַנאַכט האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין צימער. אַלץ אַזוי ווי געווען, גאָר נישט איבערגעאַנדערשט, די גאַנצע שטאָט איז אויף איר פּלאַץ, אַ לאָקאָמאָטיוו פייפט פון וויטנס אַזוי ווי אַלעמאָל.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אין די קליידער אויף זיין גע־לעגער און אַזוי געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן. דער קערפּער איז

שווער געווען, ווי בליי און די געדאַנקען זייַנען געפֿלויגן, ווי גיפּ־
טיקע לייכטע בינען...

פּונוואַנען האָט ער זיך דערוווּסט, דער פּומפּיאַנסקי? די פּראַ־
גע האָט אים געעגבערט דעם מוח...

גאָלדנבערג, נישט קיין אַנדערער, ווי גאָלדנבערג! און דער
געוועזענער חבר זייַנער, חיים גאָלדנבערג, מיט די ראָזאָווע גלאַטע
באַקן, האָט אים איצט געשוועבט פאַר די אויגן, ווי אַ גזלן, ווי
אַ תּלין...

ער האָט גענומען טראַכטן פון אַנדערע זאַכן, נאָר גאָלדנ־
בערגס פּנים איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן...

דערשטעכן אים, צעטרעטן פריער מיט די פיס און דער־
נאָך דערשטעכן...

און זעליקן דערמאַנט זיך אַ בילד: מיט יאָרן צוריק איז
דאָס געשען, בעת ער איז נאָך אַרומגעלאָפן מיט די טויבן...

דעם באַלעבאָס אַמבוש אויף די באָיאַרעס... האָט מען אין
דערהיים באַ זיי אַ צייט קיין דירה־געלט נישט געצאָלט, אַמבוש
האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט זעליקס טאַטן...

אין אַ שיינעם פאַרנאַכט, זעליק קומט אַהיים...

די טיר איז אָפן, אין די צימערן איז קיינער נישטאָ, נישט
קיין מענטש און נישט קיין חפץ, נאָר אויף דער פּאָדלאָגע איז
אָנגעוואָרפן שטרוי מיט שטיקלעך פּאַפּיר... וווּ?

וווּ איז מאַמע, ברודער, שוועסטער?

זעליק איז אַרויסגעלאָפן אויפן הויף און באַ די שכנים איז
ער דערגאַנגען, אַז הייַנט באַטאָג איז געקומען פּאָליציי מיט טרעגערס
און מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה...

אויפן הויף אַרויסגעוואָרפן. דערנאָך האָט אַ שכן זיי אָפּגעגעבן
אַ שטאַל, וווּ מען האָט פריער געהאַלטן פערד... זעליק איז צוגע־

לאָפּן צו דער שטאָל...דאָרט זיינען געשטאַנען זייערע בעטלעך, די שטולן, דער טיש מיט דער שאַפע...

ער האָט דערזען דעם חורבן און איז אויפגעקאָכט געוואָרן פון דער אומרעכט...

אויפן טיש איז געלעגן אַ מעסער, די פּאַרוויינטע מאַמע האָט באַמערקט, ווי זעליק האָט אַ כאַפּ געטון דאָס מעסער. ער איז אַרויס־געלאָפן און זי נאָך אים, דער גאַנצער הויף מיט די שכנים זיינען אים נאָכגעלאָפן... ער איז שוין געווען בײַ דער שוועל, ווו אַמבוש האָט געוווינט, געוואָלט האָט ער אים שחטן דעם שלעכטן באַלעבאָס...

די מאַמע האָט פון שרעק געחלשט.

די שכנים האָבן בײַ אים דאָס מעסער אַרויסגעריסן...

איצט ווען ער האָט געטראַכט וועגן חיים גאָלדנבערגן, האָט זיך דאָס בילד אים דערמאָנט...

און נאָך בילדער... דער מידער קאָפּ האָט נישט אויסגעהאַלטן, די געדאַנקען האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן, ווי אַ ווינט צע־פּלאָנטערט אַ רויקן בוים מיט צווייגן, ווי אַ שטורם צעפּאַליעט דעם שפּיגל פון אַ סטאַוו...

ווו אָנהייב און ווו סוף פון פּאַליע!

ער איז אזוי ווי איינגעשלאָפן און אין שלאָף זיינען די זעל־בע געשטאַלטן געקומען, געשראָקן און געמאַטערט זיין נשמה...

XIV.

# דער באַלעבאָס...

ער איז אויפגעשטאַנען פרי, אַרויפגעצויגן דעם מאַנטל אויף זיך און שוין געוואָלט ווידער גיין אין גאַס אַריין, איבער דער שטאָט אַרומלויפן. געבליבן נאָך אַ רגע שטיין אין צימער, אַרומגעקוקט די ליידיקייט, פונקט, ווי ער וואָלט וועלן מיט דעם פול מאַכן זיין ליידיק האַרץ...

אין דער רגע האָט די טיר פון זיין צימער זיך געעפנט, אַ פאַרסאָפּעטער מענטש איז אַריין...

דער באַלעבאָס...

פּומפּיאַנסקי אַליין...

אין פעלץ אין ער אַריינגעקומען, ער האָט אויסגעזען זייער גרויס און ברייט, אַלץ אין אים איז אומנאַטירלעך פאַרגרעסערט געוועזן: די אויגן, די נאָז, דאָס בערדל מיט די דיקע וואָנסעס.

זעליקן האָט זיך אַזוי אויסגעדאַכט.

דער באַלעבאָס זיינער האָט פול געמאַכט דעם גאַנצן צימער, פון וואַנט צו וואַנט, און ווען די ווענט זאָלן איינפאַלן, וואָלט ער פאַרנומען די גאַנצע גאַס, די שטאָט, די גאַנצע וועלט... דער באַלעבאָס, דער באַלעבאָס. אין דער קורצער שווייגנדיקער רגע האָט זעליק גאָרנישט איבערגעטראַכט. אַ פאַרגליווערונג האָט זיך געלייגט אויף זיין מאַרך, אויף זיינע ליפן, אפילו די שרעק זיינע איז פאַרגליווערט געוואָרן. פּומפּיאַנסקי האָט אַ ברום געטון, זעליק

האָט נישט געהערט. ער האָט אָנגעשטעלט זײַנע אויגן אויף [illegible] אײַנגעפּעלצטן מענטש און עפּעס געוואַרט-נישט-געוואַרט, געטראַכט-נישט-געטראַכט...

פֿלוצלינג האָט ער דערהערט אַ וואָרט, אַ וואָרט אַ שפּיז, אַ וואָרט אַ ברענענדיקער טראָפּן סם, פֿון קינדווייז אָן געדענקט ער דאָס וואָרט:

— גנבֿ!

דער אַלטער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשריגן דאָס וואָרט מיט צײַן-פֿאַרקריצעניש, מיט גאַל, מיט אַ הייזעריקע שטימע פֿון אַ פֿאַרצווייפֿלטן שיכּור... און באַלד נאָכדעם האָבן זיך גענומען שיטן פֿון זײַן מויל ווערטער, שלעכטע, קאַלטע, עקלהאַפֿטיקע ווערטער, ער האָט געשאָלטן אידאַן, אָנגערופֿן זי מיטן מיאוסן גאַסן-נאָמען, ער האָט זעליקן מיט זײַנע ווערטער געוואָרפֿן אין בלאָטע און געטרעטן, צעטרעטן, ווי אַ וואָרעם... אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז דער פּעלץ זײַנער און דער גאַנצער שלייער פֿון זײַנע רײַכע יאָרן איז אַראָפּגעפֿאַלן...

דאָ איז געשטאַנען איינער פֿון די מוליאַרעס, וואָס קומען אין גאָרקיך און טרינקען אַ גאַנצן טאָג, און פֿון ביר און בראָנפֿן רעדן זיי דערנאָך באַקעטע, גראָבע רייד...

דאָס וואָס זעליקן האָט אָפּגענומען דאָס לשון, וואָס זעליק האָט זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגערופֿן, האָט פּומפּיאַנסקין נאָך מער צערייצט... ער האָט געפֿלאַקערט, געצאַפּלט גיך, אָט באַלד וועט ער זיך וואַרפֿן אויף זײַן משרת און אים דערשטיקן...

נאָר עס האָט עפּעס אַנדערש פּאַסירט: פֿלוצלינג האָט ער אַ פֿאַל געטון אויף אַ שטול, מיט זײַן גאַנצער שווערקייט איז ער אַראָפּגעפֿאַלן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפֿן טיש... און ער האָט גענומען וויינען, ריטשען, ווי אַ חיה... ווי אַ פֿאַרוווּנדעטער בער האָט ער

זיך געוואָרפן און געיאָמערט, דערביי זיינען פון זיינע צוגעשטיקטע ליפּן געפלויגן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער...

אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ווייסע שוים...

און באַלד האָט ער גענומען מיטן אייגענעם קאָפּ האַקן דעם טיש און שרייען...

דערביי איז געשטאַנען דער שולדיקער אַליין, מאַכטלאָז, ווי אַ געשמידטער, אַ פאַרמשפּטער... זעליק...

ער האָט אַלץ צוגעהערט און אַלץ צוגעזען, נאָר בײַ דעם לעצטן מאָמענט, ווען דער באַלעבאָס זיינער האָט גענומען האַקן דעם קאָפּ אָן טיש, דעמאָלס האָט ער נישט אויסגעהאַלטן, עס האָט אים אַ ריס געטון פון אָרט, ער איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, אַוועקגעלאָפן פון דער שווערסטער תפיסה...

אויף דער גאַס האָט אים יעדער מענטש געשראָקן, אין יעדן מענטש האָט ער געזען אַ פּומפּיאַנסקי, אַ באַלעבאָס, אַזעלכן, וועלכער וועט באַלד נעמען שרייען צו אים:

„גנב״!

ער איז געלאָפן צום וואָקזאַל, נאָר אויף דער פאַרעגנטער פּלאַטפאָרם זיינען געשטאַנען בלויז עטלעכע קאַסטנס. קיין צוג איז נישט געווען, נאָר אַ גרויסער לאָקאָמאָטיוו האָט געפייפט און מאַנעווירט הין און צוריק, געפייפט, געבלאָזן זיך מיט ווייסע פּאַרע — אָט אַזוי ווי פּומפּיאַנסקי, וואָס דאָס מויל האָט בײַ אים פון ווילדן צאָרן געשוימט. האָט זיך זעליק דערשראָקן פאַר דעם לאָקאָמאָטיוו און איז אַנטלאָפן פון וואָקזאַל... ער האָט גענומען שפּרייזן איבער די גאַסן אָנגעשראָקן און צעטומלט, פאַר די אויגן האָט כסדר געשוועבט פּומפּיאַנסקי מיט די גרויסע בייזע אויגן... שטיקלעך פראַזן זיינע האָבן געקלונגען אין זעליקס אויערן:

— פאַרשמוצט האָט איר מיר ביידע...

— פאַרמיאוסט מיין לעבן...

— איך וועל זי אַרויסטרייבן, ווי אַ הונט...

און אָט זעט ווידער זעליק, ווי ער פּאַלט אַראָפּ אויפן שטול, זיין באַלעבאָס, ווי ער כליפּעט, ווי די ברייטע פּלייצעס טרייסלען זיך פון צער און אויפרעגונג.

געווען בײַ אים איצט אַזעלכע רגעס, אין וועלכע ער האָט פּאַר קיין פאַל נישט געקענט באַגרייפן, אַז ער, זעליק, זעליק פון די טויבן, זעליק פון קאַכל-פאַבריק, אַז ער אַליין איז שולדיק אין די צרות פון אַזאַ רייכן און גליקלעכן מענטש, ווי פּומפּיאַנסקי איז געווען, אַז דאָס האָט ער צעשטערט זיין לעבן.

ער האָט געפילט יענעמס ווייטיק און חרפה, פאַרשטאַנען דעם חורבן, וואָס איז פאָרגעקומען בײַ פּומפּיאַנסקין אין הארץ. ער האָט עס נאָך פאַרגרעסערט, פאָרגעשטעלט זיך, אַז פּומפּיאַנסקי וועט עס נישט איבערלעבן, ער וועט עס נישט איבערלעבן...

אין זיין צערייצטן מוח האָט זעליק שוין געזען, ווי דער באַלעבאָס זיינער וואַרפט זיך אויף די רעלסן, דער האַסטיקער צוג לויפט אָן און צעשניידט אים אויף שטיקער... דערנאָך רעדט די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע וועלט, אַז ער, זעליק, אַ נישטיקער משרת, האָט צעבראָכן דאָס לעבן פון אַ רייכן און באַוווסטן פאַבריקאַנט...

געווען איז דאַמאָלס אַ נאַסער און שווערער טאָג, אויפן הימל זיינען געהאָנגען גרויע שטיקער וואָלקנס, וועלכע האָבן געזוכט אַלץ צו פאַרדעקן, פאַרשלייערן... און מער ווי אויף אַלץ און אַלעמען זיינען זיי געפאַלן אויף זעליקס נשמה... וואָס וועט זיין מיט אים? וו וועט ער זיך איצט אַהינטון? אידאַ, אידאַ... זי האָט איצט אויסגעזען, ווי די אומגליקלעכסטע. אַלעמען האָט ער באַדויערט, געליטן צוליב פּומפּיאַנסקין, צוליב אידאַן, צוליב זיין מאַמען, וועלכער ער וועט שוין נישט קענען העלפן מיט קיין זאַך.

ער האָט אַזוי דורכגעשפּרייזט אַלע זייטיקע גאַסן פון שטאָט,

אויף דער ניקאָלאַיעווסקער האָט ער זיך מורא געהאַט צו באווייזן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אויף די הויפּט־גאַסן פון שטאָט קאָכט און רוישט איצט פון סקאַנדאַל... מענטשן מוזן שוין אוודאי וויסן פון אַלץ...

און פּומפּיאַנסקי? צי האָט ער פאַרלאָזט זיין צימער, דאָרט אויף דער שאָסיי־גאַס? אפשר האָט ער געחלשט? אפשר באַקומען אַ האַרץ־שלאַג אָדער גאָר משוגע געוואָרן?

געבליבן שטיין נישט איינמאָל אויף אַ זייטיקער גאַס און זיך צוגעהערט צום רעש, וואָס דערטראָגט זיך פון צענטער... צי שרייען נישט די מענטשן אויס זיין נאָמען, צי שעלט אים נישט די גאַנצע שטאָט?

די מאַמע... אפשר האָט זי זיך שוין דערוווּסט פון דער גאַנצער געשיכטע און בײַ זיי אין שטוב איז צוגעקומען אַ נייער טרויער... צוליב אים, צוליב זעליקן, וואָס האָט אַמאָל אין די קינדער־יאָרן געגנבעט חנוכה־דריידערלעך... בײַ זיך אַליין. צוליב דעם זעליקן, וואָס האָט זיך געחברט מיט די טויבן־שלעגער און פאַרשוואַרצט טאַטע־מאַמע פאַר אַלע אין די אויגן...

ער האָט שפּעטער אַליין נישט געדענקט, ווו, אין וועלכע ווינקעלעך פון דער שטאָט, ער האָט דורכגעבלאָנדזשעט אין די נאַסע שנייען, אין די בלאָטעס, וועלכע ווילדע און אָנגעשראָקענע געדאַנקען ער האָט דורכגעטראַכט...

אָנהייב אָוונט האָט ער זיך געפונען אינדערהיים בײַ דער מאַמען, אויף די באָיאַרעס.

אויסגעצויגן זיך אויף דער צעפליקטער קאַנאַפּע און אַרייַנגעגלאָצט מיט די אויגן אַין פענסטער.

צום ערשט האָט אים קיינער נישט באַמערקט און קיינער האָט צו אים נישט גערעדט. ער האָט דאָך פון שטענדיק מיט זיי־

נע אייגענע מער געשוויגן, ווי גערעדט.

שפעטער האָט אים די מאַמע געפרעגט, צי ער וויל אַ גלאָז טיי. זעליק האָט נישט געענטפערט, איז זי צוגעגאַנגען צו אים נענטער:

— וואָס איז מיט דיר, זעליק? ביסט נישט געזונט?

ער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דעם פענסטער און אַ פרעג געטון:

— ע ר איז דאָ נישט געווען?

— ווער געווען? וועמען מיינסטו?

— מיין באַלעבאָס? פּומפּיאַנסקי איז דאָ נישט געווען?

— ניין, צוליב וואָס באַדאַרף ער דאָ זיין?

— גאָרנישט, מאַמע!

— וואָס איז מיט דיר, זעליק? וואָס איז דיר געשען?

זי האָט צוגעלייגט איר האַנט צו זיין שטערן. זעליקס קאָפּ האָט געברענט. זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, געקוקט אויף אים און געוואַרט ער זאָל עפּעס רעדן, נאָר זעליק האָט געשוויגן, מיט די אויגן האָט ער געבעטן מען זאָל אים לאָזן צורו...

אין שטוב איז געוואָרן אַ מאָדנע שטילקייט, די קינדער האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל, די מאַמע האָט גענומען פאַריכטן אַלטע קליידער.

אָט אַזוי איז אַוועק דער אָוונט. שפּעטער האָט זעליק צוגערופן די מאַמען און געזאָגט, אַז ער פילט זיך נישט גוט, דערי־בער וועט ער בלייבן נעכטיקן אינדערהיים. די מאַמע האָט אים אויסגעבעט אויף דער זעלבער קאַנאַפּע. מען האָט זיך געלייגט שלאָפן, פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און אַריינגעלאָזט אין שטוב די גרוי־סע אַלטע נאַכט.

אונטער די לאָדנס האָט זיך געלאָזט קלאַפּן דער ווינט, פון צייט צו צייט אַ יאָמער געטון, ווי אַ הונגעריקער וואָלף, באַקלאָגט

זיך, וואָס זיין בעסטער באַשיצער, דער ווינטער, גייט שוין אַוועק. אין די רויִקערע רגעס האָט מען געהערט, ווי עס טראָפּיעט פון די דעכער, שנייִ האָט זיך לאַנגזאַם צעשמאָלצן...

דאָס הויז־געזונט איז געשלאָפן, נאָר די מאַמע, זעליקס מאַמע, זי האָט דערכאַפּט אויף איר געלעגער אַ קרעכץ, וואָס איז געגאַנגען פון חדר, ווו זעליק איז געלעגן.

אַ צווייטער קרעכץ, און זי איז אַראָפּ פון בעט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

— זעליק, וואָס איז דיר?

אויף איר האָבן געקוקט אַ פּאָר פיבערדיקע אויגן, שטומע אויגן, און געהערט האָט זי ווערטער אומפאַרשטענדלעכע:

— אידאַ, לאָמיר אַנטלויפן אין אַ צווייטער שטאָט.

— דער טאַנצמייסטער, דער גאַספּאָדין מערסי, וואָס וויל ער פון דיר?

— דער באַלעבאָס, דער באַלעבאָס איז געקומען...

— איך האָב אַזוי מורא פאַר אים...

די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, זי האָט נישט פאַרשטאַנען זיינע הייך־רייד, זי האָט נישט געטראַכט וועגן דער באַדייטונג פון די ווערטער. איינס האָט זי געזען, אַז זעליק איז קראַנק נישט אויף קיין געלעכטער.

אַ צעשראָקענע איז זי אַזוי אָפּגעזעסן לעבן אים די גאַנצע נאַכט, עטלעכע מאָל געוואַרעמט טיי פאַר אים און צוגעטראָגן דאָס גלאָז צו זיינע ליפּן.

גיין און זוכן איצט אַ דאָקטאָר איז געווען צוליב דער פינס־טערער און גליטשיקער נאַכט אוממעגלעך.

זי האָט זיך קוים דערוואַרט דעם פרימאָרגן, אַריינגערופן אַ שכנטע און אַליין געלאָפן נאָך אַ דאָקטאָר.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע קרענק. וואָכן־לאַנג איז

זעליק אָפּגעלעגן. דער דאָקטאָר האָט צום ערשטן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט דעם בחור קומט פאָר. שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז זעליק האָט געוויס עפּעס דורכגעלעבט אַ שרעק, וואָס האָט אים אינגאַנצן צעטרייסלט, דערצו האָט ער זיך פאַרקילט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן איבער די נאַסע גאַסן.

דער טאַטע זיינער איז דאַמאָלס אויך נישט געווען אינדערהיים און די מאַמע אַליין האָט זיך געראַנגלט מיטן דלות, געבאָרגט געלט אויף רפואות און דאָקטוירים. איינמאָל האָט זי געפרעגט בײַ זעליקן:

— אפשר גיין צו פּומפּיאַנסקין, צום באַלעבאָס דיינעם, און בעטן בײַ אים עטלעכע רובל?

זעליק איז בלייך געוואָרן און גענומען זיך בעטן בײַ דער מאַמען, זי זאָל דאָס נישט טון. זי האָט אים געפאָלגט און געליטן, געפּייניקט זיך און נישט געקענט דערגיין פון זעליקן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען... פאַרוואָס ער וויל נישט הערן פּומפּיאַנסקיס נאָמען?

ער איז געלעגן אין אַ האַלב-ליידיקן צימער מיט אָפּגעריבענע טאַפּעטן, די אויגן זיינע האָבן זיך צוגעווײַנט צו יעדער פּינטעלע פון די ווענט, פון סופיט...

פון אַלץ האָט אויף אים געקוקט אַ שטומע גלייכגילטיקייט.

געווען אויסגעמאָגערט, בלאַס און שווייגנדיק.

שווייגנדיק צו דער מאַמען, צו די ברידער און שוועסטער, צו אַ שכן, וואָס פלעגט אַריינקומען צו אים אַ ביסל זיצן...

בײַ די שכנים איז געבליבן, אַז זעליק וועט לאַנג נישט אָנציען, זיינע דאַרע הענט מיט די איינגעפאַלענע באַקן, דער טויטער בליק, אַלץ האָט דערצו עדות געזאָגט.

צו יענער צייט איז געקומען צו פאָרן דער טאַטע זיינער,

לויט זיין אויסזען האָט מען געקענט באַמערקן, אַז קיין גליקן האָט ער נישט געמאַכט אין וועג און דערצו האָט ער דאָ נאָך געפונען אַ קראַנקן זון, כמעט אַ סקעלעט... ער האָט נישט אויסגעהאַלטן, דער טאַטע, ער איז אַריין אין צווייטן צימער און זיך פונאַנדער־געוויינט אויפן קול... פאַר דער מאַמען געוויינט, צו גאָט, צו די ווענט. זעליק האָט עס געהערט און דערפילט, אַז ער איז שולדיק אין טאַטנס טרערן...

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער טאַטע געקומען פון גאַס אַן אויפגערעגטער. ער איז אַריין צו זעליקן און אויף אים אַ מאָדנע קוק געגעבן... אין דעם קוק האָט זעליק דערפילט, אַז דער טאַטע ווייסט שוין אַלץ, באַ מענטשן איז ער דערגאַנגען, וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען מיט זיין זון.

נישט מיט קיין פאָרוואורף האָט דער טאַטע אויף אים געקוקט, מיט אַ נייגעריקייט, מיט אַ נישט־גלייבן. שפּעטער האָט זעליק אונ־טערגעהערט, ווי דער טאַטע האָט גערעדט מיט דער מאַמען אין צווייטן צימער.

— וואָס זאָגסטו צו אים? וואָס זאָגסטו?

— אַזאַ שניעק...

די מאַמע האָט זיך אַריינגעמישט:

— שולדיק איז זי אינגאַנצן, זי איז דאָך עלטער פון אים.

דערנאָך האָבן זיי גענומען שטילער רעדן, סודען זיך, אַז זעליק האָט שוין מער גאָרנישט געהערט.

זעליקס צושטאַנד איז געווען זייער אַ שווערער, די עטלעכע וואָכן, וואָס ער איז געלעגן, האָבן אים אינגאַנצן צעבראָכן. עס איז גאָר קיין מענטש נישט געווען, נאָר איצט האָט ער שוין רעאַגירט אויף אַלץ, וואָס אַרום אים איז פאָרגעקומען, געווען גלייכגילטיק צו אַלץ, נאָר אין דער זעלבער צייט אַלץ באַטראַכט, דערמאָנט זיך אַלץ, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, נאָר נישט געליטן. ער

איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, — אַפילו לײדן נישט געקענט, געטראַכט פון זיך אַליין, ווי פון אַן אַנדערן, פון אַ ווײטן זעליק...

אין דאָ קומט די מאַמע און ברענגט אים עפּעס צו עסן — אַלץ בעסערע זאַכן... אין שטוב איז דאָך שלעכט, עס גײט דער ערב־פּסח.

נישט געוווּסט האָט זעליק, אַז עטלעכע מאָל איז בײַ זײַ אַ... דערהײם שוין געווען יוכוויץ דער מולאַזש. ער האָט געבראַכט אַ ביסל געלט פאַר זעליקן, וואָס די אַרבעטער האָבן צווישן זיך צונויפגעזאַמלט. ער פלעגט שטענדיק אויספרעגן בײַ דער מאַמען, וואָס זעליק מאַכט און צושאָקלען טרויעריק מיטן קאָפּ:

— אַ שאָד, אַ ווױלער בחור...

אַלע האָבן געטראַכט, אַלע שכנים פון הויף, די מאַמע, דער טאַטע, דער דאָקטאָר, אַלע זײַנען זײַ זיכער געווען, אַז זעליק וועט לאַנג נישט אָנציִען.

מען האָט בלויז באַדאַרפט אַ קוק טון אויף די פאַרמעט־דאַרע באַקן זײַנע, אויף די אײַנגעדריקטע אויגן, און דער געדאַנק פון טויט איז שוין אַליין געקומען...

און ער איז געלעגן גלײַכגילטיק, געקוקט אין פענסטער, צי אויף דער אַלטער וואַנט, מיט אײן און דעם זעלבן בליק, אָדער דרימלען מיט אַן ערב־טויט מידקײט...

אײנמאָל האָט ער אין אַזאַ דרימל דערהערט אַ שאָרך: מיט אַ פערטל אויג האָט ער באַמערקט, ווי זײַן ייִנגסט ברודערל, אָשר, גנבעט זיך צו זעליקס געלעגער, באַם געלעגער איז געשטאַנען אַ שטול מיט די גוטע זאַכן פאַר זעליקן: ווײַס־ברויט, אַ פּאָמעראַנץ, אַן עפּעלע, אַ שטיקל שאָקאָלאַד...

דאָס ברודערל האָט זיך צוגעגנבעט און אָפּגעריסן אַ שטיקל ברויט, פאַרזיכטיק זיך אַרויסגערוקט מיט דער מציאה פון צימער.

פון דאַמאָלס אָן, ווען זעליק פלעגט דערהערן אַ שאָרך, פלעגט

ער נאָך מער צומאַכן די מידע אויגן... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דלות באַ זיי אין שטוב איז נישט קלענער געוואָרן... געוווּנדערט האָט אים נאָר, וואָס פאַר אים איז פאַרהאַן אויף אַלץ. ער פלעגט אָבער וועגן דעם אויך ווייניק טראַכטן, נישט געהאַט קיין אינטערעס צו קיין זאַך, צו גאָרנישט...

אויפגעוועקט האָט אים אַ ביסל די ערב-פּסחדיקע זון, וואָס האָט גענומען אַריינקוקן אין פענסטער. די שטראַלן פלעגן קריכן פון הויכן סופיט ביזן מיטן צימער, ביז זעליקס בעט, אויפן קישן צו אים אַרויפגעקראָכן...

פונקט ווי זיי וואָלטן אים זוכן. דערנאָך, ווען די שטראַלן פלעגן אַוועקגיין, — דאָס קישן איז נאָך וואַרעם פון זיי — דאָס האָט זעליקן אַ לייכטן ריר געטון...

דאַכט זיך, אַז ער האָט אַליין צו זיך אַ טראַכט געטון: „איך וואָלט נאָך וועלן לעבן", און פון דעם געדאַנק האָט אים אין האַרץ וויי געטון: ער האָט זיך דערמאַנט מיט וואָס פאַר אַ בליקן אַלע קוקן אויף אים, ווי דער דאָקטאָר שאָקלט שטענדיק צו מיטן קאָפּ טרויעריק.

אַ צווייט מאָל האָט ער געוואָלט אַ כאַפּ טון אַזאַ שטראַל, וואָס האָט זיך געשפּילט און געזילבערט אויף זיין קישן... ער האָט אויסגעשטרעקט מיט זיין שוואַכן אימפּעט די האַנט, נאָר די דאַרע האַנט, איז צוריק אַראָפּגעפאַלן, ווי אַ טויטע... מיט רחמנות-בליקן האָט זעליק לאַנג געקוקט אויפן שטראַל, מיט אַ פאַרגליווערטער גלייכגילטיקייט האָט ער זיך צוגעהערט, ווי אויפן הויף שפּילן זיך שוין די קינדער, צוזאַמען מיט זיינע יינגערע ברידער.

געוווען טעג, בעת אָן אים האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן; די מאַמע מיטן טאַטן פלעגן כסדר פאַרפאַלן ווערן: מען האָט געזוכט געלט אויף פּסח... פאַר די ערשטע עטלעכע רובל, וואָס מען האָט

ערגעץ געבאָרגט, האָט מען געקויפט מצה... און שטוב האָט זיך גענומען אַריינרוקן דער יום-טוב מיטן פרילינג אינאיינעם.

יום-טוב... פסח...

פון די איבעריקע יום-טובים האָט זיין טאַטע נישט געהאַלטן, ער איז נישט געווען קיין פרומער, האָט קיינמאָל נישט געדאַוונט, אפילו יום-כפור נישט געפאַסט... און שטאָט האָט מען אים געקענט אַלס אַן אפיקורס, דאָס האָט אים אַ סך געשאַדט, מענטשן האָבן אים דערפאַר גערודפט, נאָר ער האָט געהאַט זיינע ווערטלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך פאַרטיידיקן:

— איך וויל בײַ גאָט נישט אויסבעטלען קיין גוט לעבן בין איך דאָס ווערט, באַדאַרף ער מיר אַלץ געבן אָן מיינע תפילות.

— מיט איין וואָרט, מיט איין ציטער פון האַרץ, מיט איין געדאַנק רעד איך צו גאָט מער, ווי פיל איר מיט אייערע לאַנגע תפילות...

— איך פיל גאָט מער, ווי ער פילט מיך, איך ווייס נישט, ווער וועמען עס איז מער שולדיק...

און אַז מען האָט אים איינמאָל באַגעגנט יום-כפור מיט אַ פאַפּיראָס אין מויל און מיט אַ שטעקן אין האַנט, האָבן מענטשן, באַלעבאַטישע פרומע מענטשן, בײַ אים געפרעגט מיט גרימצאָרן:

— פאַניע קאַמעניעצקי! וואָס טוט איר אַלעמען אויף צו-להכעיס? איר, אַ טאַטע פון קינדער, מיט אַ פאַפּיראָס... מיט אַ שטעקן... היינט, אין אַזאַ טאָג... פאַניע קאַמעניעצקי!

האָט ער זיך רויִק אָוועקגעשפּרייזט און דערביי צוגעוואָרפן די פּאָר פראַזן:

— דעם פאַפּיראָס באַדאַרף איך פאַר זיך און דעם שטעקן פאַר אייך...

— וואָס הייסט?

— קיין איין טאָג פון יאָר זע איך נישט אַזוי פיל דינג,

וויפיל היינט. האַנדלט וויפיל איר ווילט און מיט וועמען איר ווילט, נאָר מיטן רבונו-של-עולם מאַכט נישט קיין געשעפטלעך...

פון אַלע יידישע יום-טובים און מנהגים האָט ער דאָך איין יום-טוב ליב געהאַט.

דאָס איז געווען פסח.

ער פלעגט צוואָגן די מאַמען, אפילו איר העלפן אינדערהיים אויפרוימען, און די יום-טובדיקע שטימונג פלעגט זיך איבערגעבן די קינדער, אַזוי, אַז אַלע קינדער האָבן געוואַרט אויף די טעג, ווען מען עסט מצה און ווען מען באַקומט ניס נאָכן עסן...

אַצינד האָט מען זיך ווידער געגרייט צו דעם יום-טוב.

כאָטש די מאַמע האָט שטענדיק און כסדר צוגעזיפצט.

ערשטנס, וואָס זעליק איז קראַנק און צווייטנס, דאָס, וואָס קובאַ איז אין דער פרעמד.

דאַכט זיך יאָ, יאָ... דאַכט זיך, אַז בא זעליקן אין האַרץ איז אויך געקומען אַ קליין שטיקעלע אויפלעבונג צוליב דעם נאָענטן יום-טוב. עפּעס אינטערעסירט אים, דאָס, וואָס דאָרטן אין די איבע-ריקע צימערן רוימט מען, דאָס, וואָס בא אים אין צימער האָט מען געעפנט דאָס פענסטער... עפּעס ווילט זיך אים... אפשר זיך צו-רוקן נענטער צו דער זון, אָדער די זון זאָל זיך צורוקן נענטער צו אים...

איינמאָל האָט ער אפילו געבעטן, מען זאָל אים דערלאַנ-גען אַ בוך, און אָשר, דאָס ברודערל, האָט אים דערלאַנגט טורגע-ניעוון... זעליק האָט געלייענט עטלעכע זייטלעך און איז באַלד מיד געוואָרן. נאָר דערנאָך, ווען ער האָט איבערגעטראַכט דאָס, וואָס ער האָט געלייענט, איז אים אַזוי גוט געוואָרן אויף דער נשמה...

וועגן אַ דאָרף האָט ער געלייענט, וועגן אַ סך טשערעמכע, וועגן אַ סך צווייגן, וואָס זייגען געזיכט באַשאָטן מיט בעז...

שפעטער האָט ער ווידער געלייענט וועגן צוויי מענטשן, וועלכע זיינען געזעסן אונטער די ביימער און זיי האָבן געריידט, די מענטשן, אַזעלכע שיינע ווערטער, זיי האָבן זיך ליב געהאַט, די צוויי, זיי האָבן זיך געקושט ווי געטער.

צום ערשטן מאָל פאַר דער צייט פון זיין קראַנק זיין האָט זעליק זיך איצט דייטלעך און קלאָר פאָרגעשטעלט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. עס האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צום האַרץ, אויף די ביינער פון זיינע באַקן האָבן זיך עטלעכע הייסע טרערן אַראָפּגעגליטשט, נאָר געפילט האָט ער פון דעם אַ טרייסט, פון דעם, וואָס ער ליידט שוין און לעבט איבער.

אויסגעדאַכט האָט זיך אים אין דער רגע, אַז ער וועט גיכט שטאַרבן, ער וועט געזונט ווערן. אַ גוט פאָרגעפיל האָט דורכגענומען זיין נשמה און געוואַרעמט צוזאַמען מיט די פריי־ליגגס־שטראַלן.

עטלעכע מאָל אין דעם טאָג האָט ער אַרויסגערוקט פון אונ־טער דער קאָלדרע זיינע לאַנגע דאַרע פיס, ער האָט געקוקט אויף זיינע דאַרע הענט, אויף וועלכע די אָדערן האָבן זיך דורכגעזען ווי שטריקלעך. „ווי אַ סקעלעט זע איך אויס", האָט ער צו זיך געטראַכט און געוואָלט האָט זיך אים מיט אַלע חושים פון לעבן, אַז דער סקעלעט זאָל זיך ווידער אָנגיסן מיט בלוט און קראַפט...

פאַרהאַן געציילטע תּפילות, וואָס דער קאַרגער גאָט דערהערט. אפשר האָט ער אויך דאַמאָלס זעליקס שוואַכע תּפילות דערהערט.

אינדערהיים האָט מען זיך געוווּנדערט: זעליק האָט גענומען מער עסן, ער פלעגט זיך אָפּט אַוועקזעצן און רעדן צו אַלעמען. דער דאָקטאָר, וואָס איז געקומען איצט צו אים, האָט גענומען געבן האָפנונג.

אַ פּאָר טעג אַרום, ערב פּסח, איז שוין זעליק געזעסן אויף דעם הויף. די זון האָט אים געוואַרעמט. ער האָט נאָך אַלץ אויסגע־

זען שרעקלעך, אַזוי, אַז די שכנים, וואָס האָבן געקוקט אויף אים, האָבן נאָך אַלץ ווייניק האָפנונג געלייגט אויף אים.

אונטער די הענט פלעגט מען אים אַרויספירן פון שטוב און אונטער די הענט צוריק אַריינפירן, ווייל דאָס איז נאָך אַלץ קיין מענטש נישט געווען, נאָר אַ פעקל צונויפגעשרויפטע ביינער מיט אַ אויסגעגרינט פנים, מיט אַ פּאָר ליפּן, וועלכע האָבן געקוקט שמייכלען צו דער זון. מיטן עקשנות איז ער געגאַנגען צו תחית־המתים...

און וואָס פאַר אַ פרייד עס איז בײַ אים געווען, בשעת ער איז אַליין פון בעט אַראָפּ און צוגעגאַנגען צום פענסטער. אויסגעדאַכט האָט זיך אים דאַמאָלס, אַז ער האָט דעם טויט אַליין באַזיגט... אַליין, אַליין געמאַכט זעקס שפּרייזן.

פסח צום סדר איז ער געזעסן אַ האַלבע שעה בײַם טיש, אַזוי ווי אַלע מענטשן געזעסן און צוגעהערט זיך, ווי דער טאַטע האָט זיך געוויצלט איבער אַלע פרומאַקעס.

לאַנג זיצן האָט ער אָבער נישט געקענט, איז ער אַוועק זיך לייגן. די טיר פון זיין צימער איז געווען אָפן, האָט ער זיך צוגעקוקט פון ווייטן, ווי „זיינע" עסן און פאַרבײַסנגען.

נאָכן עסן איז דער טאַטע אַריין צו אים אין צימער:

— וואָס וועט זיין מיט דיר, זעליק? וועסט געזונט ווערן?

דער טאַטע איז געווען זייער אויפגעלייגט און צופרידן, אין שטוב איז געווען יום-טובדיק און פון גאַנצן הויף, פון די גאַנצע באַריאַרעס האָט זיך געטראָגן אַהער די יום-טובדיקייט.

— וועסט געזונט ווערן, זעליק?

— אַז גאָט וועט וועלן... — האָט זעליק געענטפערט.

דעם „גאָט וועט וועלן" האָט זעליק געירשנט פון טאַטן. דער טאַטע זיינער האָט קיין איין בריוו נישט געשריבן אָן „מיט גאָטס הילף" „גאָט צו דאַנקען", כאָטש קיין פרומער איז ער נישט געווען, און געדאַווענט האָט ער נישט.

— איך האָב גערעדט מיטן דאָקטאָר, — האָט דער טאַטע זיך ווידער אָנגערופן. — ער הייסט דיך אַרויסשיקן אין אַן אָרט וווּ ס׳איז פאַראַן וואַלד, סאָסנאָווער וואַלד. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אין דײַנע יאָרן קען אַלץ פּאַסירן: מען קען גיך קראַנק ווערן און מען קען גיך געזונט ווערן, וועל איך אַלץ טון, דו זאָלסט געזונט ווערן. נאָך יום־טוב וועט די מאַמע דיך אַוועקפירן קיין מסט׳באָווע... דאָרטן האָבן מיר קרובים, און וועלדער זײַנען דאָרט דאָ אַ סך...

זעליק איז דערנאָך געלעגן און געטראַכט פון זײַן צוקונפט: דאָס, וואָס מען שיקט אים אין וואַלד אַרײַן האָט אים נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז ער איז ערנסט קראַנק און אין דער זעלבער צײַט האָבן אים שטענדיק גערייצט די מסטיבאָווער וועלדער.

ער האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי ער שפּאַצירט צווישן די געדיכטע וועלדער, ווי ער קוקט אויף די שפּיצן פון די הויכע סאָסנעס...

וואַלד...

פון קינדוויז אָן האָט ער געהאַט אַ חלום צו קומען אין וואַלד, אַליינער אַליין לעבן צווישן די ביימער. אויסגעדאַכט האָט זיך אים שטענדיק, אַז דער וואַלד וואַרט אויך אויף אים, אַז נאָר זיי ביידע קענען זיך פאַרשטיין.

ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם טאָג. געוואָלט האָט ער גיכער פּטור ווערן פון שטאָט, פון די „באַיאַרעס״, נישט באַגעגענען זיך מיט קיינעם, נישט דערמאָנען יענע טעג, וועלכע האָבן אים אַזוי צעטרייסלט...

און אויפגעציטערט איז ער געוואָרן, ווען עטלעכע טעג נאָך פּסח איז געקומען יוכוויץ...

זעליק איז געזעסן אויפן הויף, זיך געוואַרעמט אויף דער זון. געווען איז ער שוין אַ גאַנצער לייט, דאָס שטיקל וועג פון זײַן

צימער ביזן פלאַך, ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער שוין אַליין געמאַכט, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

יוכוויץ איז צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ פריילעך פּנים:

— אייער מאַמען באַגעגנט אין גאַס, זי האָט מיר געזאָגט, אַז אייך איז בעסער...

— מיין מאַמען? פונוואַנען קענט איר מיין מאַמען, יוכוויץ?

און יוכוויץ האָט אים דערציילט, אַז ער איז דאָ שוין עטלעכע מאָל געווען, אַז פיל פון די אַרבעטער האָבן זיך זייער אינטערעסירט מיט זיין געזונט.

זעליק האָט עס געהערט און ער האָט זיך אַזוי געוווּנדערט: מיט אים האָבן מענטשן זיך אינטערעסירט? קליין און נעבעכדיק האָט ער זיך געפילט די גאַנצע צייט, דאָס ראָד פון לעבן האָט אים אַ בייזן שליידער געטון און דאָס ראָד פון לעבן איז זיך ווייטער געלאָפן...

שוין עטלעכע מאָל האָט ער געוואָלט עפּעס פרעגן בײַ יוכוויצן, געוואָלט און מורא געהאַט, מורא געהאַט צו טראַכטן פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פרעגן:

— וואָס הערט זיך בײַ אייך, יוכוויץ?

— אַלץ דאָס זעלבע, מען בויט מויערן.

— בײַ וועמען?

— אַלץ בײַ פּומפּיאַנסקין.

צום ערשטן מאָל פון דער קרענק אָן האָט זעליק איצט געהערט דעם דאָזיקן נאָמען...

הייסט עס: פּומפּיאַנסקי לעבט, ער בויט ווידער מויערן, אַלץ ווי געווען.

און זעליק האָט געוווּנטשן פאַרזיכטיק אַרויסגיין מיט פאַרשידענע פראַגן: ווו מען בויט די מויערן, וועלכע אַרבעטער באַשעפטיקן זיך מיט דעם און צי פּומפּיאַנסקי פאָרט אָפט אַוועק?

יוכוויץ האָט אויף אַלץ געענטפערט אַ רוּקער. אַ צוריקגעצויגענער מענטש, האָט ער געקוקט אויף זעליקן מיט מיטגעפיל, ער האָט זייער געוואָלט, אַז זעליק זאָל פון עפּעס אַנדערש רעדן, ווייל ער האָט באַמערקט, אַז דאָס געשפּרעך וועגן פּומפּיאַנסקין רעגט אים אויף, נאָר זעליק האָט זיך שוין נישט געלאָזט:

מיט אַ שטיל קול, מיט אָנגעשראָקנקייט, האָט ער אַ פרעג געטון:

— און וואָס הערט זיך מיט איר?

יוכוויץ האָט אַ געדיכטן קוק געגעבן אויף זעליקן:

— מיט פּומפּיאַנסקיס ווייבל מיינט איר, זעליק?

— יאָ... — זיין קול האָט אינעווייניק אַ ציטער געגעבן, ער האָט נישט געהאַט קיין דרייסט אויפצוהייבן אויף יוכוויצן די אויגן.

— וואָס זאָל זיין מיט איר? אַלדאָס גוטס. זי לעבט מיט פּומפּיאַנסקין אַזוי ווי פריער.

— ער האָט זי נישט אַרויסגעטריבן?

— ניין, זעליק!

— נישט געמאַכט קיין סקאַנדאַלן?

— געווען אַ ביסל טומל אין שטאָט, מענטשן האָבן געמורמלט... מען האָט עס שוין פאַרגעסן.

— ער האָט איר אַלץ מוחל געווען, אַ גוטער מענטש, און איך האָב געמיינט, אַז ער וועט עס נישט אַריבערטראָגן.

יוכוויץ האָט געזען, אַז זעליק האָט זיך אַ ביסל באַרויקט פון דעם געדאַנק, אַז אידאַ פּומפּיאַנסקי איז אַרויס גאַנץ פון דער געשיכטע און ער האָט צוגעגעבן:

— אַזעלכע זאַכן פּאַסירן היינטיקע צייטן זייער אָפט, מען שרייט אָפּ די ווייטיק און מען באַרויקט זיך... פּומפּיאַנסקין איז אפשר נישט געגאַנגען אַזוי אין דעם, וואָס זיין ווייבל האָט געזינדיקט.

— נאָר אין וואָס? — האָט זעליק נייגעריק געפרעגט.

אין דעם... אין דעם, מיט וועמען זי האָט געזינדיקט, מיט ווייַנס אַ משרת... אָט דאָס האָט אים געקרענקט.

זעליק האָט אָנגעשטעלט די אויגן:

— אַזוי טראַכט איר?

— דער בעסטער סימן איז, אַז איך בין גערעכט, דאָס, וואָס זי מיט שמערקעסן זייַנען שטענדיק צוזאַמען, טאָג און נאַכט רייסן ווי דער שטאָט די אויגן אַרויס און דעם באַלעבאָס פּומפּיאַנסקי אַרט עס נישט, פּונקט, ווי ער וואָלט בלינד געוואָרן.

זעליק איז געבליבן זיצן אַ רגע ווי פאַרשטיינערט. די זון האָט באַלויכטן זייַן פּנים, און די זעלבע זון האָט באַלויכטן דעם אויסגעקרומטן שמייכל אויף זייַנע ליפּן...

— איך האָב אייך מצער געווען, זעליק?

— יאָ און ניין... — האָט זעליק געענטפערט — איך בין נאָך יונג, דאַכט זיך מיר, אַז איך ווער געזונט, איך וויל ווערן געזונט, איך וויל וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס לעבן... ווער איז גערעכט, — איך, צי שמערקעס? איך, צי גאָלדנבערג? איך האָב זיך אַ שפּיל געטון, און זעט, ווי איך האָב באַצאָלט דערפאַר.

ער האָט גערעדט און געקוקט נישט אויף יוכוויצן, נאָר ערגעץ ווייט, ווייט איבער די דעכער.

יוכוויץ האָט געפונען פאַר אים גוטע ווערטער:

— איר וועט געזונט ווערן, זעליק, און דאַמאָלס נעמט אייך צום שרייַבן, נעמט זיך אַרבעטן. איך, אַ פּשוטער מענטש, לייג אויף אייך גרויסע האָפנונגען, איך וואָלט זער וועלן, אַז פון אונדזער שטאָט זאָל זיך ווער אַרויסרוקן, ווערן אַ באַווּסטער מענטש.

זעליק האָט נאָך אַלץ געטראַכט פון יוכוויצעס פריערדיקע ווערטער: פון איין זייט איז ער צופרידן געווען, וואָס אידאַ איז געבליבן באַ פּומפּיאַנסקין, ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אַרויסגעוואָרפן ווערן אויף דער גאַס... און פון דער צווייטער זייט האָט

איס אַזוי טיף באַליידיקט די גאַנצע געשיכטע, וואָס זי האַלט זיך מיט שמערקעסן און וואָס דער אַלטער דערלאָזט דערצו.

הייסט עס, אַז אי דער באַלעבאָס זיינער און אי די באַלעבאָסטע,ביידע האָבן איס נישט געהאַלטן פאַר קיין מענטש. מיט איס האָט מען זיך ווייניק גערעכנט.

יוכוויץ האָט גערעדט וועגן זעליקס צוקונפט, ער האָט איס אָנגעוויזן, וועלכע ביכער ער זאָל לייענען, די גאַנצע צייט איס געגעבן עצות און געטרייסט, באַרויקט, און זעליק איז געווען ערגעץ ווייט. ערגעץ טיף אין די מענטשלעכע הערצער איז ער געקראָכן, אין זיין אייגן האַרץ.

די זון האָט איס געוואַרעמט, די זון האָט אַלץ געוואַרעמט מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט: די ציגל פון דער וואַנט, אונטער וועלכער זעליק איז געזעסן, די שטול זיינע, אַ טויטן בוים אָן בלעטער און אַ לעבעדיקן גרינעם בוים, וואָס האָט געשאָטנט אַ שטיק הויף.

ער איז אַריין אין זיך, דער יונגער זעליק. אַ שטיק זון איז איס מיט עקשנות נאָכגעקראָכן אין דער נשמה און געהיילט זיינע אַלע וויטיקן... ער האָט אין דער רגע נישט באַמערקט, ווען יוכוויץ האָט איס די האַנט דערלאַנגט און ווען ער איז אוועקגעגאַנגען...

XV.

## אַס האַרץ פון פרילינג...

יט אַ וואָך צוריק האָט אים די מאַמע געבערענגט אַהער קיין מסטיבאָווע. דעם גאַנצן וועג, די עטלעכע שעה, וואָס ער איז גע- פאָרן, האָט ער געוואַלטיק געליטן פון דעם, וואָס אים, זעליקן, פירט מען אַזוי ווי אַ קינד... ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן מענטש, געווען שוין אַ מענטש, און איצט ציטערט די מאַמע, ער זאָל צו האַסטיק שפּרייזן, ער זאָל זיך נישט פאַרקילן.

גערברענגט אים צו אַ וויטן קרוב און אַליין אַוועקגעפאָרן צו- ריק צו איר דלות. אַ וואַלד-הענדלער, אַ פּראָסטער געזונטער יוד, אַ שווייגנדיקער, איז געווען דער קרוב. אים איז געגאַנגען אין איין זאַך: זעליק זאָל דאַווענען. זעליק האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, ער זאָל אים נישט פאַרדרייען מער דעם קאָפּ, אַנדערש וועט ער גלייך אַנטלויפן פונדאַנען. דער קרוב האָט צו אים מער נישט גע- רעדט.

געווען זיינען דאָרט דעם קרובס קינדער, דערוואַקסענע זין און טעכטער, איינפאַכע, גוטמוטיקע, קליינשטעטלדיק-פויל און זאַט. און אַ מאַמע, אַ ברייטע יידענע, וואָס האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין קאָכן און באַקן.

די שעמעוודיקייט זיינע צו פרעמדע מענטשן האָט זעליק איך

אַהער געבערענגט און עס זיינען אַוועק שיינע עטלעכע טעג, ביז ער האָט זיך צו זיי צוגעוווינט.

מער פאַר אַלע האָט ער זיך באַפריינדעט מיט דער מיטלסטער טאָכטער, פּאַיע. די עלטסטע האָט שוין געהאַט אַ מאַן, וועלכער איז אוועק קיין אַמעריקע צוליב פּאָגיען, — צום ווינטער האָט זי שוין געזאָלט אָפּפאָרן צו אים. עס זיינען דאָרט געווען נאָך צוויי טעכטער, יונגערע, — קאַנדידאַטקעס אויף כּלות. . דערווייל האָט מען פאַיען גערעדט שידוכים און די אַלע פיר פרויען האָבן פול געמאַכט די שטוב מיט טומל, מיט קריגעריי, מיט שטיקער נאַקעט לייב, מיט צייטיקייט און קוים איינגעהאַלטענער ליידנשאַפט.

אויף זעליקן האָבן די אַלע געקוקט ווי אויף אַ „כערליאַק״. צו זיי פלעגן קומען בחורים פון דעם גאַנצן שטעטל, מען פלעגט זינגען, לאַכן און אַוועקגיין שפּאַצירן הינטערן שטעטל.

אַרום זיינען אַלטע און יונגע וועלדער געלעגן. נאָנט פון שטעטל, עטלעכע טריט אַ ביסל, אַ פאַרזייט פעלד און באַלד הייבן זיך די טורעמס פון דיביימער.

די פרודנער וועלדער...

פּאָטאָצקיס וועלדער...

די ביאַלאָוועזשער וועלדער.

מען פלעגט אַוועקגיין און לאָזן דעם בלייכן זעליקן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן הויז. דער „כערליאַק״ האָט אָבער גענומען קריכן צו דער זון, ווי אַ קאַץ...

ער האָט לאַנגזאַם געעפנט די אויגן, האָט גענומען אויף אַלץ קוקן מיט נשמה, מיט הארץ, מיט לעבן. פרילינג איז געקומען פון די וועלדער, פון אונטער די וועלדער, פרילינג איז געהאָנגען מיט ווייסע קוויטן אויף אַלע פרוכט-ביימער, געקרייזלט זיך מיט ווייסע לאָקן אויף יעדער צווייג און צווייגעלע.

צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען אַזוי פיל גרינס, אַזוי פיל

וואַלד. ער האָט געגומען לאַנגזאַם שפּרייזן, ווי דאָס גאַנצע תחית־המתים־לעבן וואָלט אים גערופן צו זיך, אין זיך. יעדן טאָג איז ער אָפּגעגאַנגען אַ ביסל ווייטער, אין אַן אַנדערער ריכטונג, ווי אַן אויסקוקער. דאָס נייע שטעטל מיט די נייע מענטשן האָט אים מיט גאַרנישט פאַראינטערעסירט. דאָרטן, אונטער די ביימער, אונטער די פעלדער ליגט דער סוד פון פרייד און האָפנונג... ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז ער שטייט ווידער אויף די פיס, די ערד איז זיינע ווי אַלעמס. די דאַרע, אויסגעצויגענע באַקן זיינען רונדער געוואָרן, די קראַנקע בלאַסקייט איז אַראָפּ, אָנשטאָט דער בלאַסקייט איז געקומען דער ברוינער קאָליר, וואָס די זון האָט אַנגעכמאַליעט, די הענט זיינע זיינען שוין איצט נישט געהאָנגען ווי פרעמדע.

איצט האָט ער זיך שוין אַליין אָפּגעטיילט פון אַלעמען. פאַרשווונדן געוואָרן אויף שעהן אין דער אומגעגנט... ער האָט ליב געהאַט צו שפּרייזן ווייט־ווייט ביז מידקייט און דערנאָך אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. זי, די גרויסע ערד, זאָל די מידקייט צונעמען, ווי זי נעמט אַלץ צו... און מיט פיל אומבאַגרענעצטע פרייד אַוועקגעלאָזט די פּאָר אויגן זיינע אין רוים פון הימל, ווי צוויי לייכטשוועבנדיקע טויבן...

אַמאָל פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן און דערביי דערפילן אַ טעמפּן ווייטיק אין האַרץ:

דאָרטן...

אין שטאָדט, דאָס שמאָלע ווייבל, די באַלעבאָסטע זיינע... וואָס האָט זי פון אים געוואָלט? ער פלעגט ווערן בייז אויף דער גאַנצער שטאָט! געגן אים איז אַן אומרעכט באַגאַנגען געוואָרן. נישט געקענט זיך נאָך געבוי פונאַנדערקלויבן אין דעם פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון רעכט און אומרעכט, פון מענטשנס שלעכטע און גוטע געפילן און זיטן. אָנשטאָט צו געפינען אַן ענטפער אויף די אַלע

אומרויקע פראַגן, פלעגט די בלויקייט פון הימל און די גרינקייט פון פעלדער-וועלדער דערטרינקען אין זיך אַלע זיינע געדאַנקען.

ער פלעגט אויפהערן צו טראַכטן.

דערנאָך פלעגט ער גיין צוריק אַן אָנגעלאָדענער פון די אַלע פאַרבן. אָט איז אַ שטיק לאָנקע, אַ קוואַדראַט ערד מיט שפּאָגל-ניי-עם גראָז און אויסגעמישט איז דאָס גראָז מיט אַ סך געלע מאַי-בלומען.

אָט שטייט אַן אַלטער קאַשטאַן און וואַרפט אַ רונדן שאָטן אויף זיין שטיק ערד. ער בליט, דער אַלטער בוים, מיט הונדערטער, מיט טויזנטער ווייסע לייכטער בליט ער... זעליק האָט נישט איין-מאָל געעפנט פון פרייד דאָס מויל, געוואָלט שרייען פון פרייד...

ער... ער איז שוין געזונט, זאָל מען אויפהערן אויף אים צו קוקן, ווי אויף א „כערליאַק”.

— ווי זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן?

מען פלעגט אים פאַרשיטן מיט פראַגן, שטראָפן אים:

— אַ קראַנקער מענטש זאָל אַזוי פיל אַרומלויפן.

האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ פולער ברוסט, אַזוי הויך זיך פונאַנדערגעלאַכט. אַלע האָבן אויפגעהויבן פאַרוווּנדערט די אויגן אויף אים, ער אַליין האָט זיך אויך פאַרוווּנדערט.

— ווער איז אַ קראַנקער מענטש? גיט מיר גאָר עסן, וועט איר זען, ווי קראַנק איך בין.

און ביסלעכווייז, מען האָט אָנגעהויבן אויף אים קוקן מיט אַנדערע אויגן. די פיר פרויען פלעגן זיִם איצט שוין נישט אויס-מיידן. זיי האָבן דערשפּירט בא זיך אין הויז אַ יונג לעבן, אַ בחור, און די אייגעלעך בא זיי האָבן געבליצט און געלויכטן, אויף די ליפּן זיינען געבוירן געוואָרן נייע שמייכלען...

זעליק...

ער האָט באַמערקט די אַלע בליקן אויף זיך, ער האָט זיך

אָבער אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, געלאָפן כסדר איבער די פעלדער און וועלדער.

און שוין גאַנץ אָפּט געטרוימט פון... פּאַיען.

די מיטלסטע טאָכטער פון וואַלד־הענדלער. זי איז געשטאַנען אין שידוכים, נאָר איר איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען. שדוכים — דאָס איז דעם טאַטנס קאָפּ־פאַרדרייעניש. זי האָט געלאַכט צו אַלע בחורים, געשמייכלט צו זעליקן און זיך איבערגענומען מיטן פריילינג מער ווי אירע דריי שוועסטער.

איינמאָל האָט געגאָסן אַ רעגן, אַלע זיינען אַריינגעלאָפן אין שטוב און דורך אָפענע פענסטער זיך צוגעקוקט, ווי די גרויסע רעגן־טראָפּנס האָבן זיך געבולבעט אין די אָנגעלאָפענע סאַזלקעס. גרינס האָט זיך געוויקט אין נעץ, זיך אָפּגעפרישט און פריי אָפּ־געאָטעמט, — קיין איין בוים האָט זיך נישט באַהאַלטן פאַר דעם רעגן.

און אָט איז די פּאַיע אַרויסגעלאָפן אַ באָרוויסע און גענומען טאַנצן אויף דער נאַסער ערד. עס האָט אויף איר געגאָסן, און וואָס מער זי איז דורכגענעצט געוואָרן, אַלץ פריילעכער איז זי גע־וואָרן... פּלוצלינג האָט זי אויפגעהויבן דאָס קליידל אַביסל העכער און ווייטער געטאַנצט.

אָפּגעדעקט אַ פּאָר נאַקעטע פיס... אַ ביסעלע צו הויך. זעליק איז געשטאַנען און צוגעקוקט. אויסגעדאַכט האָט זיך אים, אַז זי האָט עס אומישנע געטון. ער האָט אויפגעציטערט, ער האָט זיך דער־פילט אינגאַנצן. עס האָט זיך אים דערמאָנט דאָס ווייטע פעלד, וואָס ליגט צווישן די פּרודנער וועלדער, דאָרטן האָט ער ליב גע־האַט מער צו פאַרברענגען ווי אַנדערש־וווּ...

אַנטלויפן דאָרט און אויסשרייען צו אַלץ וואָס לעבט און בליט, צי אַלעמען און צו קיינעם נישט אַ געשריי טון, אַז ער איז יונג און געזונט, אַז פּאַיע איז אויך יונג און געזונט.

פון דאמאָלס איז אים ליב געוואָרן דאָס ווינקל, ווו זי האָט זיך געפונען, ער האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי ער האָט זי גע־זוכט אומעטום מיט די אויגן.

און זי האָט אים אויך נישט אויסגעמיטן.

אין שטעטל האָט מען אים שוין געקענט.

עטלעכע יונגעלייט האָבן זיך נאָכגעפרעגט, צי ער איז נישט דער זעלבער זעליק קאַמעניעצקי, וועמעס ליד עס איז געווען גע־דרוקט אין דער פעטערבורגער צייטונג.

ער האָט זיך פון דעם דערפרייט... זיין נאָמען...

זיין נאָמען בלאָנדזשעט שוין איבער שטעט און שטעטלעך...

אַ שטיל באַהאַלטענער שטאָלץ האָט אַרומגעכאַפּט זיין אויפגעוואַכטע נשמה און קיין איין זאַך האָט זיך אים נישט געוואָלט אַזוי באַ־האַלטן טיף אין האַרץ, ווי דעם דאָזיקן שטאָלץ.

ער האָט זיך אויסגעלערנט צו בלייבן גלייכגילטיק, בשעת ער פלעגט הערן אַ קאָמפּלימענט אויף זיין חשבון, נאָר יעדעס וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט וועגן אים, האָט ער גענוי אָפּגעוווּיגן און באַטראַכט. ווען אַלע אַרום האָבן געטומלט, האָט ער געשוויגן און דערפאַר האָט שפּעטער זיין וואָרט מער געווירקט.

ער האָט ווידער גענומען לייענען. ווער עס האָט נאָר גע־האַט אַ ביכל אין שטעטל האָט מען עס געטראָגן צו זעליקן. וויל ער לייענט און פאַרשטייט.

ער האָט ווידער גענומען פאַרשרייבן שטיקלעך פּאַפּיר. יע־דער טאָג האָט אים אַנדערש אויסגעזען. יעדן אָוונט פאַרגייט די זון אַנדערש, מיט שענערע פאַרבן...

און דאָרטן אויף דעם שטיק פרייען פעלד צווישן די פּרוד־נער וועלדער, דאָרטן האָט ער אַ סך געטראַכט און באַטראַכט יעדער קלייניקייט פון פאַרגאַנגענעם טאָג.

דאָס איז געווען אַ מאָלעריש שטיק פעלד, געשטאַנען אין טאָל

און די וועלדער ארום האָבן זיך אויפגעהויבן אויף א בערגל. דאָס פעלד איז געווען פארזייט מיט קאָרן און אין עטלעכע ערטער מיט גריקע, וואָס האָט געבליט און געבלומט. אהער האָבן זיך געצויגן אַלע שטראַלן פון דער זון, פאַר וועלכע די וועלדער האָבן צוגע-מאַכט זייערע טויערן. באַם סאַמע עק פון דעם פעלד, שוין הארט באַם וואַלד, איז געלעגן א שטיקל לאָנקע מיט יונגן גרינעם גראָז, א האַלבער מנין אַלטעביימער, צוויי ליפּעס און דריי עפּל-ביימער האָבן עס באַשאָטנט.

אין דעם ווינקל האָט זעליק פאַרברענגט א סך שעהן. איינ-מאָל פאַרנאַכט, ווען ער האָט געוואָרפן א בליק אויף די בוימער ארום, אויף דעם קלאָרן הימל, ווען ער האָט דערהערט דאָס גע-זאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די וועלדער...

אַליין, אַליין איז ער דאָ געשטאַנען און א טיפע פרייד איז געוואַקסן אין אים. דאָס איז געווען אַן איינזאַמקייט, נאָר אַן איינ-זאַמקייט א געזאַלבטע, ער איז געווען אומבאַוווסטזיניק-שטאָלץ באַ זיך, וואָס ער האָט אויסגעפיגען דאָס דאָזיקע ווינקל, אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נאָר דאָ, אויף דעם פּלאַץ, איז אַזוי שיין די וועלט, אַז נאָר דאָ פלאַטערן אַזוי פיל קאָלירטע שמעטערלינגען און די פייגעלעך זיינען זיך דאָ צענויפגעקומען פון אַלע פעלדער-וועלדער פון דער גאַנצער וועלט...

ער האָט נאָכאַמאָל ארומגעכאַפּט דעם גאַנצן פּלאַץ מיט זיינע אויגן און געדאַנקלעך אָנגערופן דאָס פעלד מיט א נאָמען: „דאָס האַרץ פון פרילינג“...

ער איז באַגייסטערט געוואָרן און פון יענעם אָוונט האָט ער גענומען שרייבן א גרויסע פּאָעמע. יעדן טאָג האָט ער געברענגט ביי קלאַנגען און פאַרבן פון פעלד און אַלץ איז דאָס פאַרזיגלט געוואָרן אין זיינע ריימען.

ביין, פריִער האָט ער נישט געאַרבעט מיט אַזאַ זיכערקייט. פריִער האָט ער נישט געגלייבט אין זיך...

ער האָט שוין געבויט בייע פּלענער, ער וועט דאָ זיין דעם גאַנצן זומער, אָנזאַמלען פאַרבן, אָנזאַפּן אין זיך דעם אָטעם פון דער נאַטור, ענדיקן די פּאָעמע און אַוועקפאָרן קיין ווילנע. דאָרטן זיינען פאַרהאַן שרייבערס, פּאָעטן, יידישע צייטונגען... ער וועט ליידן, אַלע מוזן ליידן איידער מען דערגרייכט עפּעס. יוכוויצעס ווערטער האָבן אים געקלונגען אין זיינע אויערן, יוכוויצעס גוטער בליק איז אים נאָכגעגאַנגען.

דער אייבציקער מענטש, ווֹעמען זעליק האָט געגלייבט, איז געווען יוכוויץ און נאָך אים אַליין האָט ער געבענקט. ער האָט שוין צו אים אָנגעשריבן עטלעכע בריוולעך, דערציילט אַלצדינג, ווי ער פילט זיך דאָ, און יוכוויץ האָט אים שטענדיק צו דער צייט געענטפערט און געלייענט האָט זעליק זיינע בריוו מיט דער גרעסטער פרייד

— מיין יונגער פריינט, — פלעגט ער אים אָנרופן.

— איך וועל נאָך אַמאָל שטאָלצירן מיט אייך.

זעליק פלעגט זיך ווּנדערן: וואָס גלייבט ער אַזוי, יוכוויץ, אין אים? און פון יענעמס גלייבן איז דאָך באַ אים עפּעס געבליבן, עפּעס, וואָס האָט געמוטיקט און געמונטערט.

איצט האָט זיך שוין דער פרילינג צעטרייסלט און גענומען שיטן פון די ביימער ווייסע פליטערלעך: אויסגעזען האָט עס, ווי ריזיקע פייגל וואָלטן זיך געפעדערט.

אָט די ווייסע פליטערלעך! מען טאָר עס נישט לאָזן פאַרלוירן גיין, קיין אייבציקס נישט. זעליק האָט עס אַלץ איינגעפלאָכטן אין זיין פּאָעמע: „דאָס האַרץ פון פרילינג"... ער איז מיט פרייד געלאָפן צו זיין אַרבעט; אַ סך מאָל פלעגט ער בלייבן שטיין, דער

געדאַנק פלעגט אַזוי זי טעמפּ ווערן, אַפילו די בלומען פון זײַנע אויסגעוויילטע לאַנקעס האָבן נישט געהאָלפן.

עפּעס האָט געפעלט...

איינמאָל, בשעת ער האָט געאַרבעט, שוין אין שפּעטן אָוונט. אַרום שטוב און אין שטוב איז שטיל. חברה יונגוואַרג איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, אוודאי שפּילן זיך אויפן סטאַוו.

זעליק האָט אויפגעהויבן די אויגן.

פון פענסטער־ראַנד האָט געקוקט אויף אים אַ לאַכעדיקער קאָפּ.

פאַיע...

— איר זענט משוגע געוואָרן, זעליק?

— וואָס איז?

— אין אַזאַ אָוונט זיצן פאַרשפּאַרט אין צימער! ער איז אַרויסגעגאַנגען צו איר, געווען גליקלעך, וואָס זי איז דאָ אַליין מיט אים:

— וווּ זײַנען אַלע? פאַרוואָס זענט איר נישט מיט זיי?

— ווייל איך בין מיט אײַך... געקוקט אים אין די אויגן אַרײַן און געלאַכט, געווען אײַנגאַנצן אונטער דער ווירקונג פון דער נאַכט.

דאָס שטעטל איז געלעגן ווי אַ פעסטונג אַרומגערינגלט מיט אַ שוואַרצן וואַלד און די לבנה איז געשווומען אין איר זילבערנעם העלם, ווי אַ שומר... אויסגעקוקט, אָפּגעהיטן...

ער האָט אַליין נישט געדענקט, צי זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, צי ער — איר? צען פינגער האָבן זיך אײַנגעפלאָנטערט איינער אין צווייטן...

— וווּ גייען מיר? — האָט זי געפרעגט, פונקט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג אַזעלכע שפּאַצירן געמאַכט.

— אין דער נאַכט אַרײַן! — האָט זעליק געענטפערט און

האָט אויפגעהויבן אויף איר די אויגן: זי איז געווען די שענסטע אין שטוב. אַ יידישע טאָכטער מיט שוואַרצע, ערנסטע אויגן און מיט אַ פּנים פון אַ יהודית, נאָר יעדער רגע לויפט דער ערנסט אַראָפּ פון איר פּנים, אַזוי ווי אַ פויגל, וואָס קען נישט איינזיצן אין נעסט.

געווען אַ שטיפערקע, אַ דרייסטע...

דאָס שטעטל איז שוין געשלאָפן, דאָס יונגוואַרג איז ערגעץ אַרומגעלאָפן, פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ געשריי, אַ געלעכטער.

זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען ווייט הינטערן שטעטל. גערעדט, געלאַכט... גערייצט זיך איינער דעם צווייטן מיט ריזיקאַלישע אָנצוהערענישן און זעליקן האָט זיך כסדר דערמאָנט זיין געוועזענער חבר לייבעטשקע, וועלכער פלעגט אַוועקגיין מיט די מיידלעך צום פעלד און דערנאָך פלעגט ער דערציילן אַזעלכע מאָדנע זאַכן.

עס האָט אים געקלאַפּט דאָס האַרץ און אַ זודיקע נייגעריקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. געגאַנגען ווייטער. איצט האָט ער זי שוין געפירט אונטערן אָרעם און דאַכט זיך, דאַכט זיך, אַז זיינע ליפּן האָבן זיך שוין צוגערירט צו אירע ליפּן, צו איר האַלדז, צו אירע האָר.

ער האָט זי געפירט צו זיין ווינקל, צו דער לאָנקע, וואָס ליגט צווישן די פּרודנער וועלדער, צו „דעם האַרץ פון פרילינג" האָט ער זי געפירט. זיי האָבן גערעדט, נאָר אַרום איז געווען אַזוי פיל שטילקייט און שווייגעניש, אַז זיי אַליין האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי שווייגן אויך.

„דאָס האַרץ פון פרילינג" איז איצט געווען באַלויכטן, ווי אַ טייכל צווישן בערג, אַרום זיינען די שוואַרצע וועלדער געשטאַנען. די לבנה האָט איר פּנים געבאָדן אין יונגן גראָז. עלטערע פערד

האָבן זיך פון ווייטנס געפּאַשעט, צוגעשפּרונגען אויף די געפּעגטע־טע פּיס און געקייט דאָס גראָז.

פלוצלינג האָט זיך איין פערד פונאַנדערגעהירזשעט...

פּאַיע האָט אַ ציטער געטון און איז צוגעלאָפן פון שרעק צו זעליקן, מיט איר גאַנצן קערפּער צוגעפּאַלן. איר שטייפע ברוסט האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן זיין ברוסט... דאָס בלוט אין אים האָט זיך צעשפּילט.

און דאָס פערד האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געהירזשעט. אַריינגעשריגן אין דער נאַכט אַריין מיט זיין ווילדן סטעפּ-קול און דער עכאָ פון געשריי האָט זיך אָפּגעקייקלט אין דעם חושך פון אונטער די וועלדער, ווי צעפּלאָסענער, שוואַרצער גראַניט, ווי אַ שוואַרצער דונער. עס האָט עפּעס דערמאָנט די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זיך פעסט צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. עס האָט דערמאָנט אָן אוראַלט, אָן געבוירונג און אָפּשטאַרבונג. די נאַכט איז פון דעם דאָזיקן געשריי גרעסער געוואָרן, נאַכטיקער, טיפער, געהיימער.

ווי אַ באַלוינונג פאַר איר שרעק, האָט זעליק פּאַיען געגו־מען קושן און זי האָט זיך צו אים געטוליעט שטאַרקער, שטאַרקער, מיט ליידנשאַפט און פאַרטרויונג. שווייגנדיק איז זי געווען, ווי אַ בוים פון די נאָנטע וועלדער, אַ בוים, וואָס איז פּלוצלינג לעבעדיק געוואָרן, ווי אַ מענטש, און גענומען ברענען, שווייגנדיק ברענען.

אויפן גראָז זיינען זיי אומגעפאַלן, איינגעפּלאָנטערט אין די אָרעמס, צוגעשמידט אין די קושן...

זעליק האָט געכאַפּט מיט די אויגן איר פּנים, זי איז געווען בלאַס, מיד, צערייצט און דאַכט זיך, דאַכט זיך, אַז אירע ליפּן האָבן קוים געשמייכלט, שעלמיש, חוצפּהדיק און זיגעריש...

זיינע...

די גאַנצע וועלט, די גאַנצע נאַכט האָט זיך אָנגעצונדן און

זיך צעטאַנצט אין אַ יוגנט-טאַנץ, אין אַ טאַנץ פון יונגן בלוט און אַלטן וויין...

זיינע...

שפּעטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און ווידער אַ מאָל געטון צו דער ערד, גענומען קושן די אָפּגעקילטע פון דער נאַכט גראָזן, צוגעלאָפן צו איינעם פון די ביימער, דעם בוים גע-קושט, צו מאַיען האַסטיק צוגעשפּרונגען און באַשאָטן מיט קושן איר קאָפּ, די האָר, דאָס פּנים, דאָס קלייד...

זי האָט אויפגעעפנט אויף אים ברייט אירע אויגן, זיך מיד פונאַנדערגעלאַכט:

— משוגענער! וואָס איז מיט דיר?

האָט ער זי ווידער געקושט פאַר די עטלעכע ווערטער.

— משוגענער... ווען מען זאָל דאָס קענען פאַר מענטשן דערציילן, וואָס איז מיט דיר, יונג?

האָט ער זיך אָנגעקגעזעצט שטיל, רויק און געהאָרכזאַם.

ער האָט גענומען דערציילן פון זיך, פון קובאַן, פון זיידן מיט די פעלעכלעך, פון דעם דלות בײַ זיי אין שטוב, פון פּומפּיאַנ-סקין, און צום סוף פון אידאַן, פון שמערקעסן... דערציילט, מתוודה געווען זיך פאַר דער שווייגנדיקער מאַיע.

זיין דערציילן האָט אויף איר געווי[illegible]

זי האָט אויך פון זיך גענומען דע[illegible] געווען דאָ פאַר צוויי יאָרן אַ סטודענט, אַ לעבעדיקער בחור מיט געקרויזטע גע-דיכטע האָר, ער האָט געלערנט מיט אירע שוועסטערן און מיט איר, מיט מאַיען האָט ער געטון דאָס זעלבע וואָס איצטער... זע-ליק. אָן טרויער, מיט שמייכל געדערט און געטוליעט זיך צו זע-ליקן ביז פאַרטאָג.

וויפיל מאָל האָבן די העגער שוין געקרייט?

ווִיפֿיל מאָל האָט דער נאַכט־פֿויגל שוין אַ קוויטש געטון אי־
בער די וועלדער?

און די וועלדער אַליין? ווִיפֿיל מאָל האָבן זיי זיך שוין צע־
רוישט פֿון לייכטן נאַכט־ווינטל?

די לבנה איז אַוועק אונטער די וועלדער, און פֿון דער צווייִ־
טער זייט, פֿון מזרח זייט, האָט זיך גענומען העלן. דער גרויסער
טאָג האָט אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ איבער די וועלדער און ווי אַ
שפּיאָן אַ קוק געטון אויף דעם פֿאָרל.

עס איז שוין גוט ליכטיק געווען, ווען זיי זייַנען אַהיים גע־
גאַנגען...

עפּעס מער ווי פֿריינט, ווי געטרייע פֿאַרשווערער, אָנפֿאַר־
טרויט זיך איינער דעם צווייטן, אָפּגעגעבן דעם צווייטן אַלץ, און
גאָרנישט פֿאַרלאַנגט דערפֿאַר, אפילו נישט דערמאָנט דעם מאָרגן...

אַרייַנגעגנבעט זיך אין שטוב און שלאָפֿן געגאַנגען.

ווען זעליק איז געבליבן אַליין, איז ער די ערשטע רגע אַזוי
ווי צעטומלט געוואָרן. אַלץ... אַלע זייַנע באַגריפֿן האָבן זיך צע־
פּלאָנטערט אין זייַן קאָפּ. דאָס לעבן איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווי
ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט... פֿאַרהאַן אַ סך מער דרייסטקייט, אַ
סך מער פֿרייהייט און אַ סך מער מעגלעכקייטן צו לעבן און געניסן־
הערט נאָר...

דאָרטן האָט אים איינע קראַנק געמאַכט, כּדי ער זאָל דאָ
קומען און געזונט ווערן...

באַגעגנען אַ צווייטע און דורכלעבן אַזאַ נאַכט. דאָס לעבן
האָט אים אויסגעזען ווי צעטיילט אויף צוויי העלפֿטן; אינמיטן
שטייט אַ פֿאַרקאָן. ביז ערשט האָט ער געקוקט אויף איין זייט, איצט
האָט ער זיך פֿאַרטראַכט: עס לוינט אפשר אַרויפֿצוקלעטערן אויפֿן
פֿאַרקאָן און אַ קוק געגעבן, וואָס עס טוט זיך אויף דער צווייטער
זייט און אפשר טאַקע אינגאַנצן אַריבערקלעטערן.

ער איז איינגעשלאָפן אַ רויִקער. געחלומט האָבן זיך אים צע־טומלטע פערד מיט לאַנגע גזשיוועס, זיי זיינען אַרומגעפלויגן אין סטעפּ און געהירזשעט ביזן הימל אַריין... און ער לויפט אַרום אַ נאַקעטער אין פעלד, ער יאָגט זיך, יאָגט זיך און קען פאַר קיין פאַל נישט כאַפּן איינעם פון די ווילדע פערד.

באַטאָג איז די גאַנצע משפחה געזעסן אויפן הויף, אונטערן שאָטן פון עטלעכע קאַרשן־ביימער. איז דאַמאָלס געקומען אַ ייִד און האָט אָוועקגערופן פאַיעס טאַטן, דער טאַטע האָט דערנאָך אַריינגע־רופן אין שטוב די מאַמע און נאָך שפּעטער האָט מען אויך פאַיען אַריינגערופן.

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און, פאַרביילויפנדיק זעליקן, האָט זי מיט אַ שמייכל אים צוגעוואָרפן ?

— מען רעדט מיר שידוכים... וואָס זאָל איך טון ?

און אַזוי כמעט יעדן טאָג פלעגן קומען שדכנים, מען פלעגט רופן פאַיען און פרעגן איר מיינונג, זי פלעגט כסדר בראַקירן. צו זעליקן פלעגט זי זאָגן:

— מיר וועלן שוין דאָס לאָזן אויף ווינטער מיט די חתנים...

און פאַרנאַכט פלעגט זעליק אויף איר וואַרטן.

קיינער האָט זיי נישט געשטערט, קיינער האָט זיי נישט נאָכ־געקוקט. די מאַמע איז געווען אַ גוטמוטיקע קו. דעם טאַטן איז גע־גאַנגען אין איין זאַך: זיינע בנים זאָלן דאַוונען. די שוועסטערן פאַיעס האָבן אַליין געזוכט מיט וועמען צו פאַרברענגען...

אַלע האָבן געוווּסט, אַז זעליק „שלעפּט" זיך אַרום מיט פאַיען גאַנצע נעכט. זאָל זי זיך אַרומשלעפּן די כלה־מויד, מען רעדט דאָך איר שידוכים — ווי לאַנג וועט זי זיין פריי ?

אַז זי פלעגט אַמאָל איינבייסן זעליקן ביז ווייטיק, ביז ער פלעגט אַ קרעכץ טון, האָט זי געהאַט פאַר אים אַזעלכע ווערטער:

— קרעכץ נישט! מיין חתן וועל איך אַזוי נישט קושן מיין מאַטע האָט פאַר אים פיר טויזנט רובל... דאָס וועט זיין געַנוג פאַר אים.

און זעליק האָט געקוקט אויף איר מיט אויגן פול מיט טריי־הייט. געווען מאָמענטן, בעת ער האָט שטאַרק געליטן פון דעם געדאַנק, אַז אויך זי איז נישט זיינע. צווישן אים און איר שטייען די שדכנים מיט איר טאַטנס פיר טויזנט רובל, נאָר לאַנגזאַם האָט זיך אין אים איינגעפלאַנצט דער געדאַנק, אַז פריִער פאַר אַלץ באַדאַרף מען נעמען אַלץ, וואָס לאָזט זיך...

נישט קיין דייטלעך געפיל איז דאָס דערווייל געווען. עס איז אין אים געוואַקסן צוזאַמען מיט זיין שטאָלץ און זיכער־קייט אין זיך.

דערמאַנט זיך אים אַמאָל זיין שטאָט, מיט אַלע פאַר־גאַנגענע צרות, פאַלט עס גלייך אַראָפּ אין אים, ווי אַ ביטערער פּיל. נישט געוואָלט טראַכטן פון אידאַן, — זי האָט אים אויסגעזען דאַר און מיאוס אַנטקעגן פּאַיען...

און די נעכט אין „האַרץ פון פרילינג" האָבן נישט געלאָזט טראַכטן.

די לאָנקע האָט זיך גרויסאַרטיק צעוואַקסן. איצט האָט זיך אַ מענטש געקענט גאַנץ זיכער באַהאַלטן אין די גראָזן. די וועלדער אַרום האָבן געשמעקט פון די נייע צוגעוואַקסענע באַדלען. פון מעשענע סאָסנעס האָט געטריפט מיט פּעך, פון די נעסטן האָבן יונגע שנעבעלעך זיך אַרויסגעשטעקט און געליאַרמט צום וואַלד, צום הימל און צו זעליקן, וועלכער האָט די אַלע קלאַנגען אויפגע־כאַפּט.

אַהיים האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז ער איז געזונט, אין שטאָט וועט ער מער נישט קומען, סוף זומער פאָרט ער אַוועק קיין ווילנע... צו יוכוויצן האָט ער אויך אָנגעשריבן אַ גרעסערן

בריוו, אין וועלכן ער האָט אָפּנהערציק דערציילט אַלץ, וואָס ער לעבט דאָ איבער, דערציילט וועגן די באַגעגענישן מיט פּאַיען...

יוכוויץ האָט אים געענטפערט מיט עטלעכע אַלעגאָרישע פראַזן:

„אַלע קינדער מאָזלען און אַלע יונגע בחורים פאַרליבן זיך."

„איך גלייב, אַז נאָך אייער צווייטער מפּלה וועט איר שוין נישט ליידן, אַזוי פיל, ווי נאָך דער ערשטער."

זעליק האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און געדאַנקט אין האַרץ דעם יוכוויצן פאַר זיינע שפּאַסן. ער איז געוועזן רויק, צום ערשטן מאָל אין לעבן נישט פאַרביטערט קעגן קיינעם.

אָט, אַזוי ווי דער זומער מיט די הייסע טעג, מיט די רויטע פאַרנאַכטן, — פון גאָרנישט געטראַכט. פּאַיע איז געפאָרן מיט דער עלטערער שוועסטער אויף עטלעכע טעג קיין וואָלקאָוויסק, איינגעקויפט שטאָף אויף קליידער און וועש, געקומען צוריק און לאַכעדיק געזאָגט צו זעליקן:

— קיין חתן האָב איך נאָך נישט און מען מאַכט מיר שוין התונה-קליידער.

זעליק האָט זיך צוגערוקט צו איר נענטער, געקושט און געשעפטשעט:

— האָסט נישט קיין חתן, גנבטע! האָסט נישט קיין חתן?

און צוויי פאָר יונגע ליפּן בייסן זיך איין אין א קוש, ווי צוויי ווילדע חיהלעך וואָלטן זיך אויף טויט און לעבן געראַנגלט...

אָפּגעריסן די ליפּן און זי שפּאַסט שוין די העזהניצע:

— אַי, גוט... פונקט, ווי זי וואָלט אויפגעגעסן א גן-עדן-עפּל.

באַטאָג פלעגט זעליק אַרומבלאָנדזשען אין דער אומגעגנט, אַריינגיין אין אַ נאָענט דאָרף אָדער צום וואַלד-וועכטער. דאָ און דאָרט האָבן יונגע שיקסעס געאַרבעט. אין די זומערדיקע הייסע טעג זיי-

נען זיי אַרומגעגאַנגען כמעט נאַקעט מיט הויכע בוזעמס, מיט גע-זונטע פיס זיינען זיי געשטאַנען אויף דער נייגעבוירענער ערד און געשטשירעט מיט די ווייסע ציין...

געלאַכט צו יעדן מאַן און צו זעליקן אויך.

געווען זיינען באַ אים מאָמענטן, בעת ער האָט געפילט, אַז די פּאַיע אַליין איז אים ווייניק. אָט, אַוועקלאָזן זיך נאָך דער אָדער יענער שיקסע, כאַפּן זי און אַוועקפירן אַהין, אין ז י י ן טאָל, אין „דאָס הארץ פון פרילינג".

די געזונט-געוואָרענע אָרעמס האָבן געזוכט ארבעט: אין וואַלד פלעגט ער אָפּברעכן פון דיביימער געזונטע צווייגן, אויפן שאָסיי פלעגט ער כאַפּן באַם שטיינערהאַקער דעם גרויסן האַמער און נעמען שמעטערן די שטיינער אויף קאַשע.

און באַ די קרובים זיינע האָט מען זיך נישט געקענט אָפּ-וווּנדערן: געבראַכט האָט מען צו זיי אַ „כעריליאַק", אַ נפש פאַרן בית-עולם, און דאָ גייט אַרום אַ יונג און עסט פאַר דריי, שטייערט זיך מיט אַלעמען...

זעליק פלעגט אַ סך מאָל אַליין זיך וווּנדערן אויף דער אי-בערקערעניש, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען. ער פלעגט דאַמאָלס עמעצן דאַנקען דערפאַר. געהויבן די אויגן צום הימל, פונקט, ווי ער וואָלט זוכן גאָט און געוואָלט האָט ער בעטן באַ דעם זעלבן גאָט, אַז דער זומער זאָל אַזוי גיך נישט אַוועקגיין.

נאָר דער זומער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגערוקט. איינמאָל, ווען זעליק איז געקומען אין זיין גרינעם טאָל צווישן די פרודנער וועלדער, האָט ער באַמערקט אַ מחנה פויערים, זיי זיינען געשטאַנען מיט קאָסעס און אַראָפּגעשניטן דאָס הויכע גראָז...

איין רגע.

ער האָט געוואָלט צו לויפן צו די פויערים, אַרויסרייסן באַ זיי די גלאַנציקע קאָסעס און זיי פאַרטרייבן פון דאַנעט.

זיין ווינקל, דער מקום פון זיינע חלומות, פון זיין ליבע.
עס האָט אים געצופּט באַם האַרץ, און די קאָסעס זיינען געשוועמען איבער די גראָזן, וועלכע פאַלן כסדר און פאַלן.

אויס, אויס מיטן זומער!

דאָס בילד פון זיין פעלד, וואָס שטאַרבט אָפּ, האָט אים אַזוי ווי ניכטער געמאַכט: ער איז געזונט, ווי לאַנג וועט ער דאָ זיצן באַ זיינע קרובים? זיי זיינען דאָך פרעמדע מענטשן פאַר אים. מען דאַרף עפּעס נעמען טון, ער האָט ווידער געטראַכט, אַז מען דאַרף „ווערן אַ מענטש".

ער האָט געטראַכט פון ווילנע, אומעטיק געוואָרן און מיט עקשנות געטריבן פון זיך דעם אומעט.

געבליבן שטיין נישט ווייט פון שטעטל, אָפּגעמאָסטן זיך אַליין פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַ בליק, אויסגעצויגן די הענט... איינמאָל, צוויי מאָל און נאָכאַמאָל צו זיך אַליין געמורמלט:

— געזונט, איך בין געזונט, מען דאַרף זיך נעמען צו עפּעס.

פונדערהיים האָט ער באַקומען עטלעכע רובל. פון יוכוויצן די לעצטע טעג באַקומען אַ בריוו מיט צען רובל, וועלכע יענער האָט באַקומען פאַר צוויי קאָרעספּאָנדענציעס פון דער פּעטערבורגער צייטונג. יוכוויץ האָט אין בריוו זיך געבעטן, אַז זעליק זאָל די צען רובל צונעמען פאַר זיך און אין בעסערע צייטן וועט מען זיך אויסרעכענען...

ס! ער וועט דעם יוכוויצן נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט...

ר האָט געגעבן צו פאַריכטן און אויספּרעסן זיינע אָפּגעטראָגענע בגדים, עטלעכע מאָל שוין געווען אויף דעם קליינעם וואָקזאַלכל מיט דעם גרויסן אויפשריפט: „אַנדריעיעווצי", אויסגעפרעגט, ווען דער צוג גייט אָפּ און ווען ער קומט קיין ווילנע...

געווען באַטאָג זייער ערנסט פאַרטראַכט.

אין אָוונט איז פאַיע געקומען מיט אים אויף דער לאַנקע. זיי

האָבן צענויפגעשאַרט מיט די פיס אַ ביסל אָפּגעשניטן גראָז — אַ געלעגער.

— דו ביסט אַ בחור, דיר איז גוט — האָט זי צו אים געזאָגט.

— מיר איז אומעטיק, שווער זיך צו שיידן מיט דיר...

קושנדיק אים האָט זי געענטפערט:

— וועט נישט זיין פאַיע, וועט זיין חיה. ער האָט אַ שמייכל געטון. „אפשר איז זי גערעכט?" עך, עס איז פאַרהאַן אַ גרויסע וועלט, — מען באַדאַרף אַ קוק געבן, וואָס דאָס איז פאַר אַ וועלט? אין דער פאַנטאַזיע האָט ער דערזען גאַנצע מחנות פרויען: יונגע, פריילעכע, רייצנדע, און אַלע יאָגן זיך נאָך ליבע...

ער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, ווי ער וואָלט וועלן די אַלע פרויען אַרומנעמען, און דערווייל איז אים בלויז איינע אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס — פאַיע.

זי האָט געלאַכט אויפן קול, אין באַנאַכטיקן פעלד געלאַכט:

— וואָס טראַכסטו? דו פאָרסט דאָך שוין באַלד אַוועק, וועסט זיין ווייט און איך וועל ווערן אַ יידענע, ווי מיין מאַמע...

זי האָט זיך אַזוי נאָענט צוגערוקט צו אים, אַז ער האָט געמוזט אויפהערן צו טראַכטן.

דאָס פרישע גראָז אַרום האָט זיך געטרוקנט און געשמעקט, די שטערן אין הימל האָבן מיט גאָלד געפינטלט, עמעצער האָט אַלץ פאַרשריבן, וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד...

---

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז זעליק אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. אַ האַלב שטעטל איז אים אַרויס באַגלייטן און ער איז געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר, וואָס איז אַריין אין וואַגאָן.

פאַיע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן איר עלטערער שוועסטער, ביידע אַזעלכע שלאַנקע און געזונטע. די צוויי פרויען האָבן

זיך געשושקעט. זעליקן האָט זיך אויסגעדאַכט אין וואַגאָן־פּענסטער, אַז די עלטערע שוועסטער ווייסט פון אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט מיט פּאַיען, זי האָט מאָדנע געשמייכלט צו זעליקן...

דער דריטער קלונג, דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון, זעליק האָט זיך אַזוי ווי איינגעשמידט אין פּאַיעס פּנים. זי האָט אומעטיק געשמייכלט, צום ערשטן מאָל האָט ער באַמערקט אויף איר פּנים אַ שאָטן פון אומעט.

ער איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטער אויף דער האַרטער באַנק פון וואַגאָן און די ליפּן האָבן געמורמלט:

— ס'איז דאָך געווען אַזאַ טייערער זומער, אַזאַ וווילער זומער... ער האָט טרויעריק געטראַכט, אַז אַלע מענטשן לעבן איינער מיטן צווייטן, ווי צונויפגעקייטלטע רינגעלעך און ער איינער איז זיך אַ רינגעלע פאַר זיך.

אָט די פּאַיע, וואָס האָט אים אַזוי פיל גליק געגעבן, וועט איצט פאַרהאַנדלט ווערן פון אַ שדכן... דער טרויער האָט זיך צוגערוקט צו אים פון אַלע זייטן, אין האַלדז האָט זיך געוואָרגן אַ ספּאַזמע... ניין!

ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון אָרט. פאַרביסן די ליפּן און גענומען טראַכטן פון אַנדערע זאַכן: ער פירט מיט זיך זעקס זילבערנע רובל, די פּאָעמע: „דאָס האַרץ פון פרילינג", אַ צעריבענע צייטונג, וווּ זיין ערשט ליד איז געדרוקט געווען, עטלעכע אַלטע בריוולעך פון פאַרשידענע רעדאַקציעס...

און נאָך עפּעס:

אַ טיפע נייגעריקייט צום לעבן און צו זיין אייגענעם שיקזאַל.